ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# חמדת ישראל

## סדר שמות

אידיש

441

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# חמדת ישראל
## על התורה
## סדר שמות

כולל כל תרי"ג מצות ופרטיהן עם הרבה טעמי המצות
מספר החינוך, וסיפורים נאים מגמרא ומדרשים השייכים
להמצות, ונלוה אליו מאמר מספר מנורת המאור
מאת אליהו דוב בהרב הגאון מו"ר ישראל דוד ז"ל מווילקאמיר

דער ספר ענטהאלט, אלע תרי"ג מצות
אויף וועלכע מאנסלייט און פרויענצימער זענען
פערזארגט, מיט נייטיגע דינים, און פיעל טעמים פון מצות,
מיט סיפורים פון גמרא און מדרשים.
אויך אין קורצען די אידישע היסטאריע מיט ריכטיגע ראיות
אויף די הייליגקייט פון דער אמונה, וועלעכע קאן ווירקען
אויף דעם אידישען גייסט און פערשטאנד, צו ליב האבען
דעם דת, דאס פאלק און זיין לאנד

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# ספר שמות

## בא

### ד) החדש הזה לכם ראש חדשים (יב—ב)

די מצות עשה איז, דאס אין דער צייט ווען אידין זייגען גיוען אין ארץ ישראל, אונ האבין געהאט בית דין הגדול, וועלכע זיי האבין געוואוסט כל התורה, אונ האבין דעם גאנג פון דער זונן אונ די לבנה גוט פערשטאנען, איז געווען א חוב אויף בית דין צו אנטפאנגען עדות וועלכע זיי האבין געזעהען אויב די לבנה איז אין איהר בעגייהונג ארויס־געגאנגען.

נאך דעם אבזאגען זייערע עדות, האבען ב"ד אב־געשטימט ראש חדש. אונ געמאכט וויסין דעם כלל ישראל ווען ראש חדש איז. בכדי צו וויסין ווי צו האלטען ריכטיג די ימים טובים.

אויב עס איז ניט געווען קיין עדות אויף דעם ארויס־גאנג פון דער לבנה, האבען בית דין אב־געשטימט ראש חדש דעם איין אונ דרייסיגסטען טאג.

אויך געמט זיך פון דער מצוה דאס וואס מען איז מעבר דעם יאהר, דאס הייסט וואס מען מאכט נאך א חודש אדר. די גמרא אין סנהדרין בעשטימט איבער וועלכע אורזאכע עס פאדערט א צווייטין חדש אדר צו מאכען.

יעצטיגע צייט אבער האבין מיר איין אבגעשטעלטין רעכענונג פון הלל הנשיא. ער וואר דער גרעסטער פון בית דין הגדול אין זיין דור, וואס ער האט אונז פערהיילגט אללע חדשים אויף עוויג. אונ נאך זיין גאנג האלטין מיר דיא חדשים אונ ימים טובים. אונ דיא איינגעשטימטע עבורים, ביז דער צייט פון ביאת הגואל.

נשים זייגען זיך נוהג ניט צו טאהן קיין מלאכה ראש חדש, דער רעכט איז עס זאל קאנטיג זיין ראש חדש אין עסען, אונ בייטין א בגד לכבוד ראש חדש.

דער חדש רעכינט זיך נאך די בעגייהונג פון דער לבנה 29 טעג מיט 12 שעה מיט 793 חלקים פון שעה.

דער רעכענונג מוז דאך אבער זיין מיט גאנצע טעג, האט מען דאפיר געמאכט איין חדש זאל זיין 29 טעג, אונ איין חדש 30 טעג, בלייבט דאך אבער איבער די חלקים פון יעדער חדש, איז דאפיר איין געטהיילט, א מאהל איז מעהר די חדשים פון 29 טעג, אונ אמאהל איז מעהר די חדשים פון 30 טעג. בכדי עס זאלל זיך אויס גלייכען דער חשבון.

ניסן, סיון, אב, תשרי, שבט, זייגען אלע מאהל צו 30 טעג. — אייר, תמוז, אלול, טבת, אדר, זייגען אללע מאהל צו 29 טעג.

חשון, כסלו, א מאהל איז חשון 29, און כסלו 30, א מאהל זיינען זיי ביידע 30, א מאהל זיינען זיי ביידע צו 29.

דער חודש פון 30 טעג הייסט מלא, דער חודש פון 29 טעג הייסט חסר.

דער חודש פון 30 טעג, איז תמיד איין טאג ראש חודש, דער חודש פון 29 טעג איז תמיד צוויי טעג ראש חודש. איז דאס דער כלל, פון ניסן אן גייט עס א חודש איבער א חודש כסדר געביטן, ניסן איז איין טאג ר"ח, אייר איז צוויי טעג ר"ח, אויסער חשון כסלו וואס די צוויי חדשים זיינען נים אלע מאהל גלייך, א מאהל איז איין טאג און א מאהל איז צוויי טעג.

ווען עס איז צוויי טאג ר"ח הייבט זיך אהן דער חודש פון צווייטן טאג, וואדום דער ערשטער טאג ראש חודש איז דער דרייסיגסטער טאג פון פאריגען חודש. נור תשרי ציילט זיך אימער פון ערשטן טאג ראש השנה.

דער יאהר האלט 365 טעג מיט א ערך 6 שעה. דער יאהר איז איינגעטהיילט אין פיער תקופות. תקופת תשרי, תקופת טבת, תקופת ניסן, תקופת תמוז.

פון די טעג פון יאהר איבער די טעג פון די 12 חדשים, בלייבט איבער צעהן טעג מיט א ערך 22 שעה. אויף דעם איז דא דער חודש עיבור.

אין דעם פערלויף פון 19 יאהר דאס רופט זיך מחזור, מאכט מען 12 יאהר צו 12 חדשים, און זיבען יאהר צו 13 חדשים, גלייכט זיך אוים דער חשבון.

די יאהרין פון 12 חדשים הייסט שנה פשוטה, די יאהרין פון 13 חדשים הייסט שנה מעוברת.

דעם עיבור מאכט מען אימער דעם חודש אדר. דער ערשטער אדר איז אימער 30 טעג, דער צווייטער אדר איז אימער 29 טעג.

דער רעכענונג איז א גרויסע חכמה, מיר געפינען נים פאר נייטיג דיא פארברייטערונג פון דעם, ווייל עס איז דא אויף דעם אב־געשטעלטע לוחות.

די חכמים האבען מתקן געווען קדוש לבנה אללע חודש, דאס הייסט מען זאלל מאכען א ברכה אויף דער לבנה מיט דעם אבגעשטעלטין נוסח.

די לבנה דארף זיין קלאהר בעת מקדש זיין, דאס די ליכטיגקייט זאלל דארף זיין עטוואס צו בענוצען.

דער חוב איז אויף יעדער איד, ער זאל מקדש זיין די לבנה אפילו פאר זיך, מעהר מצוה איז מיט א מנין, אדער מיט נאך איינעם.

פיל מענשין האבען א טעות, זיי זיינען נים מקדש די לבנה סיידין מיט נאך מענשען, דורך דעם קומט מאנכע מאהל אז מען פארזאמט די לבנה.

די צייט פון קדוש לבנה איז, פון דריי מעת לעת נאך דעם מולד, ביז דעם פונפצעהנטן אין חודש [1].



1) ועפ"י הרחק אף במ"ו, מאו"י.

שבת און יום טוב איז מען זיך נוהג צו מקדש צו זיין די לבנה, נור אויב עס איז שאהן די לעצטע צייט, דאך מען מקדש זיין שבת און יום טוב אויך.

די קידוש לבנה זאל מען זיך גיין בייגען דען עס ווערט אויס געגעבען בכוח די לבנה חלילה, און דאס ענטהאלט צו עבודה זרה. מען דארף וויסען דאס קידוש לבנה איז נור געשטעלט צו דאנקען דעם בורא וואס ער האט באשאפען די לבנה און אלע הימלישע באשעפענישע. זיי זאלן נוצען פאר דעם מענשען נאך די באשטימונג פון בורא. נאך די ציימן וועלכע ער האט זיי אבער געשטעלט און האבען קיין אייגענע קראפט זיך אום צו ענדערען [1], ווי עס איז געזאגט אין נוסח פון קידוש לבנה.

דער מדרש אין פ׳ בא שרייבט [2] אידען זיינען געגליכען צו דער לבנה, אזוי ווי די לבנה פאנגט אן צו שיינען פון ערשטען טאג און שיינט ביז דרייסיג טעג, ביז דעם פופצעהנטען טאג ליכט זיא גאנץ שוואך, נאך דעם פופצעהנטען טאג לייכט זיא וואס ווייטער וויינינער, ביז דאס דעם דרייסיגסטען טאג לייכט זיא שוין גאר נים. אזוי זיינען אויך אזוי, דער ערשטער דור איז געלויכטען אברהם, ביז דאס שלמה המלך דער פופצעהנטער דור האט געקאנינט, און אידען זיינען געווען אין זיין צייט איבער גליקליך. נאכהער איז ביסלעך ווייס אונטער געגאנגען, ביז אין צדקיהו המלך׳ס צייט דער דרייסיגסטער דור איז שאהן אין גאנצען אונטער געגאנגען, עס איז צו גענומען געווארען די מלוכה פון אידען, און דער בית המקדש איז חרוב געווארען.

מיר אידען גלייבען אבער אין האפנונג אזוי ווי די לבנה פאנגט אן יעדער חודש פון דאס נייע צו לייכטען אזוי וועלן מיר אידען אויך אנפאנגען צו לייכטין פון דאס נייע בעת ביאת הגואל אמן.

אזוי ווי מיר זאגען אין נוסח פון דער ברכה (עטרת תפארת לעמוסי בטן שהם עתידים להתחדש כמותה) דאס הייסט מיר אידען וועלין זיך באנייען אזוי ווי די לבנה באנייט זיך אלע חודש.

## ה) וְשָׁחֲטוּ אֹתוֹ כֹּל קְהַל עֲדַת יִשְׂרָאֵל בֵּין הָעַרְבָּיִם. (יב-ו)

די מצות עשה איז, ערב פסח, דאס איז דעם פערצענטען טאג אין חודש ניסן זאל מען מקריב [1] זיין א קרבן פסח.

דער קרבן פסח קומט פון שאף אדער ציגן דאך וועלכע איז א יאהר אלט, עס טאר אין איהם גיט זיין קיין פעהלער.

דער קרבן פסח איז דוחה שבת.

ראש

1) חוק וזמן נתן להם שלא ישנו את תפקידם. 2) ע״ש במפרשין המדרש

דער קרבן פסח װערט געשלאכט אין דער עזרה אין דרײַ פּאַרטײען די גמרא דערצײלט עס איז געװען זעהער פיל נאראד דאס מיט אײן פּאַרטײ איז פול געװאָרען די עזרה. אויך דערצײלט די גמרא שבת, װען פּאַרטײ װי זײ זײַנען אַנגעקומען האָבען זיך די טירען פון דער עזרה פון זיך זעלבסט צו געמאכט.

ביי דעם שלאכטען און מקריב זיין דעם קרבן פסח האבען די לוים מיט טראמפייטען געבלאזען און מיט כלי זמר געשפילט און הלל געזונגען.

װער עס מאכט ניט קיין קרבן פסח במזיד איז חייב כרת.

## ח) ואכלו את הבשר בלילה הזה (יב—ח)

די מצות עשה איז, צו עסען דעם קרבן פסח דיא ערשטע נאכט פון פסח.

דער קרבן פסח װערט אויף אהאלצערנעם שפּיז איבער פייער געבראטען און נאך דעם ביינאכטען עסען עסט יעדער איינציגער א כזית.

דער קרבן פסח װערט געגעסען אין געזעלשאפט די װעלכע האבען זיך קומפאניערט צו מאכען דעם קרבן פסח.

די צייט פון עסען דעם קרבן פסח איז ביז האלבע נאכט. מען דארף איהם עסען מיט מצה און מרור.

ביי דעם עסען דעם קרבן פסח זאגט מען הלל.

## ט) אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים (שם יב—ט)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט עסען דעם קרבן פסח האלב־געבראטען אבער געקאכט ואנדערען אין גאנצען געבראטען.

## י) ולא תותירו ממנו עד בקר (שם י)

די מצות לא תעשה איז, ניט איבער צו לאזען פון די פלייש פון קרבן פסח ביז אויף מארגען.

אין אללע מצות פון קרבן פסח זיינען נשים אויך מחויב.

## טו) אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם (יב—טו)

די מצות עשה איז, מבטל צו זיין און ארויסצונעמען דעם חמץ פער־צעהנטען טאג פון ניסן עס זאל מער קיין חמץ ניט זיין.

די נאכט װעלכע געהער צו ערב פסח דארף מען בודק חמץ זיין.

[illegible]

מען דארף בודק זיין אין הויז אומעדום. אין אלע ווינקעלעך. אונטער די שאפין. אונטער די בעטין. אונ וואו עס איז נור מעגליך עס זאל דארט אריין קומען חמץ, צביש אין די קעלערין. אין די קליטין. אין די קראמען, אונ אין די פאבריקען, אין דיא שמאלין פון האלץ, אונ נור וואו מענשען קומען, ווייל עס איז מעגליך פון די מענשען וואס גייען דארט זאל עטוואס חמץ פערבלייבין. אפילו אין לעבער אונ שפאלטין וועלכע מען קאן דארט צו קומען מיט האנד. דארף מען אויך בודק זיין.

די פרויען וועלכע די מאנען זייגען נים צו הויז, אדער זיי זייגען גאר אהן מאנען, זייגען זיי מחויב אליין בודק חמץ זיין אונ מבטל זיין דעם חמץ ווי עס איז ארום גירעדט.

פאר דער בדיקה א האלבע שעה. טאר מען זיך נים בעשעפטיגען מיט קיין זאך אפילו לערנען אויך נים.

די בדיקה איז אזוי, אנפאנגס נאכט איז מען בודק מיט א ליכטיל. מעהר מצוה איז בודק צו זיין מיט א וועקסענע ליכטיל, מען טאר נים בודק זיין מיט צווי ליכט צו זאמען אונ נים פאר קיין אנדערע בעלייכטונג.

פון דער צייט פון בדיקה דארף שאהן זיין אויף גערוימט אללע חמץ.

פאר דער בדיקה דארף מען אב־שטעלין די חמץ וועלכע עס פארערט צום עסען, אונ היטין עס זאל נים פארלארין גיין פון די חמץ, ווארום ווען עס גיים פערלארין פון די חמץ דארף מען נאך אמאהל בודק זיין.

עס איז א מנהג צו לייגין שטיקלעך ברוידט אויף די פענצטער פאר דער בדיקה, זאל מען לייגין הארטע ברוידט עס זאל זיך נים ברעקלען.

נאך דער בדיקה דארף מען מבטל זיין אללע זייגע חמץ וואס עס געפינט זיך, דאס הייסט מען דארף זאגין מיט מויל אונ פעסט מיינען ביי זיך אין הארצען: דאס אלעס נור וואס הייסט חמץ וועלכע עס געפינט זיך מייגע חמץ אין איינענעם רשות, אדער מייגע חמץ וועלכע אפילו נים אין איינענעם רשות. זאל זיין גלייך ווייא דיא שטויב פון דער ערד. אונ עס זאלל זיין הפקר. עס איז נים מעהר מייגע, אזוי איז דער בעדייטונג פון כל חמירא ווי געדרוקט אין סידור.

מען זאל נים דיינקען דאס דער נוסח כל חמירא איז אזוי א מין תפלה, נור פעסט מעטצין ביי זיך אין הארצין דעם געדאנק ווי עס איז דא ערקלערט. דארום ווער עס פארשטעהט נים דעם פשט פון כל חמירא זאל ער זאגין אויף דייטש די ווערטער:

„אלע חמץ אדער זויער טייג וואס איז דא אין מיין רשות אונ איך ווייס פון דעם נים זאל זיין הפקר אונ זאל זיין גירעכינט ווי די שטויב פון דער ערד.

ערב פסח נאך דער פירטער שעה אויף דעם טאג טאר מען נים עסען קיין חמץ, אונ פון נאך דער פינפטער שעה אויף דעם טאג טאר מען קיין הנאה

נִיט הָאבְּן פוּן חָמֵץ, דָאס הֵייסְט מֶען טָאר מִיט דֶעם נִיט הַאנְדְלֶען, אוּנ נִיט גֶעבְּן דִי בְּהֵמוֹת אָדֶער דִי עוֹפוֹת.

אִין דֶער פִינְפְטֶער שָׁעָה אוֹיף דֶעם טָאג דַארְף מֶען פַארְבְּרֶענֶען חָמֵץ, אוּנ זָאגֶען דֶעם כָּל חֲמִירָא פוּן פַארְבְּרֶענֶען חָמֵץ אוּנ פַארְשְׁטֶעהֶען וָואס מֶען זָאגְט, וֶוער עֶס פַארְשְׁטֶעהט נִיט קֵיין לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זָאל זָאגֶען אוֹיף דֵייטְשׁ דִי וֶוערְטֶער: „אַלֶע חָמֵץ אָדֶער זוֹיֶערְטֵייג וָואס אִיז דָא אִין מֵיין רְשׁוּת, וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ אוֹיס גֶערָאמְט אָדֶער נָאךְ נִיט אוֹיס גֶערָאמְט זָאל זַיין הֶפְקֵר אוּנ זָאל זַיין גִירֶעכֶענְט וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דֶער עֶרְד".

דוֹרֶךְ אַיין קָטָן, דָאס הֵייסְט פַאר דְרֵייצֶין יָאהר טָאר מֶען נִיט שִׁיקֶין פַאר בְּרֶענֶען קֵיין חָמֵץ.

נָאךְ דֶער פִינְפְטֶער שָׁעָה דַארְף שׁוֹין פַארְקוֹיפְט זַיין דֶער חָמֵץ.

מִיר קָאנֶען נִיט אוֹיס שְׁרֵייבִּין רִיכְטִיג דִי צֵייטִין פוּן עֶסֶען, אוּנ פַארְבְּרֶענֶען אוּנ פַארְקוֹיפִין חָמֵץ, ווייל דָאס וֶוענְט זִיךְ נָאךְ דִי אַקְלִימִין נָאךְ1). אוּנ נִיט אַלֶע יָאהרִין קוּמֶען אוֹיס גְלֵייךְ דִיא צֵייטֶען דַארוּם וֶוער עֶס וֵוייס נִיט רִיכְטִיג, זָאל פְרֶעגִין בֵּיי אַ לַמְדָן בִּכְדֵי עֶר זָאל נִיט נִכְשָׁל וֶוערִין.

מֶען דַארְף פַארְקוֹיפִין דֶעם חָמֵץ דַוְקָא בֵּיי בֵּית דִין, אוּנ נִיט וִוי אַנְדֶערֶע טוּהֶען, זֵיי גִיבִּין אִיבֶּער אֵיינֶער דֶעם צְווייטִין, זֵיי מַאכִין זִיךְ גְרִינְג אִין דֶעם, ווייל זֵיי רֶעכֶענֶען זֵיי הָאבִּין קֵיין חָמֵץ נִיט, אוּנ בֶּאֱמֶת אִיז דָאךְ לֹא יִמָּלֵט עֶס זָאל זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען אִין אַ ווירְטְשַׁאפְט אַ מִין חָמֵץ אָדֶער כֵּלִים חֲמוּצִים, אִיז דָאךְ בְּוַדַאי נִיט כְּדַאי אַרַיין בְּרֵיינְגֶען זִיךְ אִין סָפֵק פוּן דֶעם הַרְבִּין אִיסוּר וָוארוּם מֶען קָאן גַאנְץ לֵייכְט קוּמֶען צוּם אִיסוּר חָמֵץ בְּפֶּסַח.

אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ פַארְקוֹיפִין חָמֵץ דַארְף מֶען פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה.

וֶוען עֶס גֶעפַאלְט שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח, אִיז דָאנֶערְשְׁטִיג בֵּיי נַאכְט בְּדִיקַת חָמֵץ, אוּנ פְרֵייטִיג פַארְבְּרֶענְט מֶען דֶעם חָמֵץ אִין דִי זֶעלְבֶּע צֵייט וִוי אַלֶע עֶרֶב פֶּסַח, נוּר מֶען לָאזְט אִיבֶּער חָמֵץ וֶועלְכֶע נֵייטִיג אִיז אוֹיף פְרֵייטִיג צוּ נַאכְט אוּנ אוֹיף שַׁבָּת פְרִיה.

שַׁבָּת פְרִיה נָאךְ דֶעם עֶסֶען דַארְף מֶען אָבְּשָׁאקְלֶען דִי טִישְׁטִיכֶער אוֹיף דֶעם הוֹיף, אוּנ רֵיין מַאכֶען דִי כֵּלִים וָואס מֶען הָאט אִין זֵיי גִיגֶעסִין אוּנ אַוֶועקְשְׁטֶעלִין בֵּיי דִי חָמֵצְדִיגֶע כֵּלִים.

נָאךְ דֶעם עֶסֶען זָאגְט מֶען כָּל חֲמִירָא,

אַז עֶס גֶעפַאלְט עֶרֶב פֶּסַח שַׁבָּת, קָאכְט מֶען נִיט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת קֵיין טֵייג אוּנ קֵיין גְרִיץ, דִי וָואס קָאכִין אוֹיף דֶעם פְרֵייטִיג צוּ נַאכְט יוֹךְ אִין פֶּסַחְדִיגֶע כֵּלִים, זָאלִין זֵיי הִיטִין נִיט צוּ גִיסִין אִין חָמֵצְדִיגֶע שִׁיסֶעל קֵיין הֵייסֶע.



1) מחלקין היום לי"ב שעות מע"ה עד צה"כ

דארום זאל מען אזוי טאהן, מען זאל איבער ניסין פריער אין א פסח'דיגע שיסיל, אונ פון די שיסיל איבער גיסין אין די חמצדיגע שיסיל, אונ די פסח'דיגע שיסיל אויך אב שטעלען אין א זייט, ווייל מען טאר איהר ניט ניטצין אויף פסח. אלע כלים וועלכע מען כשר'ת ניט אויף פסח, וואשט מען זיי אויס דיין עס זאל ניט בלייבען קיין שום חמץ, אונ מען שטעלט דאס אב אין א באזונדערין חדר וועלכען מען גייט דארט ניט אום פסח.

דא וועלין מיר שרייבען איניגע דינים פון כשר'ן כלים.

די כלי וועלכע מען כשר'ת דארף מען איהר פריער א מעת לעת ניט גיטצין.

א כלי וועלכע האט אין זיך א שפאלט אדער א לאטע, אדער זיא געמט זיך פערנאנדער, דארף מען פרעגין א שאלה אויב מען מאג איהר כשר'ן.

פאר דעם כשר'ן דארף מען די כלי אויס שייערין, אויב עס געפינט זיך ראסט דארף מען אויסברענגען די ראסט.

נאך דעם דין נאך איז מעסערס אונ גאפלען מיט שטילען, נאכ'ן שווער צו כשר'ן. דארום איז. מען זיך נוהג צו קויפען נייע.

דער צו נאגב פון כשר'ן איז אזוי, מען נעמט א גרויסע כלי וועלכע מען האט ניט גענוצט אין דעם מעת לעת, אונ מען כשר'ת איהר ווייא נייטיג אונ אין די כלי כשר'ת מען די קליינע כלים.

בעת מען כשר'ת די כלי דארף די וואסער קאכין, צו וויסין אויב די וואסער קאכט. איז א סימן אויב די וואסער בלעזילט. דארום דארף מען אריין לייגען א גיברענטען שטיין ביים כשר'ן עס זאל גוט קאכין.

אויב מען וויל כשר'ן די כלי אין וואס מען האט גיכשר'ת מוזמ מען אזוי. חאטש דעם אב כשר'ן די כלים, בעת די וואסער קאכט לייגט מען אריין א גיבלענ-דיגן שטיין ניט אריבער די וואסער, אזוי כשר'ת מען אלע גרויסע כלים אונ א מהייא מאשין.

נאך דעם כשר'ן די כלים שווענקט מען זיי אב מיט קאלטע וואסער.

מען דארף זעהען אז ביז ערב פסח די שעה וואס מען מאג נאך עסען חמץ, זאל שאהן זיין די כלים גיכשר'ת.

די בלעכענע אונ קופערנע כלים אין וועלכע מען קאכט אין זיי חמץ גיט מען זיי טייסין אונ עס איז גלייך מען זאל זיי כשר'ן אויך.

די שטערצלעך (דעקעלעך) האבען דעם זעלבען דין ווי די כלים וואס מען קאכט אין.

באטעליכס (סקאוואראדעס) אונ נאך אנדערע כלים וועלכע מען ניצט אום באקן, אונ די שטערצלעך וועלכע ווערט געברויכט צו די כלים דארף מען אויס-ברענען ביז עס זאל שפריצין פונקען פון דער אויסווייניגסטער זייט.

דרייפוסין אונ שאר-אייזען (קאצארעס) דארף מען אויך אויס ברענען.

איינוינס דארף מען ברענגען ביז עס זאל שפריצן פונקען פון פאר. נאכ־
הער דארף מען פערגאנגער שארין די קוילן איבער דעם נאגעצען פאר.
די באקאלע (הער ארט וואו מען שטעלט שהייא קאוש) דארף מען אויסברענגען מיט
קוילן ביז עס זאל שפריצן פונקען אדער אויסקלעפן אלע נייטן מיט ליים.
פליטעס דארף מען אויסברענגען ביז עס זאל שפריצן פונקען פון אויס־
צווינגסטן זייט. — הייצט מען נוט אן פון אונטן און אויבן ברענט מען אויס
מיט קוילן.
די בראנפ־איינוועלעך דארף אויך זיין אויסגעברענט ווי די פליטעס.

דא האבן מיר נור עטוואס אנגימערקט, אין שולחן ערוך הלכות פסח איז
פיל ערקלערונגען, נור דער כלל איז, מען דארף פרעגן א שאלה וועלכע כלי מען
מאג כשרן, און ווי עס זאל צו זיין דער כשרן, דען ניט אלע כלים איז דער
צו גאנג פון כשרן גלייך, און אנדערע כלים טאר מען גאר ניט כשרן אויף פסח.
דארום איז איינגעפירט אין פיל ערטער אז מען כשר'ט פאר פסח אין
איין ארט, און דארט זיצט א למדן, בעקוקט ער די כלים אויב מען מאג
זייא כשרן.

## 1) בערב תאכלו מצות (יב—יח)

די מצות עשה איז, צו עסן מצה די נאכט פון סדר.
די ערשטע און צווייטע נאכט פון פסח איז מען מחויב צו עסן א כזית
מצה 1) אוסער כורך און אפיקומן.
מצה דארף זיין געהיט פון דאס אן די ווייץ און אין די מעהל ביז אב באקן
זאל נים זיין קיין חשש פון חמץ.
דארום זעהט מען איבער די ווייץ און מען כשר'ט די מיל און מען
כשר'ט דעם אייוון.
אין די מצה טאר נים זיין קיין שום צו־דאכין. עס דארף זיין געבאקן
נור פון מעהל מים וואסער.
די כלים, די טישן, וועלכע עס ווערט געברויכט צו די ארבייט פון מצה
דארף אין זיי קיין שפאלטין און קיין גריבלעך נים זיין.
די כלים אין וואס מען קנעט דארף זיין נאר גלאט, און מען דארף האבן
אפילו דביי כלים צו בייטן. בכלל דארף פון אללע כלים זיין מען זאל קאנען
בייטן.
וואסער צו מצה מוז זיין מים שלנו, איבערגענעכטיגטע וואסער. דאס
הייסט די וואסער דארף זיין אנגעצויגן פון פארנאכט אויף מארגן.
די

1) נבא״ר רק לילה הראשון.

די וואסער דארף מען אנשעפן פאר בין השמשות.

מען זייט דורך די וואסער און מען דעקט צו, און מען שטעלט אוועק איבער נאכט אין אקילן ארט. — אויב די וואסער ווערט פארפראזין טאר מען נית אוועק שטעלן ביים אייוועץ עס זאל אב גיין די אייז.

צו די מים שלנו קאן מען צו גיסן אנדערע וואסער. נור באופן אז די געקטיגע זאלל זיין מעהר.

מען דארף ביי דעם באקין פארזיכטיג זיין צו בייטין אפטער די כלים די בעקינס, די שטעקינס, די שטופלען (רעדליך), און ארום גענומען פיליכט געפינט זיך אויף זיי עפעוואס טייג, און אפטער ארום שאבין די טאלגערהעלצער און די טישין, ווייל זיי נעמען אויף זיך ארויף פיל טייג.

מען דארף וואשין די הענד אלע צוויי דריי מינוטן. — די כלי אין וואס מען קנעט דארף מען בייטין אלע צוויי דריי מינוטן.

דער מיינע מעפיל דארף האלטין נית מעהר ווי דריי קווארט, די מיינע דארף מען טהיילט ווערין נאך די וועלגער נאך.

מען דארף היטין נית ארויף צו ליגן איין מצה אויף דיא אנדערע.

די מצה דארף נית ליגן איין אויגענבליק נית געארבייט אין איהר. דארום זאל מען די מצה באלד נאך דעם שטופלען אין אויוועץ אריין וועצין.

מען דארף קאנען וועצין די מצה, זיי זאלין זיך נית פארבייגען אין אויוועץ, און עס זאל זיך נית אן רירין איין מצה צו די צווייטע.

מען דארף זעהער פארזיכטיג זיין, ארום צו נעמען פון אויוועץ פארטיגע מצות.

די ארבייט פון מצה טאר נית זיין געגען דער זוהן, דארום אין די פענצטער וואס עס שיינט אריין די זוהן, דארף מען פארהיינגען.

דער ארט פון קנעטין איז דאס רעכט עס זאל זיין אין א באזאנדערין צימער, נור אויב עס איז אונמעגליך, זאל מען איינהיטין עס זאל זיין ווייט פון אויוועץ.

און בכלל דארף די טישין פון וועלגערין און שטופלען, אויך זיין ווייטער פון אויוין.

דער רעכט איז, דער מעהל שיטער זאל שטעהן פון ווייטען פון די וואסער.

מען זאל נית ליידין אין דער צייט פון ארבייטין די מצה. ווי דער דרך איז, דאס די וועלגער ביידען איינע מיט די אנדערע, שפריצט ארויף אויף די מצה.

דער כלל פון באקין מצה איז, דאס די ארבייט זאל צו גיין וואס שנעלער, דאס איז אלעס ביז עס קומט אריין אין אייוועץ, ווי עס קומט אבער אין אויוועץ אריין, מוז די ארבייט צו גיין דורכהאפטיג.

מען טאר נית ארויס נעמען די מצה ביז זיא זאל זיין גוט אויסגעבאקין. און נית ארויס נעמען נית פארטיג, און צו טריקענען פון פארענט.

די וועלט איז אבער שטארק אין דעם פארארט, זיי ווילען פיינע מצה צוויינגען זיי די בעקער זיי זאלין ארויס נעמען די מצה פריער ווי עס ווערט

פארטיג

פֿאַרטיג, מען דאַרף וויסן אַז חָמֵץ בְּפֶּסַח איז פֿאַרבּונדן מיט כָּרֵת ר"ל. דאַרף מען ניט וועלן האָבּן קיין פֿיינע מַצָה, נור נאָך זוכען צו האָבּן כָּשֵׁרָה מַצָה.

אַז מען באַקט פֿאַר קְראַנקע אָדער פֿאַר קליינע קינדער אייער מַצָה, דאַרף מען נאָך דעם אָבּ־באַקן איבּער כַּשֵׁר'ן דעם אויוען. און ריין מאַכען די כֵּלִים.

עֶרֶב פֶּסַח טאָר מען ניט עסן קיין מַצָה.

צום סֵדֶר דאַרף מען האָבּן „מַצּוֹת מִצְוָה", דאָס הייסט שְׁמוּרָה. וועלכע ווערט געאַרבּייט פֿון מִצְוָה וועגען פֿון שְׁנִיט בּיז באַקען. ווי עס איז ערקלערט אין שו"ע.

די שְׁמוּרָה דאַרף זיין געבּאַקען. דאָס אַלעס וואָס עס ווערט נור געטאָהן דער בּיי, דאַרף מען זאָגען בּיים אָנפֿאַנג אַרבּייט, מען טוהט דאָס לְשֵׁם מַצַּת מִצְוָה.

עס ווערט געלייגט צום סֵדֶר דְרַיי מַצּוֹת, דער פֿון ווערט גיגעסן דער כְּזַיִת מַצָה, און כּוֹרֵךְ און דער אֲפִיקוֹמָן.

דער שִׁיעוּר פֿון אֲפִיקוֹמָן איז ניט ווייניגער ווי אַ כְּזַיִת פֿאַר יעדערן.

אין דער מִצְוָה פֿון מַצָה מיט אַלע פְּרָטֵי דִינִים זיינען נָשִׁים מְחוּיָב גְלֵייךְ מיט מאַנסלייט.

עֶרֶב פֶּסַח נאָך האַלבּען טאָג טאָר מען זיך ניט שערין.

## יא) שְׂאוֹר לֹא יִמָּצֵא בְּבָתֵּיכֶם. (יב—יט)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, עס זאָל זיך ניט געפֿינען בּיי קיין אידן אין זיין רְשׁוּת קיין זויערטייג און קיין חָמֵץ אום פֶּסַח, אֲפִילוּ אַיינגענע חָמֵץ בּיי אַ אֵינוֹ יְהוּדִי, טאָר זיך אויך ניט געפֿינען, אויבּ עס געפֿינט זיך יאָ, איז מען עוֹבֵר דעם לָאו, און אויך נאָך אַ לָאו פֿון „בַּל יֵרָאֶה". דאָס הייסט עס טאָר ניט געזעהען ווערין קיין חָמֵץ, ווי עס איז ערקלערט ווייטער אין מִצְוָה כ"ז. די וועלכע ווייא די חָמֵץ וואָלט זיין בּיי זיך.

חָמֵץ וועלכע גיט פֿאַרקויפֿט, טאָר מען קיין הֲנָאָה ניט האָבּן נאָך פֶּסַח.

## יב כָּל מַחְמֶצֶת לֹא תֹאכֵלוּ (שם)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, מען טאָר ניט עסן אום פֶּסַח קיין זאַך וועלכע אין דעם איז פֿאַרמישט חָמֵץ.

דאַרום אַז מען געפֿינט פֶּסַח אַ קערענדל אין עסן. אָדער אֲפִילוּ אין אַיין ברונען וואַסער דאַרף מען פֿרעגן אַ שְׁאֵלָה. אַפֿט מאָהל ווערט גאָר דער גאַנצער ברונען חָמֵץ.

ווארום קאן מען זאגן איז אסור חמץ אום פסח אפילו נאר עטוואס ווייל דער קרבה פון פסח איז געווען הארב, דאס די עטוואס חמץ קאן שאדען קאהן דעם נפש, אבין צו ברענגען גיפט פון קרבת ה"ל, ווי מיר זעהען אין ציים פון פעסט ר"ל, מיט א גאנץ ווייטען צו פאל פארשפרייט זיך אויף גאנץ גייט, אונ אויף אגאנצע מדינה.

## יג) כל בן נכר לא יאכל בו (יב—מג)

די מצוה לא תעשה איז, דער איד וועלכער האט דעם דת פערלאזין, טאר מען איהם ניט געבען עסען פון קרבן פסח.

## יד) תושב ושכיר לא יאכל בו (שם מה)

די מצות לא תעשה איז, אגעצענדיגער אדער וועלכער עס האט זיך אפילו אונטערגענומען ניט צו זיין קיין געצענדינער, נור ער עסט נבלות, אדער א גר תושב וואס האט זיך געמלת אונ ניט גיטובלת, זאל מען זיי ניט געבין פון קרבן פסח.

די גמרא ברייגגט אין פסחים, איין מאהל האט זיך איין אינו יהודי געריהמט דאס ער האט זיך אין ירושלים פארנישטעלט פאר א איד, האט מען איהם געגעבען פון דאס בעסטע פון קרבן פסח. דער תנא ר' יהודה בן בתירא פרעגט איהם, אויב מען האט דיר געגעבען פון אליה, זאגט ער אז ניט. גיט איהם ר' יהודה בן בתירא איין עצה, ער זאל אויף איבער א יאהר בעטין פון אליה. אויף איבער א יאהר האט ער געבעטין מען זאל איהם געבען פון אליה, דורך דעם האט מען פערשטאנען אז ער איז א אינו יהודי, ווייל צו אידין איז ידוע דאס די אליה געהערט אין גאנצען אויף דעם מזבח פארצערט. דער בעטריגער איז מיט זיין לעבען בעשטראפט געווארין, אונ ר' יהודה בן בתירא האט מען געריהמט דורך דעם.

## טו) לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה (יב—מו)

די מצות לא תעשה איז, ניט ארויס צו טראגין פון קרבן פסח פון ארט וואו די געזעלשאפט עסען איהם.

מען טאר ניט עסען דעם קרבן פסח אין צוויי געזעלשאפטין.

## טז) ועצם לא תשברו בו (שם)

די מצות לא תעשה איז. מען טאר ניט ברעכין קיין ביין אין קרבן פסח. עס דארף אין גאנצען געגעסען ווערין אום דאס די ביינער זאלין גאנץ בלייבין.

וכל

## יז) וכל ערל לא יאכל בו (שם מח)

די מצות לא תעשה איז, דאס ניט קיין פיסלמעדר זאל ניט עסן פון קרבן פסח 1).

## יח) קדש לי כל בכור (יג—ב)

די מצות עשה איז, דאס אלע ערשט-געבארענע פיהע, רינדער, שאף, ציגין-באק, פון מענליכע געשלעכט, זאל עס צום כהן געגעבן ווערין. אונ דער כהן איז מקריב נאך דעם דין נאך, די פלייש גיהער צום כהן.

דאס איז אלעס ווען דער ביהמ"ק איז געשטאנען.

יעצטיגע צייט ווען עס ווערט געבארין א בכור בהמה טהורה אין ארץ ישראל, אדער אין חוץ לארץ, האלט מען ביז ער בעקומט א מום.

דאן גיהער עס צום כהן, מען טאר אבער ניט טרם זיין ער זאל בעקומען א מום.

וואס הייסט א מום ביי א בכור איז ערקלערט אין יורה דעה, דארום ווי עס ווערט א מום דארף מען ווייזן דעם מום א מורה הוראה.

ווען דער בכור ווערט גיבוירען ביי דעם ישראל אדער ביי דעם כהן, דארף מען איהם בעגראבין אין א וועקיל, ווען ער האט אויף זיך אין הייליגקייט.

יעצטיגע צייט איז א מצוה דאס א בהמה וועלכע דארף געבארין דעם ערשטין מאהל זאל מען איהר פאר קויפין צו איין אינו יהודי, אונ פרעגין א שאלה ווי אזוי דער פארקויף זאל זיין, כדי ניט גבשל צו ווערין אין איסור בכור.

וועגין בכורים פון מענשליכען געשלעכט איז ערקלערט אין פ' קרח.

אויף דיא מצוה פון בכור בהמה זייגען מחויב זכרים אונ נקבות אויך כהנים אונ לוים.

## יט) ולא יאכל חמץ (שם ו)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט עסען אבער טרינקען קיין חמץ אום פסח.

פיר חמץ בפסח מוטווילג איז מען חייב כרת.

חמץ אום פסח איז אסור בהנאה.

## כ) ולא יראה לך חמץ (שם יז)

עס זאל ניט גיזעהען ווערין קיין איינעגע חמץ אין איינעגעם רשות, ווען

אפילו

---

1) אפילו שמתו אחיו מחמת מילה.

אַפילו די חָמֵץ ליגט בַּעהאַלטן בּיי זיך אָדער בּיי אַ אֵינוֹ יְהוּדִי איז מֶען אויך
עובר דָעם לָאו, און אַ לאו פון לא יִמָצֵא וָועלכֶע איז עֶרקְלֶערט אין מִצְוָה יא.

## כא) וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא (יג—ח)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז צו דֶערְצֵיילִין יְצִיאַת מִצְרַיִם די נאַכְט פון פֶּסַח.

די עֶרְשְׁטֶע און צְווייטֶע נאַכְט פון פֶּסַח [1] דאַרְף דֶער פאַטֶער עֶרקְלֶערִין די קִינְדֶער און אַלֶע בּייזִיצֶער דֶעם צוּ גאַנְג פון סֵדֶר.

דֶער קִינְד פְרֶעגְט די אוּרזאַכֶע, די פאַרֶענְדֶערוּנְג פון די נאַכְט.

דֶער פאַטֶער עֶנְטְפֶערְט אִיהם, ווי עֶס איז עֶרקְלֶערְט אין דֶער הַגָּדָה, דאָס מִיר פְרֵייעֶן זיך און דאַנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא אויף די נִסִים וָואס עֶר האָט מִיט אוּנְז גֶעטאָן בּיי דֶעם אַרויסגאַנְג פון מִצְרַיִם, און אַרויסגֶעצויגִין אוּנְז פון שְׁקְלאַפִין־דִינְסְט.

די דֶערְצֵיילוּנְג פון יְצִיאַת מִצְרַיִם פְלאַנְצְט אין אוּנְז אַיין אֱמוּנָה אין הַשְׁגָּחַת הַבּוֹרֵא, ווי דֶער בּוֹרֵא האָט דֶערהויבְּט אִידִין וָועלְכֶע זַיינֶען גֶעוָועֶן אוּנְטֶערְדְרִיקְט אוּנְטֶער די מִצְרַיִם, און די מִצְרַיִם אין גאַנְצִין אוּנְטֶער גִיבְּרַאכְט, און אַז עֶר איז אַ מְשַׁנֶה הַטֶבַע, און בֶּעצָאלְט מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה. און ווי שְׁלֶעכְט עֶס איז, טאָר מֶען זיך נִיט מְיָאֵשׁ זַיין פון גאָטֶעס הִילְף, מֶען דאַרְף נוּר צוּ אִיהם הָאפֶען.

דֶער גאַנְצֶער סֵדֶר דאַרְף זַיין אָנְגֶילֶעהֶענְט אויף דֶער לִינְקֶער זַייט, אויסֶער בּיי מָרוֹר עֶסִין, ווייל מָרוֹר איז אַיין אַנְדֶענְקוּנְג ווי די מִצְרִים הָאבֶּען אוּנְז דֶעם לֶעבֶּען פאַרְבִּיטֶערְט, און עֶסֶען אָנְגֶילֶעהֶענְט איז אַיין בֶּעווייז פון פְרֵייהַייט.

ווֶען מֶען מאַכְט אַ בְּרָכָה אויף די כַּרְפַּס דאַרְף מֶען טְרַאכְטִין יוֹצֵא צוּ זַיין מִיט בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה אויף די מָרוֹר אויך.

דֶער כּוֹס דאַרְף הַאלְטֶען אַ רְבִיעִית [2], די כּוֹסוֹת וָוען מֶען טְרִינְקְט אַ רוֹב כּוֹס איז מֶען אויך יוֹצֵא, נוּר דֶעם פֶירְטִין כּוֹס דאַרְף מֶען אויסְטְרִינְקֶען אין גאַנְצִין מֶען זָאל קאָנֶען מאַכֶען אַ בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה.

די כּוֹסוֹת דאַרְף מֶען טְרִינְקֶען ווַיין, נוּר אויבּ עֶס גֶעפאַלְט שְׁוָוער צוּ טְרִינְקֶען, איז מֶען יוֹצֵא מִיט מֶעד אויך.

נָשִׁים זַיינֶען מְחוּיָב אין גאַנְצֶען סֵדֶר, אויסֶער אָנְגֶילֶעהֶענְט.

אויך איז מֶען מְחוּיָב מְחַנֵךְ זַיין קְטַנִים און קְטַנוֹת צוּם סֵדֶר.

אַלֶע פְּרָטֵי דִינִים און מִנְהָגִים פון פֶּסַח וָועלְכֶע מִיר הָאבִּין דאָ נִישְׁט גִישְׁטֶעלְט איז עֶרקְלֶערְט אין שו"ע או"ח, און עֶס איז יָדוּעַ צוּם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּמֶעדוּם.

וכל

---

1) ובא"י לילה הראשון לבד. 2) אויסגעמעסטן אויב עס האלט א רביעית טוהט מען אזוי, מען גיסט אן אפולע כלי מיט וואסער, דער נאך גיסט מען איבער אין א אנדער כלי, נאך דעם לייגט מען אריין אין די ערשטע כלי דריי אייער גיט אבגישיילטע און מען גיסט צוריק אריין די וואסער, בלייבט דאך איבער וואסער פון דעם ארט וואס די אייער פארנעמט, איז א העלפט פון די וואסער דאס הייסט ווי א איי מיט א האלבע איי דאס איז דער שיעור פון א רביעית.

## כב) וְכָל פֶּטֶר חֲמוֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה (יג—יג.

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, דֶעם עֶרְשְׁט־גֶעבּאָרֶענֶעם פוּן אַ אֵייזִיל מֶענְלִיכֶע בִּישְׁלֶעכְט, זָאל מֶען מִיט אַיין שָׁאף אוֹיסְלֵייזִין פוּן כֹּהֵן,

דֶער שָׁאף גִיהֶער צוּם כֹּהֵן אוּנ דֶער אֵייזִיל בְּלֵייבְּט בַּיי דֶעם בַּעַל הַבַּיִת.

דֶער שָׁאף קָאן וֶוערְט זַיין וֶוייניגֶער ווִי דֶער אֵייזִיל.

אוֹיךְ קָאן מֶען אוֹיסְלֵייזֶען מִיט אַיין אַנְדֶער זַאךְ, אַז מֶען לֵייזְט מִיט אַיין אַנְדֶער זַאךְ דארְף מֶען פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה ווִי צוּ טְאהְן.

ווִי נוּר עֶר שֵׁייְדְט אָב צוּ גֶעבִין צוּם כֹּהֵן, מַאכְט עֶר דִי בְּרָכָה בא"י אמ"ה אקב"ו עַל פִּדְיוֹן פֶּטֶר חֲמוֹר.

די גְמָרָא זָאגְט אִין בְּכוֹרוֹת, ר' חֲנִינָא הָאט גִיפְרֶעגְט צוּ ר' אֱלִיעֶזֶר. וָוארוּם זֵיינֶען דָאס די אֵייזְלֶען אַנְדֶערְשׁ פַאר פֶערְד, קֶעמְלֶען, דָאס נוּר זֵיי לֵייזְט מֶען אוֹיס.

הָאט אִיהם ר' אֱלִיעֶזֶר גִיעֶנְטְפֶערְט. אִין אֱמֶת דארְף אוּנְז גָאר נִיט זַיין קֵיין קַשְׁיָא, דֶען גָאט פֶערְלַאנְגְט אַזוֹי, נוּר אַיין אַנְטְפֶערְקוּנְג קָאן מֶען זָאגִין: די אֵייזְלֶען הָאבֶּען דָאס פֶערְדִינְט זֵיי זָאלִין הָאבִין אוֹיף זִיךְ אַיין הֵיילִיגְקֵייט. ווייל זֵייא הָאבֶּען גֶעהָאלְפִין אִידִין אִין אַרוֹיסְגַאנְג פוּן מִצְרַיִם, דֶען יֶעדֶער איד הָאט גֶעפִיהְרְט נַיינְצִיג אֵייזְלֶען גֶעלָאדִין מִיט זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד פוּן מִצְרַיִם.

## כג) וְאִם לֹא תִפְדֶּה וַעֲרַפְתּוֹ (שם)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, אוֹיבּ עֶר ווִיל נִיט אוֹיסְלֵייזִין, זָאל עֶר דֶעם אֵייזִיל דֶעם נַאקִין צוּ בְּרֶעכִין מִיט אַ פְלֵיישׁ הַאק אוּנ בֶּעגְרָאבִין.

כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִם זֵיינֶען פָּטוּר פוּן פִּדְיוֹן פֶּטֶר חֲמוֹר.

# בשלח

## כד) אל יצא איש ממקומו ביום השביעי (טז—כט)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר נים גיין שבת אויסער דעם תחום [1].

מען טאר גיין שבת און יום טוב צו צוויי טויזנד קוואדראטנע איילין [2]. פון אללע פיער זייטן שטאט, אדער פון א ישוב און נים מעהר.

די צוויי טויזנד איילין וועלכע מען טאר גיין, טאר מען צו גיין הין און צוריק, אפילו אין זעלבינגען טאג, אין אלע פיער זייטען שטאט.

דאס איז אלעס פאר די שטאט ליים, אבער דער וואס וואהנט אויסער דער שטאט און ער קומט אין שטאט שבת, טאר ער נור גיין ביז דעם ארט וואו זיין תחום ענדיגט זיך.

אויב מען לייגט א עירוב ביי דעם סוף די צוויי טויזנד איילין, טאר מען גיין פון עירוב אן און ווייטער צו צוויי טויזנד איילין פון אלע פיער זייטן עירוב, נור מען פארלירט די צוויי טויזנד איילין פון די דריי זייטען שטאט און מען טאר שוין נים ארויס גיין אויף טריט פון די דריי זייטען שטאט.

דער כלל איז, דער ארט פון עירוב ווערט זיין ארט. וואס ער האט פון דאנען צוויי טויזנד איילין אין יעדער זיים.

אויב ער האט געלייגט דעם עירוב אין די צוויי טויזנד איילין, לכשער האט געלייגט דעם עירוב טויזנד איילין, אין מעריב זיים שטאט, האט ער פון עירוב אן אין אללע זייטען צו צוויי טויזענד איילען, נור געגען דער זיים וואו ער האט געלייגט דעם עירוב, דאס הייסט אין מזרח זיים האט ער נור טויזנד איילען.

הכלל ווי וויים ער רוקט זיך אריין מיט דעם עירוב אין דער זיים, אזוי פיל פארלירט ער אין דער זיים וואס אנטקעגין.

אין שטאט גופא טאר מען גיין שבת און יום טוב הין און צוריק אפילו זיא האלט מיילין גרוים.

דער עירוב וואס איז מתיר צו גיין חוץ לתחום, הייסט עירובי תחומין,

ווי

---

1) מה"ת ג' פרטאות. 2) דאס הייסט צוויי טויזנד איילין די לייננ אויף צוויי טויזנד איילין ברייט. 3) אויסער די פיער איילען וואס יעדער מענש האט וואו ער שטייט.

זיי קען מאכט דעם עירוב אונ פון וועגען וואס מען לייגט א עירוב דארף מען פרעגין א שאלה.

דער עירוב איז נור מתיר צו גיין, פון וועגעם וועגין מען האט דעם עירוב געלייגט.

---

בעת מען לייגט דעם עירוב מאכט מען א ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו על מצות עירוב.

די ישוב לייט וועלכע לייגין א עירוב פון וועגען א סגין, ווייל ביי זיי איז חביב די מצוה פון מגין זייען זיי מאכען מאהל מעהר ווי דער דין איז, אדער מאכען מאהל קומט אוים צו גיין איבער א פראם זאל מען ניט גיין אן א שאלה.

ווי צו מאכען א עירוב מען זאל מאנען טראגען אין באנק שטאם אדער אין א נאם, אדער פון איין הויז אין די צווייטע, ווער עם גייט ניט קלאר די דינים בארף פרעגין א שאלה ווי צו מאכען דעם עירוב.

אפילו וואו מען קאנ טראגין אום שבת, איז דער דין אז אהן א עירוב חצירות טאר מען ניט. טראגין אפילו אין וועלכען הויף, אונ ניט פון הויף אין די דירות, אונ ניט פון די דירות אין הויף, אויך ניט פון איין דירה אין די צווייטע.

דער עירוב חצרות ווערט געמאכט אין צוויי אופנים, אדער יעדער איינוואהנער פון הויף גיט עטוואס מעהל אונ מען באקט וואס אוים דער פון אדער איינער מאכט פאר זיך אונ איז אלעמען מזכה דורך איין אנדערין, דאס הייסט, ער גיט ערב שבת צו איין מענשען די חלה, אונ דער מענש הייבט איהר אויף אונ טראכט דאס אין דעם פת זאלען אלע איינוואהנער א טהייל האבען, דורך דעם מאג מען שאהן טראגען איבעראלל אין אלע וואהנונגען.

דער וואס מאכט דעם עירוב חצרות זאגט ווי געדרוקט אין סדור.

אלע פרטי דינים פון עירוב איז ערקלערט אין שו"ע או"ח.

# יתרו

## כה) אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ (כ—ב)

דיא מִצְוַת עֲשֵׂה איז, דער גלויבען אז עס איז דא איין גאט אויף דער וועלט, און אויף אלע וועלטען, ער האט בעשאפען הימעל און ערד, און יַמִּים, די וועלט און אלע וועלטען, און אלעס וואס אין זיי, פון קלענסטען שטויב ביז דעם גרעסטען מַלְאָךְ פון כִּסֵּא הַכָּבוֹד, און די לעצטע בְּרִיָּה דער מענש.

גאט איז געווען בעפאר ער האט אללעס בעשאפען, ער איז, און וועט זיין עֶוויג, און קיין זאך ווערט ניט אהן זיין ווילען, דען ער הערשט איבער אללעס וואס עס געפינט זיך אין אללע וועלטען, ער איז מַשְׁגִּיחַ אויף אללעס, פון דאס קלענסטע ביז דאס גרעסטע. לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע בְּרוּאִים, ער ווייסט אללעס פאראויס, און קיין טראכט איז פון איהם ניט פערבארגען, פון איהם איז קיין בעהאלטונג, דער בעשטאנד פון די וועלט און אלע וועלטען און וואס עס געפינט זיך אין זיי, הייננט אן זיין ווילען, ווען ער זאלל חָלִילָה אבטאהן זיין הַשְׁגָּחָה איין רגע מוז בָּטֵל ווערין, און עס ווערט אוים.

דער מענש דארף זיך פארשטעלען ביי יעדער זאך וואס מען טוהט אדער מען טראכט, דאס דער בּוֹרֵא זעהט און הערט, און ווייס אללעס, ווער עס גלויבט ניט ווי דער חוב איז צו גלויבען הייסט ער א כּוֹפֵר בְּעִיקָר, און האט ניט קיין חֵלֶק און זְכוּת מיט אידין.

אויף דעם זיינען מיר מְחוּיָב מיט מְסִירַת נֶפֶשׁ און מיט דעם גאנצין פארמאג זיך צו אָפְּפֶערין.

דער עִיקָר איז, דאס מען דארף זיך פעסט האלטין אז דער אֱמֶת איז אזוי, און עס קאן אנדערש ניט זיין בְּשׁוּם אוֹפֶן.

ער איז ניט קיין גוּף, און האט ניט קיין קערפערליכען געשטאלט, דאס וואס עס שטייט אין דער תּוֹרָה די האנד פון גאט אדער די פּוּס אדער די אויג, אדער ווי די נְבִיאִים רופען אן דעם בּוֹרֵא, מיט פערשידענע נעמען, איז דאס נור צו געבען פארשטעהען דעם מענשען, ווייל אנדערש קאן דער מענש ניט פארשטעהען סיידין אז מען ערקלערט איהם אין דעם אַרְט.

מיר דארפין גלויבען דאס מיר זיינען גאר ניט רָאוּי צו פארשטעהען זיין גרויסקייט, נור ער קאן זיך זעלבסט.

אין דעם כְּלָל פון דער מִצְוָה איז, צו גלויבען דאס דער בּוֹרֵא האט אונז ארויסגעפיהרט פון מִצְרַיִם מיט גרויס וואונדער, און געגעבען די תּוֹרָה.

די

די מצוה איז אזוי איין מצוה וואס מען איז איהר מקיים מיט דעם געדאנק און אז מען טראכט אין דעם אימער איז מען מקיים א מצוה, וועלכע דער שכר פון דעם איז גאר אהן א ברעג.

אויף דער מצוה פון אמונת הבורא זיינען מחויב מאנספליים און פרויען־צימער יעדער רגע.

## כו) לא יהיה לך אלהים אחרים על פני (כ—ג)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר נישט ארויף ברייגגען אויף דעם געדאנק פיינען אז עס איז דא אזוי אקראפט וואס קאן עטוואס טאן אויסער דעם ווילין פון בורא. אדער אז עס איז דא איין מיט העלפער צום בורא [1], אדער אז עס איז דא איין ממשות אין דער עבודה זרה, נור גאט אליין איזט איינער.

אויף דער מצוה זיינען מיר מחויב מיט מסירת נפש און מיט דעם גאנצין פארמאג, דער וואס דיינקט חלילה אויף איינע פון די דריי זאכין, הייסט ער א כופר בעיקר און האט נישט קיין חלק וזכות מיט אידין.

אויף דעם לאו זיינען מחויב מאנספליים און פרויענצימער יעדער רגע.

מען טאר נישט אויסביידין חלילה קיין דבור וואס זאל אויסזעהען ווי איין כפירה אין דת.

מען דארף זיין אפגעהיט נישט צו זאגין אפילו צו קיין געטליכען מאן מיט דעם לשון ווי דער דרך העולם איז צו זאגען: פריער גאט דער נאך דער מענש האט מיר געהאלפין.

## כז) לא תעשה לך פסל (כ—ד)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר נישט מאכען קיין געצענבילד. אפילו האלטין וועלכע פיגורען טאר מען אויך נישט.

## כח) לא תשתחוה להם (כ—ה)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר זיך נישט בוקין צו דער עבודה זרה. אדער צו טאהן פאר זיי איינע פון די עבודות וועלכע עס איז געטאהן געווארין אין בית המקדש [2].

ווען מען צווינגט צו דעם, מוז מען זיך לאזין טויטען און נישט עובר זיין. און ווען מען טוהט דאס מוטוויליג מיט התראה [3] קומט סקילה. אויב מוטוויליג

אהן

1) דארום דארף מען זאגין ביי יעדער זאך וואס מען וויל טאן, בעזרת השם, אם ירצה השם.
2) וביתה וריקה הקברה גיזוך. 3) קוק איין אין די סדרה ביי מצות שבת וואס הייסט התראה

אהן התראה קומט כרת, אויב מען טוהט עס אומגעורין ברייגגט מען איין חטאת.

מען טאר ניט טאהן קיין זאך וועלכעס עס זאל אוים זעהען געבוקט צו דער עבודה זרה, צב"ש. ווען עס שיט זיך אוים געלד געגין ע"ז זאל מען ניט קלייבין די געלד שטייענדיג, טייל עס זעהט אוים ווי געבוקט, נור זיצענדיג מאג מען.

## כט) ולא תעבדם (כ—ה)

די מצות לא מעשה איז, מען טאר ניט דינען קיין עבודה זרה מיט נור וואס דער דרך איז איהר צו דינען, אפילו ווען איהר דינסט איז מיט אשענדליכע זאך, צב"ש ווי עבודה זרה בעל פעור 1). אויב מען דינט יא איז מען חייב סקילה אויב מען גייט צו דעם דארף מען זיך לאזען טוידטין.

## ל) לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא (כ ז)

די מצוה לא תעשה איז, מען טאר ניט שווערין ביי גאטעס נאמען אויף פאלש אדער אומזאנסט.

דער לאו ווערט פערנאנדער געטיילט אין פיער אבטהיילונגען.

א) שווערין אויף א זאך וועלכעס עס איז בעוואוסט איבעראלל אז עס איז ניט אזוי, צב"ש מען שווערט אויף א שטיין אז דאס איז גאלד אונ ד"ג.

ב) שווערין אומזאנסט, צב"ש מען שווערט אויף א שטיין אז דאס איז א שטיין, איז דאך דער שווערין איבעריג.

ג) מען שווערט מבטל צו זיין א מצוה, אדער מען שווערט צו טאהן איין עבירה.

ד) שווערין צו טאהן אזוי אזאך, וועלכע אונמעגליך צו טאהן, צב"ש מען שווערט ניט צו שלאפין גאנצע דריי מעת לעת, אדער ניט עסען גאנצע זיבין מעת לעת נאך אנאנד.

אויף איינע פון די פיר ארטין שבועות איז מען חייב מלקות.

אין דעם כלל איז אויך ניט צו מאכין קיין ברכה לבטלה, צב"ש מאכען א ברכה אויף תפילין אונ ניט לייגין, אדער מאכען א ברכה אונ ניט עסען די זאך.

אין דעם כלל איז אויך ניט צו דער מאנען גאטעס נאמען אומזאנסט אין קיין שפראך.

די גמרא זאגט ווען עס איז געזאגט געוואָרען דער לאו פון לא תשא האט די

---

1) דער דיענסט איז געוועזען דער מענשליכער געברויך געגין איהם.

די וועלט געציטערט. אין פ׳ קדושים האבען מיר ערקלערט ווי הארב עס איז א פאלשע שבועה און ווי גרויס דער שטראף פון דעם איז.

עס איז דא נאך אופנים שבועה וועלכע ערקלערט אין פ׳ קדושים.

בעונותינו הרבים איז דער עולם ניט געהיט. צב״ש איינער האט א הארץ אויף דעם צווייטען, זאגט ער גאט זאל איהם שטראפען, אדער איינער וויל דעם צווייטען וואס איינרעדען, צב״ש דער פארקויפער וויל אויס ווייזען דעם אמת ווי פיל עס קאסט איהם זעלבסט, שווערט ער ביי גאטעס נאמען.

אדער ער זאגט צו א אינו יהודי אויף נור וואס פיר א שפראך די ווערטער איך ליב גאט דאס איך זאג ריכטיג.

איז דאך אויסער וואס ער ווערט נכשל אין דעם איסור פון דער מאנען גאטעס נאמען, וואס דאס איז זעהער הארב, איז ער נאך עובר אויף א פאלשע שבועה אויך, ווארום דאס סעהרסט איז ניט אמת וואס ער זאגט איהם וויפיל איהם קאסט. אדער ווי אנדערע תפשים שווערין, אזוי ווי דער בורא איז אמת, אזוי איז דאס אמת, איז דאס א עון פלילי, צו גלייכן די אמת׳קייט פון בורא צו די אמת׳קייט פון וועלט בעשאפענע זאכען

אויך זאל מען זעהען צו זיין אבגעהיט פון די שבועות וועלכע עס איז דער דרך ביי אנדערע מענשין צו שווערין אויף נור וואס, צב״ש, מען שווערט על אמונתי, ווי איך בין א איד, אדער מען שווערט ביים לעבען, ביים געזונד.

איבער־הויבט דארף מען אכטונג געבען, דאס קינדער זאלען זיך גיט איינגעוויינען פון קינדהייט אן ניט צו שווערין און ניט דער מאנען אומזאנסט דעם שם.

אז מען מאכט א ברכה זאל די ברכה זיין בכונה, פארשטעהען וואס מען רעדט.

מען טאר ניט ארויס ריידין דעם שם אהן כונה אהן מורא.

אז מען מאכט חלילה א ברכה לבטלה, זאל מען באלד זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

אז מען דער מאנט זיך ביי דעם זאגען ברוך אתה ה׳, זאל מען ענדיגען למדני חוקיך.

אויב מען דער מאהנט זיך אין מיטין ווארט אלהינו, זאל מען ענדיגען ישראל אבינו מעולם ועד עולם. הייסט עס געזאגט פסוקים און ניט קיין שם שמים לבטלה.

בכלל דארף מען היטין ביירעגדיג ניט צו דער מאנען גאטעס נאמען, ווי דער דרך איז צו זאגין, אך גאט! אוי גאט! גאט זאל היטין איך וועל דאס ניט טאהן, און דאס גלייכען.

די זעלבע דארף מען פארזיכטיג זיין אויף אללע שפראך.

מען דארף זיך היטן נים צו שרייבען אין קיין בריף דעם ווארט גאט אין קיין שפראך, צב"ש דער ווארט אדיע הייסט אין פראנצויזישע שפראך מיט גאט וואָרום נאכהער וואלגערט זיך די בריעף אין שמוציגע ערטער. ווען אז נור דער וואס איז איינגעוואהנט צו דערמאנען שם שמים לבטלה ווערט געשטראפט מיט ארעמקייט. איז דאך געווים דער עונש גרוים עס זאל זיך וועלגערין בבזיון ח"ו שם שמים. אלזא דארף מען אין דעם שטארק פארזיכטיג זיין.

די גמרא זאגט, עס איז געווען איינגעפירט אין אידעשע שטרי חובות צו דער מאנען שם שמים, אין דעם טאג וואס דאס איז בטל געווארען האט מען געמאכט א יום טוב, ווייל ווי מען בעצאלט צו רייסט מען דאך דעם שטר חוב. קאן אויסקומען עס זאל זיך וועלגערין דער פאפיר אין מיסט, איז מען דאך חלילה מבזה שם שמים.

בכלל דארף יעדער פארזיכטיג זיין אונ פאר זאגען די גוי בית צו היטען נים צו פאר ווארפען קיין בלעטער פון ספרים, אדער נור געדרוקטע וועלכע דארט איז דא דער מאנט שם שמים, אדער אנדערע הייליגע ווערטער צב"ש צייטונגען, אדער ווי עס איז ארוים די נייע לוחות, אלע טאג ארא צו רייסען א בלעטיל וועלכע דארט ווערט דערמאנט די פרשיות פון דער תורה מיט די מנהגים פון גאנצען יאהר, אונ נעמען פון אונזערע הייליגע חכמים. זאל מען זיין פארזיכטיג יעדער טאג ווי מען רייסט אב די בלעטיל נים אוועק צו ווארפען בבזיון. דאס גלייכען געשריבענע אידעשע פאפירין דארף מען אויך היטען עס זאל זיך נים וועלגערין בבזיון.

## לא) זכור את יום השבת לקדשו (כ—ח)

די מצות עשה איז, צו דערמאנען די הייליגקייט פון שבת, דאס הייסט צו אנטפאנגען דעם שבת מיט קדוש, אונ בעגלייטען דעם שבת מיט הבדלה.

דער נוסח פון קדוש והבדלה איז ידוע צום כלל ישראל.

דער רמב"ן זאגט, אין דעם כלל איז, דאס וואס מיר זאגען אלע טאג היום יום א בשבת אונ זא ווייטער די גאנצע וואך, דער טעם איז, כדי אלע טאג זאל מען געדיינקען דעם שבת.

סוחרים זאללען נים אנציהען דעם געשעפט עס זאל דורך דעם ארוים קומען חלול שבת.

בעלי עגלות זאללען אוים רעכענען די נסיעה, עס זאל נים קומען צו חלול שבת.

קדוש והבדלה דארף זיין אויף וויין. אויב עס געפאלט שווער צו טרינקען וויין, קאן מען מאכען קדוש אויף חלה, אונ הבדלה קאן מען מאכען אויף אנ־דערע משקאות אויך.

דער כוס דארף האלטען א רביעית, און מען דארף אויס טרינקען וויינינ־סטינס א רוב כוס, מען דארף אנגיסען א פולען כוס ווען אויך ער האלט מעהר ווי א רביעית.

דער כוס דארף זיין ניט געשפאלטען.

אויך איז מען מחויב שבת פריה צו מאכען קדוש, דאס הייסט מאכען א ברכה אויף א כוס.

קדוש דארף זיין במקום סעודה, דאס הייסט מען דארף באלד גיין עסען, אז מען בייסט צו א כזית פון מזונות איז מען אויך יוצא.

פאר קדוש און הבדלה טאר מען ניט טועם זיין.

מען איז מחויב צו עסען שבת דריי סעודות, איינע ביי נאכט און צווי ביי טאג.

ביי יעדער סעודה דארף זיין לחם משנה, דאס הייסט צוויי חלות.

די חלה דארף מען שניידען נאך דער המוציא מאכען. טייל בעת מאכען די המוציא דארף זיא זיין גאנץ.

מען איז יוצא מיט קדוש והבדלה פון איין צווייטען אויך נור ניט פון א קטן.

יוצא זיין לחם משנה פון א צווייטען, דארף מען זיין א געוואשענער, און ער זאל יוצא זיין מיט דער ברכה פון המוציא אויך.

דאס איז איין כלל מיט וועלכע ברכה מען איז יוצא פון צווייטען, צב״ש תקיעת שופר, מגילה, און נאך אנדערע ברכות, דארף מען נור ענטפערין אמן און ניט זאגען־קיין ב״ה וב״ש, וייל דער ענטפער ב״ה וב״ש הייסט א הפסק אין דער ברכה.

נשים זיינען אויך מחויב אין קדוש און הערין הבדלה[1], און אין אללע דינים פון סעודות שבת, דארום זאל יעדער בעל הבית אין זינען געמען מוציא צו זיין די נשים מיט קדוש און לחם משנה און הבדלה, און זיי זאלען האבען א כונה יוצא צו זיין. דארום פאר קדוש והבדלה זאלען צו זאמען קומען די גאנצע בני בית צום טיש.

פרויען וועלכע זיי זיינען שבת אהן מאנספלייט, אדער זיי זאלען זעלבסט מאכען קדוש. אדער זיי זאלען הערין פון א צווייטען, זיי קאנען זיך אויך מוציא זיין איינע די צווייטע. אבער זיי זיינען ניט יוצא מיט קדוש פון א קטן[2]. ווייל א קטן קאן ניט מוציא זיין.

מען איז מחויב ארום וואשין זיך ערב שבת און בייטען די קליידער. דאס הייסט כבוד שבת, דער עסין און טרינקען שבת הייסט עונג שבת.

אויך איז מען מחויב מלוה מלכה צו זיין שבת־צו־נאכט. דער רעכט איז צו וואשין זיך און מאכען א רעכטע סעודה. בעלי מקובלים מאכען א גרויסען פירוש פון

1) משום דו״א דא״צ, מג״א. 2) דאס איז א קינד פאר דרייצען יאהר.

פון דער סעודה, דען דער מענש נאך זיין טויט, ווען עס ווערט פון קערפער אש בלייבט איין קליין ביינדיל אין רוקין מיט דעם נאמען לוז, דער ביינדיל בלייבט גאנץ, אונ פון דעם ביינדיל פאנגט זיך אן די תחיה פון קערפער בעת תחית המתים. דער ביינדיל האט זיין חיות פון מלוה מלכה.

ערב שבת איז א מצוה יעדע ווירטין פון הויז זאל באקען חלה, עס זאג האלטען א שיעור חלה, דאס הייסט מעהל, די מאס פון דריי רוסישע קווארט.

ערב שבת פאר מען ניט ארויס פאהרין, סיידין אז מען איז אויסגערעכענט צו קומען בעציישינס וואו מען בעדארף.

בעלי עגלות אין וועג זאלען זיי בעצייטינס ארויס פאהרין פון ארט כדי פריער צו קומען, זיי זאלען חלילה ניט קומען צו חלול שבת.

עס איז א מצוה יעדער איד זאל טאן איין ארבייט לכבוד שבת, ווי מיר געפינען ביי די חכמי התלמוד, אנדערע פלעגין מאכען פיש, אנדערע פלעגין האקען האלץ לכבוד שבת, בפרט ווינטער אין די קליינע טעג דארף מען געוויס צו העלפען אין הויז עס זאל ניט קומען צו חלול שבת.

דער רעכט איז מען זאל אנגעמען דעם שבת פינף פערטיל שעה פאר דער שקיעה, נור לא פחות א האלב שעה פאר דער שקיעה מוז ווערין צו געמאכט די געשעפטין, אונ אראב גיין פון מארק. בעלי מלאכות פון זייער ארבייט, פור־לייט מיט די פורין.

די צייט פון ליכט בענטשין איז פונפצין מינוט פאר דער שקיעה.

שבת אונ יום כפור צינדט מען אהן פריער די ליכט. אונ מען מאכט צו די אויגען, דערנאך מאכט מען די ברכה, ווייל ווי מען מאכט די ברכה פון ליכט בענשען האט מען דאך שאהן מקבל שבת געווען, טאר מען שאהן מעהר ניט אנצינדין קיין פייער, אבער יום טוב מאכט מען פריער די ברכה, (אונ מען מאכט ניט צו די אויגין) דערנאך צינדט מען אן די ליכט. ווי עס איז א כלל ביי אלע זאכען מאכט מען פריער די ברכה נאכהער טוהט מען די זאך.

ווי באלד מען בענשט ליכט הייסט שאהן אין הויז שבת, דארף מען פארזיכטיג זיין ניט צו טאן קיין מלאכה. דהיינו ניט רייבערין, ניט שרייבין, ניט פוצין די שיך, אד"ג.

די פרויען וועגען מחויב אראב צו גיין פון די געשעפטען וואס פריער, כדי צו צו בערייטען זיך לכבוד שבת. אונ בענשין ליכט.

די פרויען קלייבען זיך צו, געוויינליך פאר ליכט בענשין, נור אויב עס איז שאהן שפעט, זאל זי פריער בענשען ליכט, דערנאך אנטאן זיך די בגדי שבת.

ווען דער מאן זעהט אז עס איז שאהן שפעט, אונ די פרוי איז נאך ניט דא, אדער זי היילט זיך ניט, זאל ער עלבסט בענשען ליכט.

מאנסלייט

מאנסליים אהנע פרויען. אדער אויב די פרויען זיינען ניט צו הויז, אדער זיי זיינען אין דער פרעמד אונ האבען א בעזאנדערין צימער. דארפין זיי ליכט בענטשען.

אויף דעם טיש פון עסען דארף ברענען נים ווייניגער ווי צוויי ליכט. די ליכט זאל זיין גרוים ווייניגסטין עם זאל גענוג זיין ביז איבער דעם עסען.

ביי ליכט בענטשען אז מען בעט אויף גוטע קינדער, אונ מען דערציהט זיי אין אידעשען וועג, ווערט מען גיענטפערט.

פרייטיג פאר נאכט דארף מען זיך ארום טאפען די קעשענעס, פיליכט ליגט ביי זיך עטוואס, אדער עס שטעקט א נאדיל. אפילו וואו מען מאג טראגען דארף מען זיך אויך ארום טאפען פיליכט געפינט זיך אדער עס שטעקט אין בגד א מוקצה זאך.

ערב שבת דארף מען מעביר זיין די סדרה.

עס איז א חוב אויף יעדער וויבמין אן צו גרייטין. בעצייטינס וואס מען האט נייטיג אויף שבת, עס זאל נים ארויסקומען קיין מכשול.

אמת מען דארף ערליך האלטען דעם שבת אין עסען אונ טרינקען, מען קוקט אבער גאר נים צו פריא צו שפעט, ביז עס קומט אוים דאס מען ניים קויפין אום שבת מיט געלד אין די בעקעריי, אין די צוקערנעס, אין די ווייין האנדלען. ווי איז צו די לייט וואס טוהען זאלכעס אהן א געדאנק, מען וויל ערליך האלטען דעם שבת לסוף איז מען גאר מחלל שבת.

דער פארקויפער אום שבת ער וועט זיך געווים נים ריינינען פון זיין זינד ביז ער וועט אוועק נאר'פען, דען ער טראגט דאך איין עבירה פון יעדער זאך בעזאנדער ווען נור ער פארקויפט, ווידער איז זיין עבירה גרעסער, ווי די גמרא זאגט (לאו עכברא גנב אלא חורא גנב). דאס הייסט נים דער שרץ איז דער גנב נור די לאך איז דער גנב. ווען עס וואלט נים זיין די לאך וואלט דער שרץ נים האבען וואו צו בעהאלטען, ממילא וואלט ער נים גענומען. די זעלבע ווען די פארקויפער זאלען נים געבען שבת וואלטען די קויפער נים האבען וואו צו קויפען.

דער רעכט איז, עס זאל זיין אין יעדער שטאט א חברה וועלכע עס זאלען אויף זעהען. אויף דעם מארק, אויף די געשעפטען, אויף בעלי מלאבות זיי זאלען אננעמען בעצייטענס שבת, פור-לייט זאלען אראב בעצייטענס פון מארק. אכטונג צו געבען מען זאל בעצייטענס ארוים פון מרחץ, בעצייטענס פאר רוקין דעם טשאלינד, אונ אלעס וואס איז נוגע צו חלול שבת. דער כלל איז, מען זאל אהן נעמען בעצייטענס דעם שבת. ווי עס איז ב"ה דא אין פיל שטעט חברה מזהירי שבת. זייער שכר איז זעהער גרוים, אונ זייען זוכה צו האבען קינדער תלמידי חכמים 1).

1) הזהיר בנר שבת הו"ל בנים ת"ח המזהיר ע"ז לא כ"ש.

## לב) לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ עַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ וּבְהֶמְתֶּךָ.[1] (כ—י)

די מִצְוָה לֹא תַעֲשֶׂה אִיז. מֶען טָאר נִיט טָאן שַׁבָּת קֵיין שוּם אַרְבֵּייט; אוֹיךְ נִיט לָאזֶען טָאן דִי וָועלְכֶע אוּנְטֶער זַיין שוּטְץ זַיינֶען, הַיְינוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער אָדֶער אַ אֵינוֹ יְהוּדִי, אוּנ נִיט לָאזֶען אַרְבֵּייטֶען דִי פִיהֶע נִיט בַּיי זִיךְ אוּנ נִיט בַּיי קֵיין צְוֵייטֶען, אֲפִילוּ בַּיי אַ אֵינוֹ יְהוּדִי אוֹיךְ נִיט. דֶער כְּלָל אִיז, עֶס מִיזֶען אַלֶע רוּהֶען אִין דֶעם מֵעֵת לְעֵת פוּן שַׁבָּת, דָאס הַייסְט, דֶעם גַאנְצֶען שַׁבָּת, מִיט אַייניגֶע מִינוּט פַאר דֶעם שַׁבָּת אָנְקוּמֶען, אוּנ אַייניגֶע מִינוּט נָאךְ דֶעם אַרוֹיסגַאנְג פוּן שַׁבָּת[2].

דֶער כְּלָל אִיז, פוּן דֶער צַייט פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין בִּיז שַׁבָּת־צוּ־נַאכְט אַייניגֶע מִינוּט נָאךְ דֶעם דֶערְזֶעהֶען מִיטֶעלֶע שְׁטֶערִין. ד"ה, נָאךְ מַעֲרִיב, הַייסְט עֶס שַׁבָּת. דַארוּם דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק גֶעהִיט נִיט צוּ הַיילִין שַׁבָּת־צוּ־נַאכְט דֶעם דַאוְונֶען מַעֲרִיב, ווִי דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם אִיז, ווִי עֶס ווֶערְט עֶטְווָאס פִינְסְטֶער, הַיילְט מֶען דֶעם דַאוְונֶען מַעֲרִיב, לוֹיעֶנְט עֶס דֶען. אִיבֶּער אַ קוּרְצֶע ווַיילֶע אַביין בְּרֵיינְגֶען זִיךְ אִין אַ סָפֵק כָּרֵת ר"ל.

די חֲכָמִים ווַייזֶען אוֹיף פוּן דֶער תּוֹרָה, דָאס די מְלָאכוֹת ווָעלְכֶע עֶס זַיינֶען בֶּענוּצְט גֶעווֶען אִין מִשְׁכָּן[3] אוּנ עֶהְנְלֶעךְ צוּ זֵיי, אוֹיף די מְלָאכוֹת אִיז מֶען חַיָּיב אוּם שַׁבָּת.

די מְלָאכוֹת אִיז אַיינְגֶעטְהֵיילְט אִין נַיין אוּנ דְרַייסִיג כְּלָלִים[4], יֶעדֶער כְּלָל אִיז פַארְטְהֵיילְט אִין צְווֵיי אַבְּטְהֵיילוּנְגֶען, א) חַיָּיב מִיתָה, ב) פָּטוּר אֲבָל אָסוּר.

חַיָּיב מִיתָה הַייסְט, ווָעלְכֶע אוֹיבּ מֶען טוּהְט אַיינֶע פוּן זֵיי אוּם שַׁבָּת „בְּמֵזִיד" „מוּטְווִילִיג". אוּנ בְּהַתְרָאָה[5] קוּמְט סְקִילָה, (ד"ה, אִין דער צייט פון בית המקדש האט מען פארשטיינט), אוֹיבּ אָהן הַתְרָאָה קוּמְט כָּרֵת. אוֹיבּ „בְּשׁוֹגֵג" דַארְף מֶען בְּרֵיינְגֶען אַ חַטָּאת.

פָּטוּר אֲבָל אָסוּר הַייסְט, אַנְדֶערֶע אִיבֶּערִיגֶע מְלָאכוֹת ווָעלְכֶע עֶס אִיז נוּר אָסוּר צוּ טָאן אוּם שַׁבָּת. אָבֶּער קֵיין חִיּוּב אִיז פִיר דִי מְלָאכוֹת נִיטָא.

---

1) וה"ה חיות ועופות. 2) ווייל מען איז מחויב מן התורה מוסיף זיין צייט אויף דעם טאג פון שבת אייניגע מינוטען פון די וואך טעג. 3) אין דעם ארט פון ביהמ"ק וואס אידין האבען מיט געפירט מיט זיך אין דער מדבר. 4) ל"ט אבות מלאכות ותולדותיהן. 5) התראה הייסט ערות זאגין אן דעם פארברעכער אדער פארברעכערין ווי זאלען דאס ניט טאהן אונ אויב זיי וועלין יא טאהן וועט מען זיי טאהן זייער פסק, אונ זיי בעשטעהען אויף דעם,

דאס איז א כלל, וואו מיר ברייגגען דא ביי די ניין און דרייסיג מלאכות דעם לשון חייב, מיינט מען במזיד כרת און בשוגג א חטאת. דארום האבען מיר גיט נייטיג צו שטעלין ביי יעדער כלל פון די ל"ט כללים.

## כלל א החורש (אקערין)

פיר עטוואס אקערין, אדער גראבין, פיר פארשיטין א גרוב, אדער פאליען א גארטען, און נאך אויף אזוי איין ארט מלאכה, אין דער ערד, אדער אין דער זאד וואס איז באהעפט צו דער ערד, וועלכע דורך דעם ווערט די ערד פאר־בעסערט צו איהר נוטין, איז מען חייב מיתה במזיד, און בשוגג א חטאת.

פיר ארויף טרייבען שאף אויף א פעלד אום צו מיסטיגין, צב"ש ווי דער דרך פון די קאלאניעס, עס ווערט ארויף געטריבין שאף אויף די חאקארעס (פעלד), וואס דארט ווערט דערנאך פארזייט טאבאק, אויב מען טוהט דאס אום שבת איז מען חייב.

## כלל ב זורע (זייען)

פיר עטוואס זייען, אדער פלאנצין אין דער ערד, אדער אפילו אין אבלי מים ערד, און נאך אין אזוי איין ארט מלאכה, וועלכע דורך דעם ווערט פאר־בעסערט צום וואקסין, צב"ש בעגיסין שפריצונג, אדער אראב שטעלין א וואזאן אויף דער ערד, און דאס גלייכען, איז מען חייב.

אפילו וואשין די הענד אויף שפריצונג, אדער אויף א וואזאן, אדער ארויס־טראגען די וואזאן אונטער דעם רעגין, טאר מען אויך ניט, אפילו האלטען די וואזאן אין האנד איז מוקצה.

מען טאר ניט אריין שטעלען קיין בלומען אין א כלי וואסער.

מען דארף אכטונג געבין אויף די קינדער זיי זאלען דאס ניט טאן.

## כלל ג הקוצר (שניידען)

פיר שניידען אדער רייסען אדער אב רייסען פון געוואוקס וואס איז באהעפט צו די ערד, פון ביימער פון וואזאנען, אדער אראב נעמען א וואזאן פון דער ערד איז מען חייב.

מען טאר ניט ארויס נעמען קיין האניג פון בינשטאק.

מען טאר ניט קריכין אויף א בוים אום שבת.

אבגעריסענע פרוכט וועלכע עס געפינט זיך שבת אין די גערטנער, אין די סעדער, טאר מען זיי שבת ניט עסען, און אפילו ניט רירין זיי, וועיל עס קאן זיין דאס זיי זייגען אום שבת אראב געפאלין, הייסט עס מוקצה.

## כלל ד מעמר (צוזאמען שטעלען)

פיר צו זאמען קלייבען אין איין ארט גארבען אדער זאנגען, דאס גלייכין

פְרוּכְט אִין גָארְטִין, אָדֶער הָאלְץ אִין וַואלְד, אוּנ נָאךְ זָאלְכֶע מְלָאכוֹת, אִיז מֶען חַיָיב.

דִי גֶערְטְנֶערֶער, דִי סַאדָאוְונִיקֶעס, בַּארְפְן זִיךְ הִיטֶען נִיט צוּ נֶעמֶען גֶעמֶען שַׁבָּת קֵיין פְרוּכְט אִין אֵיין אָרְט, אֲפִילוּ דִי פְרוּכְטִין וָועלְכֶע עֶס אִיז אַרָאב גֶעפַאלֶען פַאר שַׁבָּת וָואס אִיז נִיט מוּקְצֶה, דָאס נִיט אָבֶער אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶעם חִיוּב פוּן „מְעַמֵּר".

## כלל ה דש (דְרָעשִׁין)

פִיר דְרָעשִׁין תְּבוּאָה אָדֶער אוֹיסְקְוֶועצֶען פְרוּכְט וָועלְכֶע שְׁטֶעהֶען נוּר צוּם זַאנְפְט 1), צב"ש קְוֶועצִין אֵיילְבֶּערְטִין, טְרוֹיבִּין, רָאזִין, אִיז מֶען חַיָיב.

פִיר מֶעלְקִין אַ בְּהֵמָה אוּם שַׁבָּת אִיז מֶען חַיָיב, נוּר אִיבֶּער צַער בַּעֲלֵי חַיִים אִיז מוּתָּר צוּ מֶעלְקִין דוּרְךְ אַ אֵינוֹ יְהוּדִי, אָבֶער דִי מִילְךְ טָאר מֶען נִיט רִירִין וַוייל עֶס הֵייסְט מוּקְצֶה.

מֶען טָאר נִיט אוֹיסְקְוֶועצֶען קֵיין זַאךְ וָואס הָאט אִין זִיךְ אַרֵיינְגֶענוּמֶען מַשְׁקֶה אָדֶער וַואסֶער, בַּארוּם דִי וָואס גֵייעֶן שַׁבָּת טְבִילָה, בַּארְפֶן זִיךְ הִיטֶען נִיט אוֹיסְקְוֶועצֶען דִי הָאר.

מֶען טָאר נִיט אַרוֹיסְנֶעמֶען קֵיין קֶערְנֶער פוּן דִי זַאנְגֶען, אָדֶער אַרְבֶּעס פוּן טְרוּקֶענֶע שְׁטְרוּנְצֶעס, בָּאב פוּן שְׁטְרוּנְצֶע, מָאן (מַאנְקוּפְקֶעס) פוּן דִי קָאפ, גִיסְלֶעךְ פוּן גְרִינֶעם שָׁאלֶעכְץ, אֲפִילוּ בַּאלְד צוּ עֶסֶען טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט.

## כלל ו זורה (ווינְדְשׁוּיפְלֶען)

פִיר וַוינְדְשׁוּיפְלֶען תְּבוּאָה אִיז מֶען חַיָיב, יֶעדֶער זַאךְ וָואס דֶער ווִינְד צוּ טְרָאגְט דָאס, אִיז אִין כְּלָל פוּן זוֹרֶה. בַּארוּם מוּז מֶען פָארְזִיכְטִיג זַיין נִיט צוּ שִׁיטִין גֶעגֶען ווִינְד קֵיין זַאךְ וָועלְכֶע דֶער ווִינְד צוּ טְרָאגְט, אָדֶער גִיסִין דוּרְךְ אַ טִיכְל אוּנ פֶענְצְטֶער.

## כלל ז בורר (אוֹיסְקְלַייבִּין)

דֶער חִיוּב פוּן בּוֹרֵר אִיז, אוֹיסְקְלַייבֶּען צְווֵיי מִינִים עֶסֶענְוַוארְג אֵיינֶע פוּן דִי אַנְדֶערֶע, אָדֶער אִין זָעלְבֶּען מִין פְּסוֹלֶת (שְׁמוּץ, אָבְפַאל) מִיט עֶסֶען, נִיט מִיטִין הַאנְד, נִיט מִיט קֵיין כְּלִי.

דִי פְּרָטִים אִיז מְבוֹאָר אִין ש"ע הִלְכוֹת שַׁבָּת.

דֶער כְּלָל אִיז, אַנְדֶערְשׁ טָאר מֶען נִיט אוֹיסְקְלַייבֶּען סַיידִין אוֹיף דִי פִיר אוֹפַנִים. א) בְּדַוְקָא אַז דֶער עֶסֶען אִיז מֶעהְר פַאר דִי פְּסוֹלֶת. ב) בְּדַוְקָא דֶעם עֶסֶען פוּן דִי פְּסוֹלֶת, אָבֶער נִיט דִי פְסוֹלֶת פוּן דֶעם עֶסֶען, צב"ש אַב

1) רמב"ם.

געקאָכטע אַרבעס טאָג מען קלייבען די גוטע פון די ווערימדיגע, אָבער ניט פאַרקערט, ט) דווקא באַלד צום עסען און ניט מעהר ווי פיל מען דאַרף צו דעם עסען, י) דווקא מיטן האַנד און ניט מיט קיין כּלי.

צוויי מינים, עסינגוואַרג וועלכע ליגען אין איין כּלי, צב"ש רינדר פלייש מיט עוף. אָדער אפילו איין מין, צב"ש פון „פּישין" שלייען מיט העכט, אָדער געפילטע מיט ניט געפילטע, קאָן מען נור אַרויס נעמען די וועלכע עס פאַדערט באַלד צום עסען פון די וועלכע עס פאַדערט ניט באַלד צום עסען, אָבער ניט פאַרקערט, צב"ש עס ליגט העכט מיט שלייען אין איין כּלי, אָדער מען קאָכט אָב פרייטאָג פלייש מיט עוף. און עס ליגט אין איין כּלי, און דאָס דאַרף זיין אויף ביי נאַכט און אויף אין דער פריא, אָדער אויף שלש סעודות, טאָג מען ביי נאַכט נור אַרויס נעמען, די וועלכע עס פאָדערט ביי נאַכט צום עסען און די איבעריגע זאָל בלייבען אין דער כּלי, אָבער ניט אַרויס נעמען און אָב לייגען די וואָס פאָדערט אויף אין דער פריא אָדער אויף שלש סעודות, און די לאָזען אין כּלי, ווייל די זאַך וואָס מען בעדאַרף באַלד צום עסען הייסט „אוכל" (עסענוואַרג), און די וועלכע מען בעדאַרף ניט באַלד צום עסען הייסט ווי פסולת (אָבפאַלל!).

עס איז אַ כּלל, דער איסור פון בורר איז ניט דווקא ביי עסענוואַרג, נור ביי אַלע זאַכען וועלכע מען דאַרף, איז פאַרמישט צווישען וועלכע מען דאַרף ניט, צב"ש גיפעס, בגדים, זאָל מען שבת אימער אַרויס נעמען די זאַך וואָס מען דאַרף פון דער זאַך וואָס מען דאַרף ניט, אָבער ניט פאַרקערט.

מען טאָר ניט אַריין שיטען קיין תבואה אין וואַסער עס זאָל אַרויף שווימען די אָבפאַלל. אָדער עס זאָל אַראָפּ די אָבפאַל אונטען און דער עסען אויבען.

מען טאָר ניט אָב שיילען קיין מין פרוכט סיידין באַלד צום עסען אָבער ניט אויף שפּעטער צו לאָזען.

מען טאָר ניט איבער זייען קיין שום געטראַנק.

מען טאָר ניט אַראָב נעמען פון אויבען קיין פעטע סיידין מיט עטוואָס יויך.

אז עס פאַלט אַריין אַ פליג אָדער איין אַנדער שמוץ אין אַ עסען אָדער אין אַ געטראַנק, טאָר מען ניט אַרויס נעמען סיידין מיט עטוואָס פון דער זאַך.

אַראָב נעמען סמעטינע פון זויער מילך, טאָג מען נור צום עסען דעם שבת, און עטוואָס סמעטינע לאָזען אויף די זויער מילך.

מען טאָר ניט טאָן קיין מיטיל אום שבת עס זאָל זיך פאַר זייערן מילך. צב"ש שטעלין אין דער וואַרעם אָדער איין אַנדער מיטיל.

פעטשאַ וואָס ווערט געמאַכט פון פיסנאָגעס וואָס מען ריכט צו אין דער פריא אויף שלש סעודות, קאָן מען נבשל ווערין אין אסך איסורים. דאַרף מען ווייסין ווי דאָס צו רעכט צו מאַכען נאָך דעם דין נאָך, דהיינו די ציבעלע אָדער די קנאָבּיל וואָס מען ברעקלט אַריין זאָל מען ניט אָבשיילין, דען מען איז חייב איבער בורר. אויב מען שיילט, מען זאָל ניט צו שניידין נאָנץ דין ווייל מען איז חייב איבער

מוחן

(טוחן (מאלין), אויב די יויך איז רעכט וואַרעם מאר מען נאר ניט אריין ברעקלען קיין ציבעלע, אדער קנאבל, אדער אריין שלאגען א רויע איי, טייל עס קאכט זיך אויס אין די יויך, איז מען עובר משום מבשל בשבת – ראָס טאר מען ניט אפילו אין דיא פעטשא וועלכע מען עסט אין דער פריא. אויב די יויך איז רעכט וואַרעם.

## כלל ח טוחן (מאלין)

פיר מאלין אדער שטויסען די זאך וועלכעס דער שטייגער איז צו מאלין אדער צו שטויסען, איז מען חייב.

מען טאר שבת צו שטויסען פעפער. זאלץ, צוקער. אד"ג, נור מיט א שטיל פון א מעסער. אדער פון א לעפיל. ד"ה מיט א „שינוי" ופארענדערט ווי אין דער וואכען, אונ ניט מער ווי פיל מען בעדארף באלד צום עסען.

פיר שניידען אדער צו רייבען פרוכט אויף גאנץ דין, וועלכע די פרוכט פאדערט ניט באלד צום עסען, איז מען חייב.

דער דרך איז צו מאכען ציבעלעס צום עסען שבת, מאר מען אנדערש ניט מאכען. נור אויף באלד צום עסען ביי דער סעודה, אונ ניט צו שניידען אויף גאנץ דין.

מען טאר ניט אב רייבען קיין בלאטע פון א בגד אום שבת.

## כלל ט מרקד (זיפין)

פיר זיפין אום שבת איז מען חייב.

## כלל י הלש (קנעטין)

פיר קנעטין די זאך וואס גייט דער ביי אן. קנעטין, איז מען חייב.

פיר פארמישין קלייען, איז מען חייב. אפילו ארויף גיסין וואסער אונ ניט אויסמישין, טאר מען אויך ניט.

פיר צוזעצט מאכען זענעפט, איז מען חייב.

אז מען האט פארגעסין אריין צו גיסין עסיג אדער ראסיל אין חריין ערב שבת, טאר מען ניט אויף גיסין אום שבת, נור מיט א שינוי, דהיינו אריין לייגען די חריין אין די עסיג אדער אין די ראסיל מאג מען. אבער מען טאר ניט אויסמישין מיט קיין לעפיל, ווי דער דרך איז.

## כלל יא האופה, וצולה, ומבשל, (באקין, בראטין, קאכין).

פיר באקין, בראטין, אדער קאכין די זאך, אפילו וועלכע מען קאן עסין רויערהייט, איז מען חייב.

פיר פארברינען טהיי, אדער אריין לייגען אין ווארעמע וואסער א רויע

איי

אַיי. אָדער אויסמישן אַ טאפּ ווען ער שטייט אויף דעם פייער. איז מען חייב, דארום ווען איין אינו יהודי קאכט פאר אַ חולה וועלכער אהן אַ סכנה. דאַרף מען זיך היטן ניט אויסמישן דעם טאפּ.

פיר קאכען אַ זאך וועלכע עס שטייט ניט צום עסען, דהיינו אַפּטייקאר־סקע זאכען, איז מען חייב.

פיר אַריין לייגען פייכטע האלץ אין אויווען עס זאל אָב טריפען די וואסער, איז מען חייב.

מען טאר ניט אַריין שיטן קיין זאלץ, קיין פעפער, אָדער אַריין בּראָקען אַ ציבעלע אָדער גיבעקס אין טאפּ וואס דאס הייסט „כלי ראשון" די ערשטע כלי, אויך ניט אַריין בּראָקען אין שיסיל וואס דאס הייסט „כלי שני" די צווייטע כלי, אונ אַרויף גיסן פון טאפּ, ווייל דאס איז ווי געקאָכט.

אַפילו ווען די זופּ איז שאהן אַיין געגאָסן אין שיסיל, פון טאפּ, טאר מען אויך ניט אַריין בּרעקלען קיין ציבעלע אָדער אַריין שיטן זאלץ.

קאלטע עסען אָדער געטראַנק, טאר מען ניט אַריין שטעלען וואַרעמען. אַפילו בּכדי עס זאל נור אָב גיין די קעלט, טאר מען אויך ניט.

נור ווינטער אויב פאר דעם הייצן איז געשטאַנען אין קאכלע טהיי אָדער עפּ. איז מותּר. אַפילו אַז דער אינו יהודי האט פאר דעם הייצן אַריין גע־שטעלט די קאלטע טהיי אָדער די זופּ, איז אויך מותּר.

מען טאר ניט אָב בּריען קיין הערינג אום שבת.

מען דאַרף פאַרזיכטיג זיין צו פאַרבּריען טהיי פאר שבת, דען עס קאן טרעפן פון פיל אַרבּייט פאַרגעסט מען צו פאַרבּריען טהיי פרייטאג, פאַרבּריט מען אום שבת. איז דאך דאס אַ ריכטיגער מבשל, וואס מען איז מחויב אויף דעם כּרת.

מען דאַרף בּעצייטינס פאַררוקען דעם טשאַלינד אונ פאַרשמירין, ניט ווי אַנדערע מיינען אַז עס איז רעכט ניט צו פאַרשמירין.

מען טאר ניט עפענען פרייטאג־צו־נאכט דעם אויווען וואו עס שטייט דער טשאלינד.

די ניקעכץ וואס מען קאכט אויף די פּליטעס, דאַרף מען אַרוים נעמען די טעפּ פון די לעכער פאר ליכט בּענשן אונ אַרויף שטעלען אויף דער פּליטע.

דאס איז די עלף כּללים וועלכע געהער צו שפּייז. עס איז דא נאך פיעל אַזעלכע מלאכות וואס מען איז חייב כּרת אויף זיי. ווי עס איז מבואר אין פּוסקים.

## כלל יב הגוזז (שערין)

פיר שערין האר אָדער וואל פון לעבעדיגע בּהמות, אָדער חיות, איז מען חייב.

פיר שערין אָדער בייסען האָר 1) וואָל פון אַטוידטע בהמה, אָדער אַ חיה, אפילו ווען די פעל איז אָב געשונדען, איז מען אויך חייב.
פיר אויס רייסען פעדערין פון איין עוף, איז מען חייב.
פיר אָב שניידין האָר, זיך אָדער אַ צווייטען, איז מען חייב.
מען טאָר ניט אָב שניידין קיין נאָגיל, און ניט אויס שניידען קיין גראָבעווקע אָדער אַ נאַנגנאָטקע אום שבת.
מען טאָר ניט קאַמען, זיך אָדער אַ צווייטען, אפילו האַלטען די קאַם, איז אויך מוקצה, נור מיט אַ נייע האָר בערשטיל וועלכע איז מיוחד אויף שבת, איז דאָ אַ היתר.

## כלל יג מלבן (וואַשען)

פיר וואַשין אָדער פּרעסין אָדער מאַנגלען, און נור אַ סין אַרבייט וואָס פאָדערט צו דעם, איז מען חייב.
אַז אַ קינד איז משתין אויף אַ בגד, אָדער אויף בעטצייג, טאָר מען ניט בענעסין מיט וואַסער אום שבת.
אַ פאַרגעצטין בגד, טאָר מען ניט אויס שפּרייטען, אפילו ניט שטעלען זיך מיט איהם ביים אויוועז.
מען טאָר ניט אָב טרייסלען קיין בגד פון שניי אָדער רעגען און שטויב.
ווען עס פאַרגיסט זיך וואַסער אויף אַ טיש אר"נ, טאָר מען ניט אָבווישין מיט אַ פאַטשיילע אָדער מיט אַ טישטוך, ווייל טאָמער וועט מען דאָס וועלען אויסדרייען, און דאָס טאָר מען דאָך ניט.
מען טאָר ניט אָב כינגען קיין בגד מיטין האַנד, און ניט אַ באַרשט איז נאָך דאָ אַ איסור מוקצה אויך.

## כלל יד המפיץ (בערשטין)

פיר בערשטין אָדער קאַמען פלאַקס, וואָל, קאַנאַפּלעס ראַנאַזעס, איז מען חייב.

## כלל טו הצובע (פאַרבען)

פיר פאַרבען אָדער ווייסין, איז מען חייב.
מען טאָר ניט פאַרבין אָדער פודירען אום שבת, ניט זיך, ניט דעם צווייטען. מאַנקליים טאָרען דאָס אין דער וואָכען אויך ניט 2).
מען טאָר ניט אָב פאַרבען שבת קיין משקה פון אַ קאָליר וועגין.

## כלל טז הטוה (שפּינען)

פיר שפּינען אָדער שטריק דרייען אָדער דרייען פעדעם אָדער מאַכען פילטש, איז מען חייב.

עס

1) ישער אחת חייב משום ח"ש, 2) משום לא ילבש כו'.

עס טרעפט זיך אמאהל אין ציצה לאזט זיך פארנאנדער די פעדעם, זאל מען זיך היטען ניט צו גויף דרייען. עס קאן נאך קומען דורך דעם צו נאך א מלאכה, מיט דעם וואס מען מאכט א קניפיל ביים ברעג ציצה. איז מען גאר חייב איבער „קושר”, ווי ווייטער איז ערקלערט.

## כלל יז המסיך (אנציהען די קעטע)

## כלל יח העושה ב׳ בתי נירין (דורך ציהען צוויי פעדעם דורך די ליצין).

## כלל יט האורג (וועבען)

## כלל כ הפוצע (אויסטעפען פעדעם פון די געוועבטע צייג).

די פיר כללים איז וועב ארבייט. דער כלל איז, אלע ארבייט וועלכע הייסט וועבען, אדער פלעכטין אלע קארטין פלעכטונג, צב״ש א נעץ, א זיפ, אדער פלעכטונג פון האר, פון האלין, אדער פערנאנדער נעמען געוועבטע אדער געפלאכטינע, איז מען חייב.

מען טאר ניט פארפלעכטין אדער אפפלעכטין די האר פון קאפ אדער פון שייטיל.

## כלל כא הקושר (בינדין)

פיר צוזאמען בינדין מיט איין בונד וועלכע עס קאן האלטען, צב״ש צו נויף בינדין צוויי ברעגעס פון דער זאך אזוי ווי איין ציצה, אדער איין ברעג אפילו מיט איין בונד ווי א קניפיל אויף א פאדעם, איז מען חייב.

מען טאר ניט אריין ציהען שנירלעך אין א נייעם גארטעל, אין נייע שיך. אדער אין נייע גאטקעס. אין געניצטע, אויב מען קאן לייכט אריין ציהען די בענדליך, טאר מען.

מען טאר די שנירלעך ניט פארקניפין, נור פארשלייפין.

## כלל כב המתיר (אב־בינדין)

פיר פערנאנדער נעמען א בונד, איז מען חייב.

## כלל כג התופר (נייען)

פיר נייען אדער שטעפין, איז מען חייב.

צו זאמען ציהען א פערנאנדער געלאזענעם נאט, אפילו מיט דעם וועלכען פאדעם, איז מען חייב.

פיר צו זאמען קלעפין פאפיר אדער אנדערע זאכין, איז מען חייב.

## כלל כד קורע (רייסין)

פיר רייסין, אדער שניידין, אדער פערנאנדער נעמען א צוזאמען גיקלעפטע זאך. איז מען חייב.

מֶען טאר נִיט עֶפֶענֶען אַ קָאנְוֶוערְט אום שַׁבָּת.

דָאס אִיז דִי דְרַייצְען כְּלָלִים וָועלְכֶע גִיהֶער צוּ דִי אַרְבַּייט פוּן אַ בֶּגֶד. עֶס אִיז דָא נָאךְ פִיל זַאלְכֶע מְלָאכוֹת וָואס מֶען אִיז חַיָיב כָּרֵת אוֹיף זֵיי, וִוי עֶס אִיז מְבוֹאָר אִין פּוֹסְקִים.

## כלל כה הצד (פאנגען)

פִיר פַאנְגֶען פִיש. אָדֶער נוּר וָואס דֶער דֶרֶךְ אִיז צוּ פַאנְגֶען, צבי"ש אוֹיגְלֶען, חַיוֹת, אִיז מֶען חַיָיב.

וָוען עֶס פְלִיהט אַרַיין אַ פוֹיגֶיל, אָדֶער אַיין עוֹף, אָדֶער עֶס גֵייט אַרַיין אַ קַאץ, וָועלְכֶע זַיינֶען נִיט אַיינְגֶעוָואהנְט צוּם הוֹיז, טָאר מֶען נִיט צוּ מַאכֶען דִי טִיר אָדֶער דִי פֶענְצְטֶער זִי זָאל גֶעפַאנְגֶען וָוערֶען, נוּר אִין אַ קַאלְטֶע צַייט טָאג מֶען, ווייל מֶען טֵייגְט דָאךְ דִי קֶעלְט זָאל נִיט אַרַיין.

אִין הוֹיז גוּפָא טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט הַאפֶּען קַיין עוֹף אָדֶער אַ קַאץ, אֲפִילוּ נִיט הַאלְטֶען אִין הַאנְד, דֶען זֵיי זַיינֶען מוּקְצֶה.

עוֹפוֹת וָועלְכֶע זַיינֶען גֶעוָואהנְט צוּם הוֹיז אוּנ קוּמֶען אַלֶע מָאהל צוּרִיק, טָאר מֶען הַייסֶען אַ אֵינוֹ יְהוּדִי עֶר זָאל זֵיי הַאפֶּען, אָבֶער אַזֶעלְכֶע וָואס זַיינֶען נִיט לַאנְג גֶעקוֹיפְט. אוּנ זַיינֶען נִיט גֶעוָואהנְט צוּם הוֹיז, טָאר מֶען אֲפִילוּ אַ אֵינוֹ יְהוּדִי אוֹיךְ נִיט הַייסֶען הַאפֶּען

מֶען טָאר נִיט שְׁטֶעלֶען אַ פַאסְטְקֶע (פַאלַאפְּקֶע) אוּם שַׁבָּת צוּ הַאפֶּען שְׁרָצִים.

מֶען טָאר נִיט הַאפֶּען קַיין פְלִיגֶען מִיטֶין הַאנְד.

מֶען טָאר נִיט פַארְדֶערְקֶען נִיט מִיטֶין הַאנְד נִיט מִיט קַיין זַאךְ, צוּ זַאמֶען גֶעקְלִיבֶּענֶע פְלִיגֶען אִין אַיין אָרְט.

מֶען טָאר נִיט שְׁטֶעלֶען אוּם שַׁבָּת קַיין וָועסֶעריל פַאר פְלִיגֶען.

## כלל כו השוחט (שעכטין)

פִיר שֶׁעכְטִין אָדֶער טוֹידְטִין פוּן דִי פְרוֹכְטְבַּארֶע בְּרוּאִים. פוּן דָאס גְרֶעבְּטֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ בִּיז דָאס קְלֶענְסְטֶע, אִיז מֶען חַיָיב.

דֶער רמב"ם שְׁרַייבְּט אוֹיף הַרְגֶענֶען אַ פְלוֹיא שַׁבָּת אִיז מֶען חַיָיב וִוי הַרְגֶענֶען אַ בְּהֵמָה.

פִיר אַרוֹיס נֶעמֶען לֶעבֶּעדִיגֶע פִישׁ וָועלְכֶע לִיגְט אִין וַואסֶער, אָדֶער אָב צַאפֶּען דִי וַואסֶער פוּן זֵיי, אִיז מֶען חַיָיב.

אַז מֶען שְׁנַייד זִיךְ אַיין אַ פִינְגֶער טָאר מֶען נִיט שְׁמַאטְשְׁקֶען דִי בְּלוּט.

## כלל כז המפשיט (אבציהען)

פִיר אָרָאב צִיהֶען דִי פֶעל פוּן אַלֶע מִינֵי בְּרוּאִים, אִיז מֶען חַיָיב.

פיר

## כלל כח המעבד (אויסאַרבייטין)

פיר די מְלָאכות וָואס פאַרֶערְט צום אוים אַרבייטין אַ פֶּעל, אָדֶער שְׁמִירִין פֶעל אונ דָאס גְלייכָען, איז מֶען חַיָיב.

מֶען טאר נִיט שְׁמִירִין שַׁבָּת קיין שוכְוואַרג.

ביי עֶסֶעְנְוואַרג גֵייט אויך אָן דֶער אִיסוּר פון „מְעַבֵּד". דארום אַלֶע מִינֵי גְרִינְסִין וָואס דורךְ דֶעם וָואס זֵי נֶעמְט אַיין דֶעם טַעם פון זאלְץ אין וִיךְ, וֶוערְט זֵי פאַרְבֶּעסֶערְט, טאר מֶען נִיט בֶּעשִׁיטִין מִיט זאלְץ, זאנְדֶערְן טוּנְקֶען יֶעדֶער שְׁטִיקִיל אִין דִי זאלְץ אונ בּאלד עֶסֶען. נוּר אויב עֶס אִיז צו גִירִיכְט מִיט פֶּעטְס צב״ש וִוי דֶער דֶרֶךְ אִיז, מֶען מאכְט צו רֶעטְט, רֶעטֶעח, צִיבֶּעלֶע מִיט שְׁמאלְץ, אִיז מוּתָּר צו בֶּעשִׁיטִין אויף זיי זאלְץ, וויֵיל דִי פֶּעטְס צִיהט אָב דִי קְראפְט פון דִי זאלְץ, אונ מֶען דארף פְרִיהֶער לֵייגֶען דִי שְׁמאלְץ, אונ נאכְהֶער דִי זאלְץ.

דֶער כְּלָל אִיז, נוּר אַ זאךְ וָואס דִי זאלְץ פאַרְבֶּעסֶערְט אִיהר, טאר מֶען נִיט שִׁיטִין קיין זאלְץ, אויסֶער אִין דֶער זאךְ וָואס מֶען דארף באלד צום עֶסֶען.

## כלל כט הממחק (גְלאַט מאַכין)

פיר גְלאַט מאכֶען אַ פֶּעל. אָדֶער אַיין אַנְדֶערֶע זאךְ, צב״ש פוּצִין שוכְוואַרג, אָדֶער שׁיֶערִין כֵּלִים, אִיז מֶען חַיָיב.

## כלל ל המשרטט (לֶענִירֶען)

פיר גְלייךְ מאכֶען מִיט אַ לִינְיֶע, אָדֶער מִיט אַיין שְׁנוּר, אָדֶער מִיט אַ נאָגִיל אויף פאפִּיר, לֶעדֶער, האלְץ, גְלאז, אר״ג, אִיז מֶען חַיָיב.

## כלל לא המחתך (שְׁניידִין)

פיר שְׁניידִין, רייסִין, אָדֶער בְּרֶעכִין פאפִּיר, האלְץ, לֶעדֶער, גְלאז, אר״ג, אִיז מֶען חַיָיב.

מֶען טאר נִיט אויסְשְׁנִיצִין אום שַׁבָּת, אֲפִילוּ פון אַ עֶסֶעְנְוואַרג צו פאר שְׁטאפִּין אַ פְלאש, אר״ג.

## כלל לב הכותב (שְׁרייבִין)

פיר שְׁרייבֶען אויף אַלֶע אַרְט בוּכְשְׁטאבִין אָדֶער צִיפֶערִין, אִיז מֶען חַיָיב.
פיר אויסְשְׁנִיצִין אָדֶער אויסְגִיסִין בוּכְשְׁטאבִין אָדֶער צִיפֶערִין, אִיז מֶען חַיָיב.
פיר צייכֶענֶען אָדֶער רִיסֶעוָוען אויף אַ זאךְ, אִיז מֶען חַיָיב.

דְרוּקִין האט דֶעם דִין פון שְׁרייבֶען 1), דארום טאר קיין אַרְבייט פון דְרוּק גִיט גֶעטָאן וֶוערִין שַׁבָּת אונ יום טוב.

בַּיעֶן

1) המדפיס חייב משום כותב, המסדר האותיות משום בונה, והמניח בסידור האותיות לתקן השיבוש חייב משום בורר, וסותר, ומכה בפטיש. והסותר האותיות ממושבן לאחר שהדפיס חייב משום סותר ובורר, עץ חיים.

מען דארף פארזיכטיג זיין שבת און יום טוב נים צו מאכן מיטן פינגער אויף דעם פענצטער, ווייל מען קען פארגעסן און אויפשרייבן א אות.

## כלל לג המוחק (מעקן)

פיר אפמעקן אום שבת געשריבענע, אפילו נור צייכנס. אדער אפמעקן שמוץ פון פאפיר אר"ג, איז מען חייב.

אויס־געפארבענע אותיות אויף קעגנטארג, צב"ש בוכשטאבן אויף גע־באקענע זאכן, טאר מען נים פארנאנדער ברעכן אין דעם ארט פון די אותיות, דאס גלייכן טאר מען נים עפענען א פלאש אין די אותיות פון זיגיל אדער פון באנדעראל.

מען טאר נים אראב נעמען פאר־שפריצטע סלב אדער וואקס פון אותיות.

מען טאר נים היימין עפענען קיין בריף א אינו יהודי, נור געבן אן צו־מערקן ער זאל פארשטעהן צו עפענען, איז מותר.

## כלל לד הבונה (בויען)

פיר בויען אדער מויערן אפילו עטוואס, איז מען חייב [1].

פיר עטוואס גראבן אדער פארשיטן אין א בנין, איז מען חייב.

פיר עטוואס האקין אדער ענגבערין, און נור א מין ארבייט וועלכע נייטער צו בויא ארבייט, איז מען חייב.

פיר ארויף זעצן א טיר און פענצטער אויף זאוויעסעם, אפילו די זעלבע טיר און פענצטער אויף די זעלבע זאוויעסעם, איז מען אויך חייב.

די אראב גענומענע טיר און פענצטער זיינען מוקצה צו האלטען.

פיר מאכן א זאך וואס ווערט געארבייט אין א פורעם, צב"ש א ציגיל, אדער קעגנטארג, צב"ש מאכען א קעז, איז מען חייב.

פיר צו רעכט מאכען א ווערקצייג איז מען חייב, צב"ש א האק אום שבת טאר מען נים נעמען, אבער גענומען א האק אויף קנאקין נים מאג מען. און בעת מען נעמט די האק זעהט מען אז די האק זיצט לויז אויף דער טאפעריקע, טאר מען נים אריין זעצן די טאפעריקא, אדער אריין שלאגן א פלעקיל, עס זאל זיך האלטען שטארקער. אויב מען טוהט דאס איז מען חייב.

א מעסער אדער נור א זאך וואס שטעקט אין דער ערד, טאר מען אום שבת נים ארויס ציהען.

מען טאר נים אריין זעצן קיין פוס אין א שטול אדער אין א באנק אר"ג, אפילו די זעלבע פוס אויך נים [2].

מען

---

1) זו שעושות ואהל מסו על ...פח בגובה טפח. 2) ברפין, ובתינוק, וחייב

מען טאר ניט אנציהען שבת פון דאס נייע קיין גארדינען.

מען טאר ניט עפענען קיין שירעם (פאראסאל) אום שבת, אפילו האלטען דעם שירעם איז מוקצה

מען טאר ניט מאכען שבת איין מחיצה אפילו פון ליילעכער, ווען עס פארערט אים צו וואס, צב"ש ווען עס פארערט אים צו פערשטעלין די פייער וואס ברענט, אדער איין אנדער זאך צו פארשטעלין, טאר מען ניט מאכען א פארהאנג פון א ליילעך אדער שטעלין א פארוואן.

מען טאר ניט פארציהען מיט א ליילעך קיין אפענעם קאסטין, קיין בעטיל, קיין וויג, וועלכע געמאכט אין ארט פון א קאסטין, אדער נור איין אפענע כלי צו פארדעקין, צב"ש לייגען א דעק אויף א פאס, טאר מען ניט:

## כלל לה המותר (פארנאנדער נעמען)

פיר אללע זאכען וואס מען איז חייב איבער דעם איסור פון „בונה" בויען, אויף די אללע זאכען אויב מען נעמט פארנאנדער איז מען חייב. דארום אויף עטוואס פארנאנדער נעמען פון א מין געבאיי, אדער פון א אנדער זאך, צב"ש ארוים נעמען טיהר און פענצטער פון די וואנטעס, אדער א פוס פון א שטול, אדער א הענטיל פון א ווערקצייג אד"ג. איז מען חייב.

כלים וועלכע צונויף געשרויפטע פון שטיקער, און דער דרך איז ניט אב צו שרויפען, טאר מען ניט צונויף שרויפען אדער אב שרויפען.

מען טאר ניט ארוים ציהען א שופלאד אדער א טיש קעסטיל אין גאנצען פון ארט, אויב זיי זיינען ארוים געצויגען אין גאנצען, טאר מען זיי ניט אריין שטעלין.

מען טאר ניט אראב נעמען א צודעק פון א קאסטין אד"ג, אדער פארנאנדער נעמען פון ארט.

## כלל לו המבעיר (צינדען)

פיר עטוואס אנצינדין פייער אדער ברייטערין, איז מען חייב.

פיר מאכען עטוואס גרעסער דעם פייער פון א לאמפ, אדער צו גיסען נאפט. איז מען חייב.

פיר פארנאנדער שארין הייסע קוילין, אדער עפענען די רינגען פון די פליטעס, אדער עפענען די טיריל, אדער עפענען דעם קוימען בעת עס הייצט זיך, אדער בעת עס איז נאך דא קוילין פייער, איז מען חייב.

מען דארף פארזיכטיג זיין פרייטאג־צו־נאכט זאלען שטיין די טעפ אבגערוקט ווייט פון די קוילין, בכדי ניט אן צורירן די קולין, ווי עס איז ערקלערט ביי „מבשל".

פי־

## כלל לז מכבה (פארלעשן)

פיר אוים לעשן פייער, אפילו קלענער מאכען די פייער פון א לאמפ, אדער אב גיסן נאפט פון א לאמפ, איז מען חייב.

פיר צו מאכען די רינגען אויף די פליטע, אדער צו מאכען די מיריל פון אויוען, אדער צו מאכען דעם קוימען ווען עס איז דא קוילין פייער, איז מען חייב.

מען טאר ניט טרם זיין צו פארלעשן פייער, צב"ש עפענען א טיר אדער א פענצטער נעגין פייער.

ווען א אינו יהודי שטעלט אן א טהיי מאשין (סאמאוואר) פאר א חולה שעלכער אהן סכנה, דארף מען פארזיכטיג זיין, דאס נור דער אינו יהודי אליין זאל זיך בעשעפטיגין ביי דער טהיי מאשין ביז ענדע אב פארגיקען. ווען ניט קאן מען גאנץ לייכט דורך פאלען אין איסורים פון כרת ר"ל. דען דער קאכין די וואסער, אדער דער פארבריהען די טהיי הייסט עס "מבשל", געקאכט אום שבת. די קוילין לייגען הייסט עס "מבעיר" אנצינדין אום שבת.

דער ארויף שטעלין דעם טשיינינ אויף דעם טהיי מאשין, איז דער ביי דא צוויי איסורים, איינם די טהיי קאכט דאך, צווייטינס ווי מען שטעלט ארויף דעם טשיינינ שטיקט עס צו דעם פייער, הייסט עס "מכבה" פארלעשין. אפילו ארויף שטעלין אויף דער רעשאטקע טאר מען אויך ניט.

ווען מען נעמט אראב דעם טשיינינ פון טהיי מאשין, הייסט עס "מבעיר" אן ברענט אויף דעם פייער.

די אללע חיובים פון כרת קאן נעבען ביי יעדער גלאז טהיי.

פון דעם קאן מען פארשטעהען ווי גרויס איז דער איסור פון הייסען שטעלען א טהיי מאשין פאר גיזונדע מענשען, דען אויסער וואס מען טאר ניט הייסען א אינו יהודי. איז דאך אום מעגליך מען זאל זיך אויס היטין פון חיוב כרת ר"ל, ווי מיר האבען דא ארום גירעדט, אויסער וואס עס קאן צו פאלען צו דעם נאך נייטיגע איסורים, מען פארגעסט און מען קאכט אב פאר א קינד א צוויי אין א גלאז וואסער וואס דאס איז א חיוב "מבשל", און ביי דעם יונגען דור קאן דורך דעם ביסלעך ווייס פארגעסין ווערין אין גאנצין די הארבקייט פון שבת. לויענט דאך געווים ניט איבער דעם פערגעניגען, ארויף צו ציהען אויף זיך און אויף די פאמיליע א חיוב כרת ר"ל.

מען טאר ניט עפענען אדער פארמאכען קיין מיריל, קיין קוימען, דארום זאל מען זיין געהיט דאס דער אינו יהודי זאל עפענען די מיריל און דעם קוימען ווען ער קומט הייצען.

מען טאר ניט אריין גיסן ערב שבת קיין וואסער אין די לייכטער, עס

זאָל זיך פאַרלעשן די ליכט אום שבת, נור פאַר אַזעלכע וואָס איז שעדליך דער בית ווען די ליכט גייט אויס, מאָג מען.

## כלל לח מכה בפטיש (האַמער־שלאָג)

פיר די קלענסטע אַרבייט וועלכע מיט דעם ווערט די מלאכה געענדיגט, ווי דער דרך איז ביי בעלי מלאכות, ווען די כלי ווערט געענדיגט קלאַפּט ער אויף איהר מיט דעם האַמער אום צו גלייכען איהר. איז מען אויף דעם חייב, אונד נור אַ מין אַרבייט וועלכע דורך די אַרבייט ווערט די זאַך געענדיגט צו איהר נוץ, אפילו ווען אויך נור צו בעשיינען די זאַך, כלים אָדער בגדים, אונד דאָס גלייכען, איז מען חייב. צב"ש שלייפען אַ מעסער, אָדער נור אַ מין ווערקצייג אָדער אָב פּאָלירן אַ זאַך, איז מען חייב.

אפילו פיר אַרוים נעמען סטרינגעטאַגע פון בגד וועלכע עס איז געבליבען פון נייען, איז מען חייב.

מען טאָר ניט אויס גלייכען קיין שפּילקע.

מען טאָר ניט מאַכען העריז קיין כלי שיר אום שבת.

די כלים וואָס די חזנים ברויכען, אַ קאַמערטאָן, אַ גאַמקע, איז דער האַלפּין אין האַנד אויך מוקצה.

## כלל לט הוצאה (טראָגין)

פיר טראָגען נור וואָס עס איז, פון די רשות'ן וועלכע הייסען „רשות היחיד" אונד „רשות הרבים", פון איין רשות אין צווייטען, אָדער פיר טראָגין פיער איילין אין רשות הרבים גופא, איז מען חייב.

רשות היחיד הייסט, איין אַרום געצאַמטער אָרט אויף דער ערד אָדער געגראָבין אין דער ערד. צב"ש הייזער, שטאַלין, קלייטין, קעלערס, אונד דאָס גלייכין.

אַ ברונען אָדער אַ גראָבין, וועלכע עס זיינען הויך אָדער טיף צעהען טפחים אָדער מעהר, אונד ברייט פיר טפחים אָדער מעהר. אָדער אַ בערגיל, אָדער אַ קלאָץ וואָס איז די הויך צעהען אונד די ברייט פיר, אָדער מעהר ווי צעהען די הויך אונד פיר די ברייט, אונד שטייט אפילו אין רשות הרבים. הייסט עס אויך רשות היחיד.

רשות הרבים הייסט, אַ גאַס וואָס פיל מענשען גייען דאָרט דורך, צב"ש אַ מאַרק פּלאַץ, אָדער אַ וועג [1].

דאָס איז די צוויי רשות'ן וואָס מען טאָר ניט טראָגין, אָדער וואַרפען. אָדער דערלאַנגען קיין שום זאַך פון איין רשות אין צווייטען, אָדער פיר איילין אין רשות הרבים גופא. אויב מען טהוט דאָס איז מען חייב כרת.

---

1) ורחבה טז אמה.

אַפִילוּ פִיר אַרוֹיס טְרָאגִין לְעֶבֶּעדִיגֶע זאַכֶען, צב״ש בְּהֵמוֹת, חַיּוֹת, עוֹפוֹת, אִיז מֶען חַיָּב, אוֹיסֶער דֶעם אִיסוּר מוּקְצֶה וָואס אִיז דָא בַּיי דֶעם.

פִיר אַרוֹיס טְרָאגִין פוּן אֵיין רְשׁוּת אִין צְוֵוייטִין אַ קְלֵיין קִינְד וָועלְכֶער קָאן נָאךְ נִיט גֵיין, אָדֶער טְרָאגִין אִיהם פִיר אֵיילִין אִין רְשׁוּת הָרַבִּים, אִיז מֶען חַיָּב.

אַ זַאךְ וָואס דִי הוֹיךְ אִיז צֶעהֶען טְפָחִים אָדֶער מֶעהר, אוּנ דִי בְּרֵייט אִיז פִיר טְפָחִים אָדֶער מֶעהר, אִיז דָאךְ דָאס אַ רְשׁוּת הַיָּחִיד, וִוי מִיר הָאבֶּען עֶרְקְלֶערְט. אוּנ דָאוּ שְׁטֶעהט אִין רְשׁוּת הָרַבִּים, צב״ש אַ בְּרוּנֶען אִין גַאס. טָאר מֶען נִיט שֶׁעפִּין פוּן בְּרוּנֶען אִין גַאס אַרַיין; אָדֶער אַז עֶס שְׁטֵייט אַ וָואגִין אָדֶער אַ שְׁלִיטִין אָדֶער אַ בַּאנְק אִין רְשׁוּת הָרַבִּים, אוּנ זֵיי זֵיינֶען הוֹיךְ צֶעהֶען אוּנ בְּרֵייט פִיר אָדֶער מֶעהר, טָאר מֶען נִיט אַרוֹיף לֵייגֶען קֵיין זַאךְ פוּן גַאס אוֹיף דֶעם וָואגִין אָדֶער אוֹיף דֶער בַּאנְק, אוּנ נִיט פוּן בַּאנְק אָדֶער פוּן וָואגִין אִין גַאס, וֶוען מֶען לֵייגְט יָא אִיז מֶען חַיָּב.

אוֹיבּ דִי הוֹיךְ אָדֶער דִי טִיף אִיז אֲפִילוּ וֵוייניגֶער, טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט, אָבֶער קֵיין חִיּוּב אִיז בַּיי דֶעם נִיט דָא, וַוייל דָאס הֵייסְט „כַּרְמְלִית״, וִוי מִיר עֶרְקְלֶערִין דָא.

עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אִיסוּר פוּן הוֹצָאָה (טְרָאגִין) אַ דְרִיטֶער רְשׁוּת[1] וָועלְכֶער הֵייסְט „כַּרְמְלִית״, דֶער רְשׁוּת כַּרְמְלִית הֵייסְט אַ אַרוּם גֶעצָאמְטֶער אָרְט, וָואס דִי צַאם פוּן דִי מְחִיצָה, אִיז נִידְרִיגֶער וִוי צֶעהֶען טְפָחִים, אוּנ דִי בְּרֵייט אִינֶעוֵוייניג אִין דֶער מְחִיצָה אִיז פִיר טְפָחִים, אָדֶער אַ גְרָאבִּין וָועלְכֶער דִי טִיף אִיז וֵוייניגֶער וִוי צֶעהֶען טְפָחִים, אוּנ בְּרֵייט אִיז עֶר פִיר טְפָחִים. — יַמִּים, טֵייכֶען, דִי בְּרֵייטֶסְטֶע, דִי טִיפְסְטֶע, וָועלְדֶער, פֶעלְדֶער, וָואס נִיט פִיל מֶענְשֶׁען גֵייעֶן דָארְט, אָדֶער אַ סְטָאלְבֶּע (סְלוּפְּ) דִי הוֹיךְ וֵוייניגֶער וִוי צֶעהֶען טְפָחִים, אוּנ דִי גְרֶעבּ אִיז עֶר פִירטְפָחִים, דִי אַלֶע הֵייסִין כַּרְמְלִית, טָאר מֶען נִיט טְרָאגֶען אָדֶער וַוארְפֶען, אוּנ נִיט דֶערְלַאנְגֶען קֵיין שׁוּם זַאךְ פוּן רְשׁוּת הָרַבִּים, אָדֶער פוּן רְשׁוּת הַיָּחִיד אִין כַּרְמְלִית אַרַיין, אוּנ נִיט פוּן כַּרְמְלִית אִין דִי רְשׁוּת'ן אַרַיין, אוּנ נִיט טְרָאגֶען אָדֶער וַוארְפֶען פִיר אֵיילִין אִין כַּרְמְלִית גוּפָא.

דֶעם כְּלָל בַּאדַארְף מֶען וִויסִין אַז אִין דִי עֶרְטֶער וָואס עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין עֵירוּב, טָאר מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִיט טְרָאגֶען.

אִין דִי שְׁטֶעלֶען וואו עֶס אִיז דָא אֵיינְגֶעאָרְדֶענְט אַ עֵירוּב, דָאס הֵייסְט אַ „צוּרַת הַפֶּתַח״, וִוי עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט צוּ לוֹמְדִים, וִוי אַזוֹי דָאס אֵיינְצוּאָרְדֶענֶען, מֶאג מֶען טְרָאגֶען אִיבֶּעראַלל. נוּר עֶס מוּז זַיין גֶעמַאכְט אַ עֵירוּב חֲצֵרוֹת דוּרְךְ דֶעם וָועלְכֶעס גִירֶעכֶענְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וִוי אֵיין הוֹיף.

וָוער עֶס וֵוייס נִיט רִיכְטִיג דִי דִינִים וִוי צוּ מַאכֶען אַ עֵירוּב מֶען זָאל

מאַכען

---

1) עוד רשות ד׳ בשבת מקום פטור הוא דבר שאין בו ד״ט רוחב וגבהו יותר מג״ט אפילו עד לרקיע, וכן חריץ שהיא רחוב בפת:ת מד״ט ע׳ י״ט, ועמוק יותר מג״ט ואינו נקרא מקום פטור אא״ב עומד ברה״ר.

מאַגְען טראַגְין אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטאָט, אָדֶער אִין אַ גַאס, אוּנ פוּן אַיין הויז אִין דִי צְוַייטֶע, דאַרְף פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה ווִי צוּ מאַכֶען דֶעם עֵירוּב.

דִי דִינִים פוּן עֵירוּבֵי חֲצֵרוֹת אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח.

אִין דִי שְׁטֶעלִין וָואס מֶען טאָר נִיט טְרָאגֶען, דאַרְף מֶען פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אוֹיף דִי גַאסְקֶעס אָדֶער דִי גַאלֶערֶיעס אוֹיבּ מֶען מאָג טְרָאגְן.

אִין גֶערְטְנֶער טאָר מֶען נִיט טְרָאגְן, אֲפִילוּ דִי גֶערְטֶעלִיךְ וָואס אִין פֶאדְוָואר, טאָר מֶען נִיט טְרָאגְן פוּן פֶארְוָואר אִין גָארְטְן, אוּנ נִיט פוּן גָארְטְן אִין פֶארְוָואר.

דָארְט וואוּ מֶען טאָר נִיט טְרָאגְן, טאָר מֶען נִיט טְרָאגְן קַיין זַייגֶער אִין טאַש.

וֶוער עֶס אִיז נִיט גֶעצְוִוינְגֶען צוּ גֵיין אִין בְּרִילְן, טאָר נִיט גֵיין אִין בְּרִילְן שַׁבָּת.

מִיט אַ שְׁטאָק אָדֶער אַ שִׁירֶעם טאָר מֶען נִיט גֵיין אֲפִילוּ וואוּ מֶען מאָג טְרָאגְן, דֶען דֶער הַאלְטֶען אִין הַאנְד אִיז מוּקְצֶה. אוֹיסֶער אַיין חוֹלֶה אָדֶער אַיין אַלְטֶער וָואס קֶען אִין הויז נִיט גֵיין אָן דֶעם, מאָג עֶר גֵיין אִין גַאס אוֹיךְ מִיט דֶעם.

אִין דֶעם אָרְט וואוּ מֶען טאָר נִיט טְרָאגֶען, טאָר מֶען נִיט אַרוֹיף לֵייגֶען קַיין פַּאטְשַׁיילְכִיל אוֹיף אַ הִיטִיל צוּ פַארְהִיטְן אִיהר פוּן רֶעגֶען.

אִין אַ אַרְבַּע כַּנְפוֹת מִיט פְּסוּלָה צִיצִית, טאָר מֶען נִיט אַרוֹיס גֵיין אִין דִי שְׁטֶעלִין וואוּ מֶען טאָר נִיט טְרָאגְן, אוֹיסֶער וָואס מֶען אִיז עוֹבֵר דֶעם אִיסוּר וָואס מֶען גֵייט אָהן צִיצִית.

אִין דֶעם אָרְט וואוּ מֶען טאָר נִיט טְרָאגְן, טאָר מֶען אֲפִילוּ נִיט שְׁפַּיְיעֶן פוּן הויז אִין גַאס אַרַיין.

דֶער כְּלָל אִיז, וואוּ עֶס אִיז נִיט דָא קַיין עֵירוּב טאָר מֶען נִיט טְרָאגְן אֲפִילוּ פוּן אַיין הויז אִין דִי צְוַייטֶע, אוּנ וואוּ עֶס אִיז נִיט דָא קַיין עֵירוּב חֲצֵרוֹת, טאָר מֶען נִיט טְרָאגְן אֲפִילוּ פוּן אַיין דִירָה אִין דִי צְוַייטֶע, ווִי מִיר הָאבֶען עֶרְקְלֶערְט.

דָא הָאבֶען מִיר אַרוֹם גֶירֶעדְט דִי נַייעֶן אוּנ דְרַייסִיג כְּלָלִים. ווֶעלְכֶע מֶען אִיז חַייבּ אוֹיף זַיי כָּרֵת, אוּנ סְקִילָה (כז"ב), אוּנ דִי אִיסוּרִים ווֶעלְכֶע עֶהנְלִיךְ צוּ דִי כְּלָלִים וָואס מֶען אִיז פָּטוּר אוֹיף זַיי, אָבֶער מֶען טאָר זַיי נִיט טאָן.

דִי גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט, יֶעדֶער כְּלָל עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ נַייעֶן אוּנ דְרַייסִיג פַארְטִין מְלָאכוֹת, ווֶעלְכֶע אוֹיף זַיי אִיז דָא אַ חִיוּב כָּרֵת. מִיר הָאבֶען נוּר גֶישְׁטֶעלְט אַייגִינֶע פוּן יֶעדֶער כְּלָל, מֶען דאַרְף אָבֶער ווִיסֶן דָאס נוּר דִי מְלָאכָה ווֶעלְכֶע עֶהנְלִיךְ צוּ דִי מְלָאכוֹת וָואס עֶס אִיז גֶעבְּרוֹיכְט גֶיוֶוען אִין מִשְׁכָּן, גֵייט זִי אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶעם כְּלָל צוּ ווֶעלְכֶע זִי גֶיהֶער אָן.

אוֹיךְ ווֶעלִין מִיר אַרוֹם רֵיידִין פוּן דִי אִיסוּרִים ווֶעלְכֶע גֶיהֶער נִיט צוּ דִי נַייעֶ

אוּנ

און דרייסיג בללים, און מען טאר דאס אויך ניט טאן אום שבת.

מען טאר ניט ברייטען אדער פארן אום שבת.

ביי די רייזענדער אויף די שיפן געפאלט גרויס חילול שבת, נאך דעם דין נאך, טאר מען זיך ניט זעטצין אויף דער שיף, נור מיט דריי טעג פאר שבת, דאס הייסט מיטוואך[1], ווער רעדט זעצין זיך אויף דער שיף שבת, איז דער שון זעהער גרויס, דען עס איז פארבונדען מיט פיל איסורים, ביי דעם אן קוסטן די שיף, אויב עס קומט אויס אראב צו גיין פון שיף שבת, קאן אויך קומען צו גרויס חילול שבת.

אלזא דער וואס האט נייטיג צו מאכען די רייזע אויף דער שיף, זאל ער אויס רעכענען, ניט זעטצין זיך אויף דער שיף וועלכע זי קומט אן אויף א ארט אום שבת.

נור אויב די רייזע איז גאנץ נייטיג, זאל ער פרעגין א שאלה, ווייל עס איז דא אופנים וואס מען מאג זיך זעטצין ערב שבת ווען אויך די שיף גייט אב שבת, און אויב ער האט קיין אנדער שיף. נור די וואס קומט שבת אין איהר ארט, און ער מוז דוקא פארין אויף די שיף, זאל ער פרעגין א שאלה ווי ער זאל זיך נוהג זיין ווען די שיף שטעלט זיך אב שבת.

## שביתת בהמתו

מען טאר ניט פארדינגען קיין בהמה צו א אינו יהודי, אויב מען ווייס אז ער וועט מיט איהר ארבייטין שבת. סיידין מען זאל אויס בידין, ער זאל די בהמה אב ברייננען פאר שבת, אויב ער ברייננט איהר ניט אב, זאל ער די בהמה מפקיר זיין, ער זאל זאגען די בהמה איז הפקר, און נאך שבת איז ער די בהמה צוריקזוכה.

אין דעם ארט וואו מען טאר ניט טראגין, טאר מען ניט לאזען די בהמה ארויס גייהן שבת אין גאס מיט קיין משא, אפילו פון איהרע שפאנגעציינ, נור וואס זי טראגט וועלבעס עס פארהיט איהר זי זאל ניט אנטלויפין, איז מותר.

די געשעפטין וועלכע מען איז געווייטיגט דאס די פיהע זאלען ארבייטין שבת, צב"ש פאצטין, הויפין, פאבריקין, מילען, אד"ג, און בכלל אלע געשעפטין וועלכע עס איז שווער שבת אב צו שטעלין, טאר ניט געטאן ווערין די מינדיסטע זאך, ביז מען פרעגט א שאלה, ווי עס זאל צו גיין דער היתר, וואנסט האט מען אויף זיך שטענדיגע חילול שבת.

## עשיית חפציו בשבת

מען טאר אום שבת ניט בעטראכטין אין דער זאך וועלכעס צו טאן אין

---

1) הגר"א.

איהר נאך שבת. צב"ש בעקוקין פעלדער, גערטנער, אדער אין גאר וואס פאר א גישעפט, צו וויסין וואס עס פאדערט צו טאן נאך שבת.

די גמרא ברייננט, איינער איז געגאנגען שבת אין זיין גארטען האט ער געפונען דעם צאם אויף־געבראכען, ער האט געטראכט מארגין צו פארצאמען, האט ער זיך אבער נאך שבת בעדיינקט, דאס ער האט גיט רעכט גיטאן, דאפיר האט ער זיך בעשלאסין נימאלס צו פארצאמען דעם ארט, ווייל ער האט וועגען דעם שבת געטראכט, איז איהם א נס געשעהען, עס האט אויסגעוואקסין א בוים פון איין מין וואס רופט זיך צלף, אונ פון זיך פארצאמט געווארען, וועלכע פון דעם בוים האט ער אויסגעשפייזט די גאנצע גיזינד.

ווען מען דארף האבען חוץ לתחום, טאר מען גיט אנפאנגען גיין שבת היינט נאכט אין תחום, כבדי צו קומען פריער חוץ לתחום.

מען טאר גיט טאן שבת קיין מלאכה, וועלכע עס זאל נוצין אויף נאך שבת. צב"ש וואשין גיפעס, אדער ברייננען טאסער. אדער אויסקעמין די בעטין פון שבת אויף נאך שבת, אד"ג.

## ודבר דבר

דער נביא זאגט אין „ודבר דבר" דאס הייסט די רייד פון שבת זאל גיט זיין גלייך צו אין דער וואכען, צב"ש מען טאר גיט זאגען שפת אז נאך שבת וועל איך טאן די מלאכה, אדער מאכען דעם גישעפט, אדער פארין.

דער מדרש אין פ' בהר ברייננט, די מוטער פון רשב"י האט גירעדט שבת גיוועהנליך פון וואס מען מאג ריידין, דאך אז רשב"י האט איהר געזאגט דאס הייגט איז שבת, איז זי שטיל געבליבען, ווייל שבת איז מעהר מצוה מען זאל גאר גיט ריידין קיין איבעריגע.

## אמירה לנכרי

עס איז א כלל, וואס מען טאר אליין גיט טאן, טאר מען אפילו אין דער וואכען גיט בעשטעלין אז א אינו יהודי זאל דאס טאן שבת, אויסער הייצען א אויווען, אדער מעלקין א בהמה, מאג מען אפילו שבת הייסין א אינו יהודי טאן.

מען טאר גיט הייסין א אינו יהודי שניידין שעצקע פאר א בהמה שבת.

מען טאר גיט בויען אדער מויערין דורך א אינו יהודי שבת אונ יום טוב.

די וועלט האט אין דעם שטארק אויף געבראכען, מען שעמט זיך גאר גיט, אונ מען טוהט אפען, דער חילול השם איז דער פון זעהער גרויס, דאס הייסט מחלל שבת בפרהסיא.

די גמרא זאגט, די וועלכע בעטראכטין אין די גישעפטין שבת צו וויסען וואס זיי האבען צו טאן נאך שבת, גייען זיי צוראב פון זייערע גיטער, איז דאך

געהיים, די וואס לאזין ארבייטין ביי זיך, בויען אדער מויערין אום שבת, אז דאס קאן קיין הצלחה ניט האבען.

אפילו אז מען גיט איבער צו איין פאדראציק אויף צו שטעלען דעם בנין פארטיג, אונ דער ווירט האט אין די ארבייט ניט צו זאגען, דאך איז דאס אבער זיין, אונ דער נאמען איז אויף איהם, איז דער שולד אויף דעם ווירט, ער זאל אנדערש ניט אב געבען די ארבייט סיידין דער פאדראציק זאל זיך אונטער געמען ניט צו ארבייטין שבת אונ יום טוב.

אויב מען זעהט שבת אז עס קאן קומען צו א שאדין, צב"ש עס האלט ביי פלאצין א כלי, מאג מען זאגין א אינו יהודי בפירוש ער זאל פאריכטין.

אזוי ווי עס איז מצוי אין פיל היינער דינסטין אינן יהודים וועלכע דינגען ביי אידין, איז מען מחויב אכטונג צו געבין דאס זיי זאלין ניט טאן פון דער הויז וועגין קיין שום ארבייט פון די מלאכות וועלכע מען טאר זעלבסט ניט טאן שבת. אונ וועלכע מלאכות מען טאר ניט הייסין נור א אינו יהודי טאן, ווען אויך די דיענסט איז א יעהרליכע, האט דאס דעם אייגענעם דין ווי מען שאפט זיך מיט א אינו יהודי איין מאהל.

אויך גיט אידעשע דינסטין דארף מען שטארק אכטונג געבין אפילו אין דער וואכען, ווארום מען פאלט דורך אין פיל איסורים, ווייל מען איז געוואהנט מיט זיי. פארגעסט מען גאר אונ מען גיט זיי איבער די גאנצע ווירטשאפט אין קעך. אנדערע זיינען זיך מקיל אונ שיקין געמען פלייש, אנדערע לערנען אויס די דיענסט צו זאלצין פלייש אונ פערלאזין זיך אויף זיי אין גאנצין אין קאכין. — אלזא דארף יעדער וויסין, דאס די דינסטין זאלען קיין איינטרעט האבען אין ווירטשאפט וועלכע גיהער צום עסען אונ טרינקען. מען טאר זיי ניט שיקין נאך פלייש, ניט שיקין דורך זיי שעכטין קיין עופות, ניט זאלצין קיין פלייש. ווען מען זאל דער ביי שטיין איז אויך ניט רעכט מצד יראת שמים, אונ נור וואס נוגע איז צו קיך זאכען, זאל מען זיך אויף זיי ניט פערלאזין, ווען ניט הייסט עס א הויז פון טרפות.

## מקח וממכר

מען טאר שבת גיט מאכען קיינע געשעפטין, ניט וועגין, ניט מעסטין, ניט פארקויפין מיטין צאל קיין זאך אום שבת. אפילו דער פארקויפער זאל מאכקי־רין מיטין האנד. טאר מען אויך גיט, ווייל זיין האנד איז ווי א געוויכט.

מען מאג זאגען צום פארקויפער, גיב מיר דריי לעקעך, אדער צעהן עפיל, צוואנציג גים, אד"ג, נור ניט דער מאנען קיין וואג, קיין מאס, אונ קיין פרייז פון דער זאך, אונ ניט בערעכענען זיך. צב"ש זאגען אזוי ווי עס קומט פאר דריי לעקעך גיב מיר נאך, טאר מען גיט.

מען מאג זאגען שיט, אדער גיס מיר אן די כלי, אונ נאך שבת וועט מען אויס־וועגין, אדער אויס־מעסטין.

מֶען מֶאג זָאגֶען שַׁבָּת צוּם פַאר־קוֹיפֶער. מַאךְ מִיר פוּל דִי כֵּלִי. אוּן עֶר פְרֶאגְט דָאס אַוֶועק צוּ זִיךְ, אֲפִילוּ אַז דִי כֵּלִי אִיז אַיין אָפּ גֶעשְׁטֶעלְטֶע מָאס פַאר דֶעם פַאר־קוֹיפֶער, אָבֶּער אַריין שִׁיטְן, אָדֶער אַרֵיין גִיסְן מִיט דִי מָאס פוּן פַאר־קוֹיפֶער אִין אַיינֶענֶע כֵּלִי, טָאר מֶען נִיט.

מֶען טָאר קֵיין גֶעשֶׁעפְטְס רֶעכֶענוּנְג שַׁבָּת נִיט רֶעכֶענֶען, אוּן נִיט לֶעזֶען קֵיין גֶעשֶׁעפְטְס בִּיכֶער, אוּן בְּרִיף.

בְּרִיף נִיט פוּן גֶעשֶׁעפְט, מַאג מֶען נוּר קוּקְן, אָבֶּער נִיט לֶעזְן.

מֶען טָאר שַׁבָּת נִיט שְׁפִּילְן אִין קֵיין שְׁפִּיל אֲפִילוּ אָהן גֶעלְד.

אַז מֶען הָאט אַ חוֹב בַּיי אַ אֵינוֹ יְהוּדִי, אוּן עֶר פָאדֶערְט אַרוֹיס, מַאג מֶען אִיהם פַאר־הַאלְטְן מִיטְן רֶעכְט־הוֹיז עֶר זָאל אָפּ צָאהלְן דֶעם חוֹב.

מֶען טָאר נִיט וֶועגְן, אָדֶער מֶעסְטְן, פַאר אַ בְּהֵמָה אִיהרֶע שְׁפַּייז, נוּר שֶׁעצְקִירְן ווִי גֶעוֶועהנְלִיךְ.

## מוקצה אָבּגֶעשֵׁיידֶעט

עֶס אִיז דָא בַּיי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אַ אִיסוּר וֶועלְכֶער הֵייסְט „מוּקְצֶה", דָאס הֵייסְט דִי זַאךְ וֶועלְכֶע עֶס אִיז אָפּ גִישֵׁיידֶעט פוּן מֶענְשֶׁענְס גֶעדַאנְק נִיט צוּ נִיטְצְן דָאס.

א) אוֹיבּ וַוייל עֶר וִויל דָאס נִיט נִיטְצְן, ב) אָדֶער וַוייל מֶען טָאר דָאס נִיט נִיטְצְן, ג) אוֹיבּ וַוייל דָאס טוֹיג נִיט צוּ נִיטְצְן, ד) אָדֶער וַוייל דִי זַאךְ הָאט קֵיינֶע נוּטְצְן.

דִי אַלֶע זַאכֶען טָאר מֶען פוּן אָרְט אוֹיךְ נִיט רִירְן.

דֶער אִיסוּר מוּקְצֶה עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ עֶלֶף כְּלָלִים.

**א** דִי זַאךְ וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז מַקְפִּיד נִיט צוּ נִיטְצְן, טָאר מֶען דִי זַאךְ נִיט רִירְן אוּם שַׁבָּת, צב"ש סְחוֹרָה פוּן אַ גֶעשֶׁעפְט, טָאר מֶען דִי סְחוֹרָה נִיט רִירְן שַׁבָּת. אוֹיסֶער עֶסֶענְוַוארְג אוּן כֵּלִים. מַאג מֶען נֶעמֶען אוּם שַׁבָּת וָואס מֶען הָאט נֵייטִיג. אָדֶער אַיין זַאךְ וָואס מֶען זָאלְט וֶועלְן צוּ נִיטְצְן נִיט צוּ אִיהר אָפּ גֶעשְׁטֶעלְטֶען נוּטְץ, צב"ש אַ חַלָף, אַ מוֹהֵל־מֶעסֶער, טָאר מֶען זֵיי נִיט נֶעמֶען צוּ שְׁנֵיידְן שַׁבָּת אַ עֶסֶענְוַוארְג.

שְׁרַייבּ גֶעצַייג, אָדֶער גֶעשֶׁעפְטְס בִּיכֶער, רֶעכֶענוּנְגֶען, וֶועקְסְלֶען, בַּאנְק פַּאפִּירְן, לֵיידִיגֶע פַּאפִּיר, וֶועלְכֶע מֶען זָאלְט וֶועלְן צוּ נִיטְצְן, אוּן נָאךְ אִין דֶעם אָרְט, דִי אַלֶע זַאכֶען טָאר מֶען נִיט רִירְן פוּן אָרְט.

**ב** דִי זַאךְ וָואס זִי נוּטְצְט נִיט צוּ קֵיין נוּטְץ, טָאר מֶען דִי זַאךְ נִיט רִירְן, צב"ש צוּ־בְּרָאכֶענֶע שֶׁערְבְּלֶעךְ, וֶועלְכֶע מֶען הָאט זֵיי שׁוֹיהן אַרוֹיס־גֶעוָוארְפֶען אִין מִיסְט, שָׁאלֶעכְץ פוּן פְּרוּכְט, אָדֶער בֵּיינֶער, וֶועלְכֶע זֵיי הָאבֶּען קֵיין נוּטְץ אֲפִילוּ פַאר אַ בְּהֵמָה, אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען דִי זַאךְ נוּטְצְט יָא, אָבֶּער

דעם

דעם טאג פון שבת ברייננט זי קיין נוטץ, צב"ש רויע פיש. אללע סארטין געלד. די אללע זאכען טאר מען ניט רירין פון ארט שבת.

אללע בעלי חיים זייגען מוקצה. טאר מען זיי ניט מטלטל זיין, אין דעם ארט וואו מען טאג בראנגען, טאג מען זיי פון דער זייט אונטער שטופען, זיי זאלען אריין גיין.

ג אללע זאכען וועלכע זיי וואלטען געקאנט נוטצין, נור מען האט איהר אריין געגעבען אין אזוי א מין ארבייט עס זאל ניט קאנען נוטצין. טאר מען די זאך ניט רירין, צב"ש ווען מען לייגט טריקענען פייגין. ראזין, פאר שבת, אונ זיי ווערען פארטיג שבת. טאר מען זיי ניט רירין פון ארט שבת. ווייל בעת אוועק לייגען טריקענען לייגט ער זיי אוועק אויף דער דעה ניט צו רירין ביז זיי ווערין פארטיג, אויך ווערין זיי אין גאנצען איבער געפיהרט, איידער זיי ווערין ניט אויס געטריקינט. איז דאך געווים זיין דעה ניט צו ניטצין איידער זיי ווערין פארטיג. אונ ווי עס איז געווארען שבת איז נאך ניט ראוי געוועז צו ניטצין.

ד די זאך וועלכע דער מענש האט ניט געדיינקט אז דאס זאל פארקומען. צב"ש אום געריכט איז שבת טוידט געבליבען א בהמה, אדער איין עוף, אדער עס איז איינגעפאלען א בנין אום געריכט, אדער עס איז צו בראכען געווארען כלים. וואס קאנען נאך עטוואס ניטצין, אונ נאך זאכען אין דעם אופן. די אללע זאכען טאר מען ניט רירין.

ה די זאך וועלכע וואס פרייטאג בין השמשות איז זי ניט ראוי געוועזען צום נוטץ, צב"ש פיש וואס זענען געפאנגען געווארין אום שבת, אדער א עפיל וואס מען האט איהם אב געריסין, אדער אפילו אז עס איז פון זיך אראב געפאלען אום שבת, אדער יום טוב, טאר מען זיי גיט רירין.

ו די זאך וועלכע זי איז יעצט געווארען אום שבת, צב"ש א איי וועלכע איז געבאהרען שבת אדער יום טוב, אדער געמאלקענע מילך פון שבת אונ יום טוב, אדער איין כלי וועלכע איז צו בראכען געווארען שבת, אפילו אויב די שערבלעך האבען עטוואס א נוטץ, אבער ניט דעם נוטץ וואס זיי האבען פריער געהאט, טאר מען זיי ניט רירין.

ז ווען מען האט פרייטיג אוועק געשטעלט (בכונה) ווילענדיג א מוקצה זאך אויף ניט א מוקצה זאך, אונ עס איז געשטאנען ביז דער שבת איז אנגעקומען, טאר מען א גאנצין שבת ניט רירין אפילו די ניט מוקצה זאך, אפילו ווען די ניט מוקצה זאך שטייט שאהן גיט דארטין, צב"ש אז מען האט אוועקגעשטעלט א טינטער, אדער נור וואס פון שרייב־געצייג אויף א טיש, אדער א שטול. טאר מען דעם טיש ניט רירין פון ארט דעם גאנצין שבת, ווייל דער טיש ווערט אויך מוקצה, נור אויב מיט דער מוקצה איז געלעגען נאך א זאך וועלכע ניט קיין מוקצה, צב"ש ווען דער שבת קומט אן איז געלעגען מיט דעם טינטער

אַ עָטֶענְטֶארְג, אָדֶער אַ סֵפֶר, וָוערְט שׁוֹין דֶער טִישׁ נִיט קֵיין מוּקְצֶה, אוּנ מֶען קָאן דֶעם טִישׁ יָא מְטַלְטֵל זַיין.

דַארוּם אַז דִי לַייכְטֶער שְׁטֶעהֶען אוֹיף דֶעם טִישׁ וָוערְט דָאךְ דֶער טִישׁ מוּקְצֶה, וָואלְט מֶען אִיהם דֶעם גַאנְצֶען שַׁבָּת נִיט טָארִין רִירִין, אִיז מֶען זִיךְ דֶער פַאר נוֹהֵג צוּ לֵייגֶען דִי חַלָּה בַּיי לִיכְט בֶּענְשֶׁען, מָאג מֶען שׁוֹין דֶעם טִישׁ רִירִין דֶעם גַאנְצֶען שַׁבָּת.

אַז אַ הוּן לֵייגְט אַיין אַיי שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, וָוערְט דֶער אָרְט אוֹיף וָואס דִי אַיי לִיגְט מוּקְצֶה.

אַז אַ קִינְד הַאלְט אַ מוּקְצֶה זַאךְ, טָאר מֶען אִיהם נִיט נֶעמֶען אוֹיף דִי הֶענְד.

ח דִי זַאךְ וָועלְכֶע ס׳ אִיז אָב גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ מִצְוָה וָועגִין, אוּנ מֶען נִיצְט דָאס נִיט שַׁבָּת, טָאר מֶען נִיט רִירִין פוּן אָרְט, צב״ש אַ אֶתְרוֹג, אַ לוּלָב, אוֹיךְ דִי אִיבֶּערִיגֶע מִינִים.

דִי צוּ פוּצוּנְג פוּן אַ סוּכָּה, אֲפִילוּ פְּרוּכְט, טָאר מֶען זֵיי נִיט מְטַלְטֵל זַיין אוּם שַׁבָּת.

ט אַ זַאךְ וָועלְכֶע נִיט קֵיין כְּלִי נוּר דִי זַאךְ אִיז מַאטְרֶעיַאל צוּם אַרְבַּייט, צב״ש פְלַאקְס, וָואל, פֶעל, צִיגִיל, הָאלְץ וָועלְכֶע צוּם הֵייצִין, שְׁטֵיינֶער, בַּאלְקִינְס, בְּרֶעטֶער, אד״ג, טָאר מֶען נִיט רִירִין פוּן אָרְט שַׁבָּת.

י אַ כְּלִי וָועלְכֶע שְׁטֵייט צוּ אַ מְלָאכָה, אָדֶער צוּ אַיין אַנְדֶער נוּצְץ, נוּר אוּם שַׁבָּת טָאר מֶען דִי מְלָאכָה אָדֶער דֶעם נוּצְץ נִיט טָאן, טָאר מֶען דִי כְּלִי נִיט רִירִין פוּן אָרְט. צב״ש אַלֶע מִינֵי וֶוערְק־צַייג פוּן אַלֶע מִינֵי מְלָאכוֹת אוּנ פַאבְּרִיקִין, אַ וָואגִין, אַ שְׁלִיטִין, אַ שְׁפַאנְגֶעצַייג, פוּךְ־בֶּערְשְׁט, אַ קַאם, אַ זֶעג, אַ הַאק, אַ הַאמֶער, אַ הוֹבֶּעל, אַ צְוַואנְג, אַלֶע גֶעצַייג פוּן עֶרְד אַרְבַּייט, אוּנ בוֹיא אַרְבַּייט, אַ רֵידֶעל, אַ שׁוּפִיל. אַלֶע כֵּלִים וָועלְכֶע גִיהֶער צוּם קָנֶעטִין, צוּם בַּאקִין, אַ לַייכְטֶער, אַ לָאמְפּ, אַ לִיכְט, אֲפִילוּ נִיט קֵיין גִיבְּרֶענְטֶע, אַ קֶעסְטִיל, אַ בַּייטִיל גֶעלְד, דִי אַלֶע זַאכֶען אוּנ דָאס גְלַייכֶען, טָאר מֶען נִיט רִירִין שַׁבָּת פוּן אָרְט. נוּר אוֹיבּ מֶען דַארְף הָאבֶּען דֶעם אָרְט וָואוּ דִי זַאךְ לִיגְט, אָדֶער אִיךְ בֶּענוּץ דִי כְּלִי צוּ אַיין הֶיתֵּר־דִיגֶע זַאךְ, צב״ש נֶעמֶען אַיין הַאק אָדֶער אַיין גֶענוֹיכְט צוּם קְנַאקִין נִיס מָאג מֶען.

אַ פַארְלָאשֶׁענֶע לִיכְט טָאר מֶען אוֹיף קֵיין אוֹפֶן נִיט רִירִין.

יא אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס מֶען מָאג זֵיי נִיצְין אוּם שַׁבָּת, אָבֶּער וֶוען מֶען בְּרוֹיכְט זֵיי נִיט, טָאר מֶען זֵיי נִיט רִירִין פוּן אָרְט, דְהַיְינוּ אִיבֶּערְ־שְׁטֶעלֶען ווירְטְשַׁאפְט אָהְן אַ נוּצְץ, טָאר מֶען נִיט, אָבֶּער אוֹיבּ צוּ פַארְהִיטִין פוּן שָׁאדִין מָאג מֶען יָא. טִישִׁין, אוּנ בֶּעטִין, כֵּלִים, אוּנ בְּגָדִים, מָאג מֶען אִיבֶּערְ־טְרָאגִין פוּן אַ נוּצְץ וָועגִין.

עָטֶענְטֶארְג אוּנ סְפָרִים מָאג מֶען מְטַלְטֵל זַיין אֲפִילוּ גָאר אָהְן אַ נוּצְץ, נוּר

וֶוען

מען דער ביי איז א גרויסע היטע, צב"ש איבערשטעלין, אדער איבערלויפטערין טאר מען ניט.

ביי א חולה גייט ניט אן קיין מוקצה.

אז מען קוקט זיך ארום אין דעם ארט וואו מען מאג טראגין, אז מען האט ביי זיך א מוקצה זאך, מאג מען קוקען דער מיט צו הויז, אונ דארט ארוים לייגין.

אז עס ליגט שבת איין מטבע, אדער איין אנדער מוקצה אויף א בגד, אדער אויף א קישין וועלכע מען דארף די זאך, מאג מען אנגעמען די זאך אונ אראב נעארפין די מוקצה.

צו בראכענע גלאז אונ כלים, מאג מען אויף ראמען אום שבת.

אללע זאכען וואס נייט ארונטער אונטער מוקצה. מאג מען זיך שאפין מיט איין אינו יהודי. ער זאל דאס טוהען.

## „חולה"

איין חולה וועלכער אהנגעפאר, טוהט מען פאר איהם אללע ארבייט דורך איין אינו יהודי. די כלים וואס מען קאכט אין זיי שבת מאג מען פאר א געזונדין ניטצין אין פיער אונ צוואנציג שעה ארום.

א חולה וועלכער אבער איז אין א געפאר, איז א מצוה וויפיעל מענשען עס פארערט נור, זאלען אללע מחלל שבת זיין, ווער עס נעמט זיך פריהער צו דער מצוה, איז געלויבט פאר השי"ת.

א יולדת, פון דער צייט ווי זיא גייט צו קינד, אונ דריי מעת לעת נאך דעם האבען, הייסט זיא א געפערליכע חולה. פון דריטין מעת לעת ביז דעם זיבעטין מעת לעת, ווענד זיך אן דאקטאר אדער אן די אקושערין. פון זיבעטין מעת לעת ביז דעם דרייסיגטין טאג הייסט זיא א חולה אהן א געפאר. ווען בעהיטע נאט אונטער דער צייט פאלט צו א צופאלינע קראנקייט, ווענד זיך אן דאקטאר ווי ער הייסט טאן.

ווען אז ביז דרייסיג טעג הייסט זיא א חולה נאך דעם דין פון דער תורה, איז דאך געווים אז זיא דארף זיך זעלבסט היטין אין דער גאנצער צייט, איבערהויפט דארף זיא זיך היטין פון קעלט וועלכע דאס איז פאר איהר מזיק 1).

וועלכער חולה הייסט אין א סכנה וועלכער ניט. איז ערקלערט אין שולחן ערוך הלכות שבת, מיר האבען ניט נייטיג דאס צו בעשרייבען, ווייל בכלל ווענד זיך דאס אן דאקטאר. דען ניט אללע מענשען, אונ אללע קראנקייט, אונ אללע צייט איז גלייך.



---

1) וויטער אין פ' קדושים אין מצוה במ"ד איז פיל גערעדט אין דעם.

דא האבען מיר נור בעשריבען די עיקרי דינים פון שבת. אבער צו וויסען אללע פרטי דינים דארף מען לערנען שולחן ערוך, אונ די ספרים וואס פערבייטערן יעדער דין בפרט.

דארום יעדער איד וואס לייכט אין איהם יראת שמים דארף לערנען הלכות שבת, ווען עס געפאלט איהם שווער זעלבסט צו לערנען דארף מען לערנען מיט א צווייטען אדער מיט א חברה, כדי צו וויסען אלע הלכות שבת. ניט נכשל צו ווערין אין הרבה איסור פון חילול שבת, וועלכעס איז פערבונדען מיט חיוב כרת ר"ל, אונ מען נייט ארויס פון כלל ישראל.

ווער עס איז מחלל שבת בפרהסיא, טאר מען ביי איהם ניט עסען אונ ניט טרינקען, זיין וויין איז יין נסך, זיין ברויט איז פת עכו"ם.

אין דער מצוה פון היטין שבת מיט אלע פרטי דינים איז ניט דא קיין אונטערשיעד פון מאנסלייט צווישין פרויענצימער אין קיין פרט.

עס איז דא פיל פערשידענע שטראף אויף עבירות, עס איז דא וואס מען איז עובר א לאו, אדער א עשה. פאר א הארבערע עבירה קומט מיתה בידי שמים. נאך א הארבערע עבירה קומט כרת. נאך הארבער איז געווען מיתת בידי אדם, [בזמן הבית]. — סייף איז א הארבערע מיתה פאר חנק. שרפה פאר סייף, די הארבסטע מיתה פון אללע איז געווען סקילה.

פאר חילול שבת האט מען בזמן הבית בן געווען מיתת סקילה אויב מיט התראה. אויב אהן התראה כרת.

ווען אפילו יעצטיגע צייט איז מען ניט דן מיט מיתה, זאגט אבער די גמרא: ווען אויך מיתת ב"ד איז בטל געווארען, אבער דער שטראף מן השמים איז ניט בטל. קומט איהם סקילה פאלט ער אראב אונ ווערט געטויט. — קומט איהם שרפה, בייסט איהם איין א שלאנג אונ ווערט געטויט.

אויף אללע מצות ווען מען איז עובר אויף איינע פון זיי עטליכע מאל הייסט ער ניט קיין מומר לכל התורה כולה, אונ פאר געצענדיגט אדער פאר חלול שבת הייסט מען א מומר לכל התורה כולה, ווייל שבת איז דער גרויסער צייכען אין זיכערהייט וואס גאט האט געגעבען אידין, כדי זיי זאלען וויסין, דאס אין זעקס טאג האט גאט אללעס בעשאפין אונ אפגעהאלטין דעם זיבעטין טאג, אונ ערב שבת פערענדיגט זיין ארבייט. דאס איז דער יסוד פון דער אמונה, צו וויסין אז די וועלט איז א בעשאפענע פון גאט.

ווי באלד אז מיר ווייסען שאהן דאס די וועלט איז א בעשאפענע פון גאט, הייסט דאך דאס זיין וועלט, איז ער דער הערר איבער אללעם אונ מיר זיינען זיינע דינער, זיינען מיר איהם מחויב צו דינען מיט דעם קערפער אונ מיט דעם נפש, אונ מיט דעם גאנצען פאר טאג ווייל דאס איז אלס זיינע.

די חכמים זאגען דער וואס היט שבת איז גלייך ווי ער וואלט היטין די

גאנצע

גאנצע תורה. דער וואס היט נים קיין שבת איז גלייך ווי ער וואלט לייקענען אין די גאנצע תורה.

ווי אזוי עס קענער זיך דאס דער היטין דעם שבת אהן דער גאנצער תורה. פארשטעהען מיר דאס מיט א משל: א בעל מלאכה, אדער פון א געשעפט שטעלט ארויס א שילד, צו מאכען וויסען דאס דא געפינט זיך דער געשעפט, דער מייסטער. כל זמן דער שילד הייננט ווייס מען דאס דא געפינט זיך דער בעל מלאכה, דער געשעפט. ווען אבער אז דער שילד הייננט נים מעהר ווייס מען אז עס איז שאהן נים דא קיין זכר פון דעם. די זעלבע איז שבת, דער בורא רופט אן שבת מיט דעם נאמען „אות" א צייכען דאס הייסט א שילד אויף דעם אידין, דער מיט וואס ער היט שבת, טראגט ער אויף זיך שטענדיג דעם צייכען, אונ ער הייסט א איד, אז ער טוהט אב פון זיך דעם צייכען הייסט ער שאהן נים קיין איד, ווייל דער שבת איז דער גאנצער יסוד, ווי מיר האבען גירעדט, דורך דעם ווייס מען דאס דער בורא האט די וועלט בעשאפען אונ מיר דארפען היטין זיין תורה ומצות, פלאנצט דאס איין אין מענשען אינגעדליך אויף עוויג. דארום ווען ער וועדט אפילו נכשל אין איין עבירה, דער גרונד אמונה איז דאך אבער ביי איהם דא. אבער שבת, אז ער נוארפט פון זיך אראב, איז ער דאך שאהן אין גאנצען ענטבזאגט פון אידעשקייט, דען ער האט דאך זיין שילד אראבגענומען. דארום דארף מען זיך פעסט־האלטען מיט אללע קרעפטין היטין דעם שבת ווי נייטיג איז.

בעונותינו הרבים ביי יעצטיגע צייט געפינען זיך אנשי רשע וואס דער איסור שבת איז ביי זיי הפקר. ווייל אין אונז וואס מיר האבען דער לעבט צו זעהען אזעלכעס, ווען עס איז פארצייטיגע יאהרין אויך געווען מחללי שבת. זייגען זיי אבער פערהאסט געוועען ביי דעם כלל ישראל, אונ מען האט זיך פון זיי גיט אב־געלערנט. אבער יעצטיגע צייט איז דאס אזוי פערדארבען, מען רעכינט זיי נים אויסנאמיג ווי אויף עובר זיין א אנדער עבירה, מען מיינט גור אז עס פעלט זיי די מצוה פון שבת אונ מעהר נים. דארום לערינט מען זיך פון זיי אב. אין אמת איז דאס נאר א גרויסער טעות. אין מענשען איז דא רמ"ח אברים. מצות עשה'ס איז אויך דא רמ"ח. אזוי ווי אין די אברים איז דא אזעלכע אברים וואס פעהלין אונ דער מענש בלייבט א מענש, צב"ש ווען עס פעהלט א האנד א פוס. די זעלבע איז ביי די מצות אויך אזוי, עס איז דא אזעלכע מצות, ווען אפילו אז זיי פעהלין הייסט עס, עס פעהלט איהם דיא מצוה, אזוי ווי עס פעהלט איהם א האנד א פוס. שבת איז אבער גירעכענט ווי די קאפף, די הארץ, דארום אז עס פעהלט איהם די מצוה פון שבת. הייסט ער גאר אבגעשטארבען, ווי די גמרא זאגט (רשעים בחייהם קרוים מתים), דאס הייסט, די רשעים ווען זיי לעבין הייסין זיי אויך טוידטע.

דִי סִבּוֹת וָואס עֶס אִיז אוֹיפְגֶעבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען הִלּוּל שַׁבָּת זַיינֶען זֶעהְר פִיל. אַנְדֶערֶע זַיינֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת אִיבֶּער פַּרְנָסָה, זַייעֶר טָעוּת אִיז זֶעהְר גְרוֹיס. וֶוען עֶר וֶועט שָׁאהְן זַיין אַ בְּרִיָּה צוּ פֶערְדִינֶען דֶעם טָאג פוּן שַׁבָּת, מִיט וָואס אִיז עֶר אָבֶּער זִיכֶער אַז דֶער בּוֹרֵא וֶועט פוּן אִיהם נִיט צוּ נֶעמֶען מִיט כֶּפֶל זַיין פֶערְדִינְסְט אוּנ נָאךְ דוּרְךְ יִסוּרִים, ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט: דוּרְךְ חִלּוּל שַׁבָּת קוּמְט שְׂרֵפוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַנְדֶערֶע אִיז גוֹרֵם דֶער פּוּצִין זִיךְ, דֶער וָואס הָאט נָאךְ אִין זִיךְ עֶטְוָואס אֱמוּנָה, פַארְשְׁטֶעהְט אַז אִיבֶּער דֶער תַּאֲוָה דַארְף מֶען נִיט אַיינְשְׁטֶעלִין דֶעם לֶעבִּין.

דֶער צוּ קְלַייבֶּען זִיךְ אוּם שַׁבָּת בְּרֵיינְגְט צוּ כַּמָּה אִיסוּרִים, אוּנ חִיּוּבִים פוּן כָּרֵת ר״ל. דְהַיְינוּ אָבְּפּוּצִין דִי שׁוּכְוָוארג, אוֹיס־קַאמֶען זִיךְ, אַרוּם זַייפֶען זִיךְ, אָבּ־פּוּצִין דִי קְלֵיידֶער. בַּיי דֶעם פַאלְט נָאךְ צוּ פִיל אִיסוּרִים פוּן מוּקְצֶה, אוּנ טְרָאגֶען אוּם שַׁבָּת.

בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ זֶעהֶען מִיר אַז עֶס קוּמְטֶען אָן דִיעֶנֶען אוֹיף דִי אָרְטֶער עֶהְרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּנ טוּהֶען אָבּ אוּם שַׁבָּת פוּן דִי גֶעזִינְדְ׳ם וֶועגֶען אַלֶע אַרְבֵּייט. זַיי פּוּצִין אָבּ דִי קְלֵיידֶער אוּנ דִי שׁוּכְוָוארג, וֶוען אַז מֶען טוּהט דָאס פַאר זִיךְ קוּמְט כָּרֵת, אִיז דָאךְ גֶעווִיס אַז מֶען דַארְף דָאס נִיט טָאהְן פַאר דֶעם צְווֵייטֶען. דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז, דִי עֶלְטֶערִין זָאלֶען נִיט אָבּ גֶעבִּין דִי קִינְדֶער אִין דִיא פְרֶעמְדֶע הַייזֶער.

## לג) כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ (כ—יב)

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, עֶהְרְלִיךְ צוּ הַאלְטֶען פָאטֶער אוּנ מוּטֶער. מֶען דַארְף זַיי בֶּעדִינֶען אִין אַלֶע זַייעֶרֶע נוֹיטְוֶוענְדִיגְקַייט. וֶוען דִי עֶלְטֶערִין זַיינֶען קְרַאנְק אָדֶער צוּ דֶער עֶלְטֶער, זַיינֶען דִי קִינְדֶער מְחוּיָב זַיי צוּ בֶּעדִינֶען אַלֶעם נוּר וָואס עֶס פָאדֶערְט זַיי, ווִי דִינֶער דִי הֶערִין, זַיי דַארְפִין דָאס טָאהְן זֶעהְר אַנְגֶענֶעהְם, וֶוען זַיי טוּיגֶען עֶטְוָואס אַרְבֶּעטֶען זָאגֶען דִי עֶלְטֶערִין, וֶוערִין זַיי גֶעשְׁטְרָאפְט.

וֶוען דִי עֶלְטֶערִין הָאבֶּען נִיט קֵיין גֶעלְד, זַיינֶען מְחוּיָב דִי קִינְדֶער צוּ גֶעבִּין זַיי נָאךְ זַייעֶר פֶערְמֶעג נָאךְ.

אוֹיךְ דַארְפִין קִינְדֶער דִי עֶלְטֶערִין כָּבוֹד גֶעבִּין, שְׁטֶעלִין זִיךְ פַאר זַיי אַלְס בּוֹרֵא הָאבֶּען פַאר זַיי, נִיט זֶעצִין זִיךְ אוֹיף זַייעֶר אָרְט וואו זַיי זִיצִין שְׁטֶענְדִיג, נִיט אַרַיין מִישִׁין זִיךְ אִין זַייעֶרֶע בֵּייד.

וֶוען אוֹיךְ דִי קִינְדֶער זָאלֶען לֵיידִין פוּן דִי עֶלְטֶערִין אַ פַארְשֶׁעמוּנג אָדֶער אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט טָאר מֶען זַיי נִיט מְצַעֵר זַיין.

מֶען טָאר נִיט אוֹיף וֶועקִין דִי עֶלְטֶערִין פוּן שְׁלָאף, נוּר אַז אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה

אז איך וועל ניט אויפוועקן וועט זיי פארדריסן, זאג מען יא, בפרט אז א מצוה, צב"ש אויפוועקן צום דאוונען.

ווען זייא הייסן עובר זיין דיא קלענסטע עבירה טאר מען זייא ניט פאלגען.

אויך איז מען מחויב אין די עלטערינס כבוד נאך זייער טויט 1).

כבוד די עלטערן נאך זייער טויט בעשטייט, אין דעם יאהר זאל מען מעהר לערנען, מעהר צדקה טאהן, דאס הייסט א זכות פאר די עלטערן צו מאכען זיי גרינגער דעם עונש, ניט ווי די וועלט מיינט דאס נור מיט קדיש איז מען מוכה, אונ עס קומט דער פון ארויס מחלוקות, איז דאס געווים קיין זכות פאר די עלטערן.

די גמרא דערציילט אין מסכת קדושין מען האט געפרעגט צו ר' אליעזר ווי ווייט איז די פפליכטען די עהרע צו עלטערן, ענטפערט ר' אליעזר: בעטראכט ווי איינער ניט א איד האט געגעבען כבוד זיין פאטער, די זאך איז געשעהען אזוי: די חכמים האבען געברויכט א טייערין שטיין צום אפוד פון כהן גדול, קומען זיי אין דער שטאט אשקלון. דארט וואר דער שטיין ביי איינעם א אינו יהודי מיט זיין נאמען דמא בן נתינה, די חכמים קומען איהם פרעגען וועגען דעם געשעפט, זאגט ער צו זיי, איך מאכט געוויס וועלין איך פערקויפען, דען איך האב דערביי פארדיענט זעקסהונדערט טויזענד גאלדענע רענדלען, אבער וואס קאן איך מאכען דאס די שליסיל פון דעם איז ביים פאטער צו קאפינס אונ ער שלאפט.

אין א יאהר ציים האט איהם גאט בעצאלט, עס איז ביי איהם אין זיין סטאדע איין פרה אדומה געבארען, זיינען די חכמים וויעדער געקומען צו איהם וועגין קויפין די פרה אדומה. זאגט ער איך ווייס וואהל אז איהר וועט מיר געבען וויפיל איך וועל פערלאנגען, איך פאדער אבער ביי אייך ניט מעהר, נור וויפיל איך האב דאן שאדין געהאט איבער דעם כבוד פון פאטער. די חכמים האבען איהם דאס געלד בכבוד אבגעצאלט.

וויעדער ערצעהלט די גמרא: ר' טרפון פלעגט זיך לייגין פאר די מוטערס בעטיל, זיא זאל איבער איהם ארויף גיין אונ אראב גיין. אונ נאך פיל פערשידענע ערצעהלונגען פון כבוד אב איז צו געפינען אין מסכת קדושין דף לא.

פאר עהרליך האלטען די עלטערין האט מען אריכות ימים, אונ מען האט נוטעם אויף ביידע וועלטין. לײדער אבער לא די וואס מען איז ניט געהיט אין זייער כבוד, טוהט מען זיי נאך אן אום כבוד אונ קריינקונג, א קינד אין די דערבטע יאהרין שפארט איבער דעם פאטער. א מאכטער שטעלט זיך שטאלץ

געגען

---

1) אין יאהר ואגט מען אונ מען חתמת תכ"ם, דאס הייסט, הריני כפרת משכבו, אויף די מוטער משכבה.

גֶעגֶען דִי מוּטֶער. דִי אוּרְזַאכֶע פוּן דֶעם אִיז וַוייל זִי אִיז מִיט אִיהר שְׁטֶענְדִיגֶ צוּ זַאמֶען פַארְגֶעסְט זִי גָאר אַז דָאס אִיז אַ מוּטֶער. אוּנ אַז מֶען אִיז מְחוּיָב עֶהְרְלִיךְ צוּ הַאלְטִין אוּנ מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דִי עֶלְטֶערִין אוֹיף דֶעם גְרֶעסְטִין אַרְט. דֶען זַייעֶר כָּבוֹד אוּנ מוֹרָא אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּם כָּבוֹד אוּנ מוֹרָא פַאר הַשִׁי"ת.

מֶען בַּארְף זִיךְ שְׁטַארְק הִיטִין אִין דֶעם, נִיט גִכְשָׁל צוּ וֶוערִין אִין דֶעם גְרוֹיסִין חֵטְא גֶעגִין דִי עֶלְטֶערִין, דֶען דִי תּוֹרָה הָאט בֶּעזוּנְדֶער אָנְגֶעקְנִישְׁטֶעלְט אַ קְלָלָה. וָואס עֶס אִיז גֶעשָׁאלְטִין גֶעוָוארִין אוֹיף דֶעם הַר עֵיבָל. עֶס זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע צְוָועלְף שְׁבָטִים אוֹיף דֶעם בַּארְג אוּנ דִי כֹּהֲנִים אוּנ דִי לְוִיִם הָאבֶּען גֶעזָאגְט פַארְשָׁאלְטִין אִיז דֶער קִינְד וָואס וֶועט מַאכֶען גְרִינְג אִין כָּבוֹד פוּן פָאטֶער אָדֶער דִי מוּטֶער, אוּנ אַלֶע אִידִין הָאבֶּען אָמֵן גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַלְזָא וָואס פַּיר אַ מֶענְשׁ הָאט דָאס נִיט קֵיין רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ צוּ פַארְהִיטִין זִיךְ פוּן דֶער קְלָלָה.

• בַּאדַארְף בַּארְף מֶען זִיךְ צַאמֶען מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקַייט נִיט אַרַיין פַאלִין בֶּעהִיטֶע נָאט אִין זַייעֶר אוּם כָּבוֹד אוּנ אִין גֶעגֶענְטֵייל אִימֶער נָאךְ זַייעֶר כָּבוֹד נָאךְ יָאגִין.

אִין דֶער מִצְוָה זַיינֶען מְחוּיָב זִיהן אוּנ טֶעכְטֶער, אוֹיסֶער אִין דֶער זַאךְ וָואס דִי מַאנֶען שְׁטֶערִין זֵיי, זַיינֶען טֶעכְטֶער פָּטוּר. דֶער רֶעכְט אִיז אָבֶּער דֶער מַאן זָאל נִיט שְׁטֶערִין.

מֶען אִיז מְחוּיָב כָּבוֹד צוּ גֶעבִּין דֶעם רַבִּי'ן וָואס מֶען הָאט בַּייא אִיהם גִילֶערִינְט.

מֶען אִיז מְחוּיָב עֶהְרְלִיךְ צוּ הַאלְטֶען דֶעם פָאטֶערְס פְרוֹי אוּנ דִי מוּטֶערְס מַאן, דֶעם גְרוֹיס־פָאטֶער אוּנ דִי גְרוֹיס־מוּטֶער, דִי שְׁווִיגֶער־עֶלְטֶערִין אוּנ דֶעם עֶלְטֶערִין בְּרוּדֶער, דִי אַלֶע אִיז מֶען נוּר מְחוּיָב צוּ גֶעבֶּען כָּבוֹד אוּנ מֶען אִיז פָּטוּר פוּן שְׁטִיצֶע, אָבֶּער דִי עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין, אוֹיב מֶען אִיז פַארְמֶעגְלִיךְ בַּארְף מֶען זֵיי שְׁטִיצֶען אוֹיךְ, וֶוען זֵיי הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטִיצֶע.

אַלֶע פְּרָטֵי דִינִים פוּן דֶער מִצְוָה אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין יוֹרֶה דֵעָה.

## לד) לֹא תִּרְצָח (שם—כב)

דִי מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, מֶען טָאר נִיט טוֹידְטִין קֵיין מֶענְשֶׁען.

וֶוען מֶען טוֹידְט אַ מֶענְשֶׁען בְּמֵזִיד (גֶערְן) אִיז מֶען חַיָּיב מִיתָה, זַיין מִיתָה אִיז גֶעוֶועזֶען בִּזְמַן הַבַּיִת סַיִיף, דָאס הֵייסְט מֶען גֶעקֶעפְּט אַרָאבּ דִי קָאפּ מִיט אַ שְׁוֶוערְד. אוֹיב בְּשׁוֹגֵג (אוּמְגֶערְן) וֶוערְט מֶען מִיט גָלוּת בֶּעשְׁטְרָאפְט [2], אוֹיב

מען

---

1) ואף לאחר מיתתן, כתובת צוואת רבינו הקדוש. 2) אין פ׳ מסעי איז ערקלערט וואס הייסט גלות.

מען איז גורם א מענש זאל געטוידט ווערין איז מען מחויב מיתה בידי שמים[1].
מען טאר ניט גורם זיין צו איין טוטם עס זאל פריער די נשמה ארויס.

אין דער מצוה איז פערבאטין מען זאל זיך זעלבסט ניט טוידטין. דען דער מענש האט אויף זיך זעלבסט אויך קיין נוילין, מען טאר זיך אפילו נישט בייזען. וועלכע דאס איז ערקלערט אין דער תורה, אין פסוק ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, דאס הייסט אייערע אייגענע בלוט וועל איך פון אייער זעעלע פארשין. פארשטעהט מען דאך אז דער פסוק גייט אויף דעם וואס מארדעט זיך זעלבסט וועט בעשטראפט ווערין לעולם הבא. דען אויף דער וועלט איז דאך פאר דעם טוידטין מענשען קיין פסק גיטא. אונ נאך א פסוק שטייט (רק השמר לך ושמור נפשך מאד) דאס הייסט זאלסט פארזיכטיג זיין צו היטין דיין זעעלע. דער פון איז דייטליך בעוויזין דאס עס איז דא א שטראף אונ בעצאהלונג פאר דעם מענשען נאך זיין טוידט פאר זיינע מעשים, דאס הייסט שכר ועונש. גן עדן, גיהנם.

די חכמים זאגען אב אין גאנצען פון עולם הבא, דער וואס מארדעט זיך זעלבסט.

אין שולחן ערוך הלכות אבילות איז געפסקנת. דער וואס איז זיך מאבד לדעת פארלירט ער דעם כבוד המת אין גאנצען.

מאבד לדעת איז אזוי א מין תאוה, ווי אנדערע תאות, דען דאס קומט דורך קנאה. תאוה אדער כבוד. דען דער זעלבער מענש אין דער צייט וואס ער פיהרט זיך איבער דעם לעבען. קיין פרעסערען וועט ער אפילו א קלאפ ניט טאהן, ווייל מען טאר ניט אדער עס פאסט ניט. אבער אויף זיך מיינט ער אז ער האט א דעה, דאפיר טוהט ער דאס.

דער אונגליק טרעפט אין דער וועלט אונ אפילו גאר אין פיינעם האנד. עס איז אין דעם ניט דא קיין שום היתר, עס איז גלייך ווי אומבריינגען א אנדער מענשען.

ווען עס פאלט חלילה ארויף א מענשען דער שלעכטער געדאנק. זאלל ער זיך צאמען ווי ווייט מיגליך ביז די תאוה וועט פון איהם אוועק גיין, ווי מען האט פיל געזעהען דאס זיי האבען אין די זעלבע רגע חרטה.

דאס ערשטע זאל ער וויסין אז דאס איז גלייך ווי געטוידט איין אנדער מענשען, וועט ער שאהן פארשטעהען זיך אב־צוהאלטען. דען איהם דריקט דאך טייל ער האט פערהאסט די וועלט. די שלעכטעס פון דער וועלט איז אבער נור ביז א צייט, עס איז דאך ניט קיין עוויגע וועלט. אבער שלעכטעס אויף די עוויגע וועלט, איז דאך אהן איין אויפהער.

עטוואס קאן דאס איהם אויך צו האלטען, צו בערעכענען אין וואס פאר

אלאגע

---

1) ר"ת ער שטארבט אהן א צייט.

אַ לַאנְגֶע עֶר לֶאזְט זַיין פַאמִילְיֶע, זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס־קִינְדֶער לֶאזְט עֶר אִין אַ עֶנְגֶע שַׁאנְדֶע.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַיין אוֹפֶן מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת. גִיט עֶר מָארְדֶעט זִיךְ צוּם שְׁטַארְבֶּען בַּאלְד, נוּר עֶר טוּהְט זַיין זַאךְ, אוּנ מִיט דֶער צַייט שְׁפְּרָאצְט אַרוֹיס זַיין טוֹיְדְט, וִוי עֶס אִיז יֶעצְט מָצוּי אִין אוּנְזֶערֶע מְדִינוֹת דִי נַארִישֶׁע מֶענְשֶׁען. צוּ דֶער צַייט וָואס זַיי דַארְפִין גַיין צוּ זֶעלְנֶערַיי צֶערִין זַיי זִיךְ, אַנְדֶערֶע גֶעסֶען אַיין אַ זֶעלְכֶע מִיטְלֶען. אַנְדֶערֶע מַאכֶען מִיט דֶעם גִיט עֶסֶען, גִיט שְׁלָאפֶען, אַנְדֶערֶע עֶסֶען קַיין בְּרוֹיט נִיט. דָאס מֶערְסְטֶע שְׁטַארְבֶּען אוֹיס דֶער פוּן בַּאלְד, אָדֶער מִיט אַיינִיגֶע יָאהר שְׁפֶּעטֶער. אוּנ זַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּלַייבִּין שְׁאהְן עֶווִיג פֶעלֶער־הַאפְטִיג. נוּר ווייל דֶער טוֹיְדְט קוּמְט שְׁפֶּעטֶער נִיט בַּאלְד, פַארְגֶעסְט מֶען אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע סִבָּה.

דֶער מֶענְשׁ וֶועלְכֶער טוּהְט דָאס, אוּיסֶער וָואס דָאס אִיז נֶגֶד הַמְּלוּכָה, דֶער צוּ נָאךְ הַייסְט עֶר מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת. אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבֶּען נוּר אַ אַיינְטְרָעט אִין דֶעם, וֶועט זִיךְ זַייעֶר גֵיהִנֹּם נִיט עֶנְדִיגֶען. עֶס אִיז אַ חוֹב קָדוֹשׁ אוֹיף דִי עֶלְטֶערִין אַכְטוּנְג צוּ גֶעבֶּען אוֹיף דֶעם, וֶוען נִיט זַיינֶען זַיי פֶערְאַנְטְוָואָרְטְלִיךְ, עֶס הַייסְט זַייא טוֹיְדְטִין זַייעֶרֶע קִינְדֶער. גְלַייךְ וִוי מִיט דִיא אַיינֶענֶע הֶענְד.

## לה) לֹא תִּנְאָף (כ—יג)

דִי מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, מֶען טָאר נִיט מְזַנֶּה זַיין מִיט אַיין אֵשֶׁת אִישׁ.

וֶוענִין זְנוּת מִיט אַיין פְּנוּיָה אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין פ' תֵּצֵא מִצְוָה תק"ע.

עֶס גִיבְּט פִיל אוֹפַנִּים זְנוּת, וֶועלְכֶע דֶער שְׁטְרָאף אִיז מִיתָה, וֶועלְכֶע דֶער שְׁטְרָאף אִיז כָּרֵת, וִוי עֶס אִיז מְבוֹאָר אִין פ' אַחֲרֵי.

פַאר זְנוּת מִיט אַיין אֵשֶׁת אִישׁ וֶוערִין בֵּיידֶע בֶּעשְׁטְרָאפְט מִיט חֶנֶק 1) דֶער וֶוערְגִין (בזה"ב). אוֹיבּ מֶען אִיז מְזַנֶּה מִיט אַ נַעֲרָה הַמְאוֹרָסָה 2) קוּמְט זֵיי בֵּיידֶען סְקִילָה (בזה"ב), אוֹיבּ אָהן הַתְרָאָה כָּרֵת.

דִי סְקִילָה וֶוערְט אִיהר גֶעטָאהן גֶעגֶען פָאטֶערְס טִיר אוּם צוּ צֵייגֶען דֶעם פָאטֶער זַיינֶע עֶרְצִיהוּנְג. דֶען דִיא עֶרְצִיהוּנְג פוּן דִיא קִינְדֶער וֶוענְד זִיךְ אָן דִיא עֶלְטֶערִין.

דֶער קִינְד וֶועלְכֶער וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען פוּן אַ אֵשֶׁת אִישׁ אִיז אַ מַמְזֵר.

דִי עֲבֵירָה פוּן זְנוּת וֶוען אוֹיךְ מִיט אַ פְּנוּיָה אִיז זֶעהֶער גְרוֹיס, אַיין מָאהל

---

1) אם היא בת כהן הוא בחנק והיא בשרפה (בזה"ב). 2) נערה המאורסה הייסט אזעלכע וואס מען האט איהר מקדש געווען אבער אהן חופה, ווי פארצייטען פלעגט מען פריער מקדש זיין און דיא פלעגט פארבלייבען ביים פאטער אויף צוועלף חדשים נאכהער פלעגט זיין חופה.

דער איסור זנות, צווייטנס דער איסור כרת פון נדה, און איז נאך מטמא די וועלט עס איז מרבה ממזרים בישראל, צב"ש איינער איז מזנה און זי געבארט א קינד, ווען דער פאטער איז אום בעוואוסט, קאן דאך געמאלט זיין, דאס מיט דער צייט זאלען זיך נעמען א ברודער מיט א שוועסטער, אדער אנדערע עריות, די וועלט וועט נישט וויסן צו היטן זיך פון זיי. וועט מען זיך מתחתן זיין מיט די געבארענע קינדער, וועלכע זיי זיינען ריכטיגע ממזרים, וועט פון זיי פול ווערין די וועלט מיט ממזרים, ווארום א ממזר איז זיינע קינדער ממזרים אויף עוויג אויף דורי דורות [1].

זנות מיט א פנויה וואס געווים איז זיא דאך א נדה, אדער אפילו מיט די איינענע פרוי, אין דער צייט וואס זיא איז א נדה. ווערין ביידע מיט כרת בעשטראפט.

זנות מיט פרעמדע נאציאנען איז אויך אסור, און מען האט אויף זיך א שטראף פון כרת [2].

אין דעם כלל פון לא תנאף איז אפילו א ביסל פון זנות [3].

דער כלל איז מען טאר גאר נים טראכטען וועגען א שום הנאה פון זנות, נים טראכטען וועגען פרויענצימער, נים מקורב זיין מיט א מין ליבשאפט. מאנספליים מיט פרויענצימער טארין זיך אפילו די הענד נים שטרעקין [4]. און ווער רעדט נאך חלילה זיין מיט זיי בחיבוק ונישוק, וועלכע אויסער די עבירה פון חבוק ונשוק ברייננט דאס נאך ליידינשאפט [5], וועלכע דאס איז געוועזן דער חטא פון דור המבול, אנדערע ברויכין מיט מיטלען וואס הייסט אויך זנות. וואס דארויף זאגט דער נביא ניביכם דמים מלאו! דאס הייסט אייערע הענד איז פול מיט בלוט, ווען דאס איז גלייך ווי מענשען געטויטעט. גאט האט די נאטור געגעבען צום נוצין אויף דער וועלט אבער נים די תאוה צו טרייבען [6].

עס איז אסור מיחד צו זיין זיך מיט א פרויענצימער, אויב די טיר איז אפין צום גאס איז מותר.

אויך טאר מען נים פארין אין וועג מיט פרויענצימער אהן א שומר ווי דער דין איז.



---

1) עס איז דא נאך איין אופן וואס קאן זיך אריין מישן דער פסול פון ממזר, דיא קאמידיאנטין נגב'נען קליינע קינדער און זייער משפחה איז אום בעוואוסט, קען דאך אויך אוים קומען אברודער זאל נעמען אשוועסטער. 2) ובעל בת אל נכר יכרת. 4) לא תיהגי אף. 4) יד ליד לא ינקה זה המרצה מעות מידו ליד האשה בכונה. 5) מוציא זרע לבטלה. 6) דאס איז צו פערשטעהען מיט דעם שכל, דען אין דעם קראפט פון וואס דער מענש ווערט געבארען ליגט דאך אין דעם, דער גאנצער כח פון מענש, ווי ער איז שאהן ענטוויקעלט א מענש הייסט דאך דער קראפט די זאמען, דער מענש, און אז מען ברייננט דאס אומנוטץ, הייסט דאס ווי געטויטעט א מענשען אז סער די עבירה פון דעם איז פול אין דאקטאריע די געפאר פון דעם, דען די תאוה ברייננט איהם אום זיינע גאנצע קרעפטין און ברייננט איהם צו שלעכטע קרייגק ביז טויט און געבארט קראנקע קינדער.

אִין כְּלַל פוּן דָעם לָאו לֹא תִנְאָף זַיינֶען דִי אַנְפִיהרֶער פוּן דֶעם. דִי וָואס הַאבֶּען דָאס פַאר אַ נִישֶׁעפְּט, אָדֶער דִי וָועלְכֶע בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט דָעם אִין דִי נָאכְט הַייזֶער, זַייעֶר פַארְבְּרֶעךְ אִיז נָאךְ מֶערֶר וִוי פוּן דָעם בַּעל־עֲבֵירָה דֶען עֶר בְּרֵיינְגְט דָאךְ אַלֶעם צוּ דֶעם. הָאט עֶר דָאךְ אוֹיף זִיךְ אַ עֲבֵירָה פַאר יֶעדֶערְן בֶּעזָאנְדֶער.

וִוי פִיל דַארְף מֶען זִיךְ הִיטִין פוּן זְנוּת, דָאס אִיז פוּן דִי זַאכֶען וָואס מֶען בֶּעשְׁטְרָאפְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי דִי חֲכָמִים זָאגֶען דֶער וָואס אִיז לְהוּט נָאךְ זְנוּת, אִיז דֶער סוֹף זַיינֶער דָאס עֶר זוּכְט צוּ פַארְדִינֶען אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹידְט פַאר זַיין פַאמִילְיֶע אוּנ גֶעפִינְט נִיט. אוּנ וֶוערְט גֶעשְׁלָאגֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶע קְרֵיינְק. דִי עֶרְשְׁטֶע סִבָּה דֶער פוּן אִיז, דֶער אוּנְטֶערְהַאלְטֶען זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְט, מִיט פְּרוֹיֶענְצִימֶער, אוּנ מֶען פַארְבְּרֵיינְגְט אִין נְבָלוּת אוּנ לֵיצָנוּת, וָועלְכֶע דָאס צוּ רֵייצְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, אִין פָּרָשָׁה אַחֲרֵי אִיז גִירֶעדְט פִיל וֶועגִין דֶעם.

עֶס אִיז אִין דֶער וֶועלְט אוֹיפְגֶעבְּרָאכֶען גֶעוָואֶרְען אִין דִי פַאבְּרִיקֶען וָואס טוּהֶען מַאנְסְפֶּערְזָאהן מִיט פְרוֹיֶענְצִימֶער בֶּעזַאמֶען, דִינְגֶען צוּ זַאמֶען אַ קְוַואטִיר אַ בָּחוּר מִיט אַ בְּתוּלָה, וֶוען אוֹיךְ מִיט אַיין טְרַאף טָאר זִיךְ נִיט מְיַחֵד זַיין אַ מַאנְסְפֶּערְזָאהן מִיט אַ פְרוֹיֶענְצִימֶער. אִיז דָאךְ גֶעוִוים אַז מֶען טָאר נִיט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג אוֹיף הַאלְטֶען זִיךְ אוֹיף אַיין קְוַואטִיר, וָואס אוֹיסֶער דִי עֲבֵירָה פוּן יִחוּד קוּמְט עֶס נָאךְ צוּ הִתְקָרְבוּת, אוּנ אָפְט מָאל צוּ זְנוּת, קָאן עֶס קוּמֶען צוּא טוֹיזֶענְדֶער אִיסוּרִים פוּן חַיָּבֵי כְּרִיתוּת.

וָואהל אִיז צוּ דִי מֶענְשֶׁען וָואס בְּרֶעכִין זַייעֶר יֵצֶר הָרָע, זַייעֶר שָׂכָר אִיז זֶעהֶער גְרוֹיס, וִוי דֶער שָׂכָר פוּן יוֹסֵף אוּנ בּוֹעַז אוּנ נָאךְ פִיל צַדִיקִים וָואס דִי גְמָרָא בְּרֵיינְגְט דִי וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעבְּרָאכֶען זַייעֶר יֵצֶר הָרָע.

וֶוען אַ מֶענְשׁ פַאלְט חָלִילָה אַרֵיין אִין אַ שְׁלֶעכְטִין גֶעדַאנְק אוּנ ווִיל טָאהן דִי עֲבֵירָה, זָאל עֶר זוּכִין זִיךְ אָב צוּ הַאלְטֶען מִיט מִיטְלֶען, אוּנ אוֹיב עֶר קָאן זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט אָב הַאלְטֶען, זָאל עֶר זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען אוּנ רוּפִין אַ צְוֵוייטֶען מוֹדִיעַ זַיין, וֶועט עֶר זִיךְ שָׁאהן מְמַלֵא אָב הַאלְטֶען, וִוי דִי גְמָרָא שֶׁעמְט זִיךְ נִיט צוּ דֶערְצֵיילִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב עַמְרָם חֲסִידָא, צוּ וַוייזִין אַז דוּרְךְ פַאלִין אִין אַ עֲבֵירָה קָאן דֶער גְרֶעסְטֶער אוֹיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ אָבֶּער קָאנֶען אָבְּהַאלְטִין. דֶער קְלוּגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד שֶׁעמְט זִיךְ גָאר נִיט אוּנ גֶעפִינְט פַאר זִיךְ אַוֶועג אָב צוּ הַאלְטִין וֶוען בֶּעהִיטֶע גָאט עֶר פַאלְט אַרֵיין.

דִי גֶעשִׁיכְטֶע מִיט רַב עַמְרָם וַואר אַזוֹי, אִין זַיין צַייט פְלֶעגִין רוֹיבֶּער פַאנְגֶען אִידֶעשֶׁע טֶעכְטֶער אוּנ בְּרֵיינְגֶען אִין דִי שְׁטֶעט וֶוער עֶס ווִיל זֵיי לֵייזִין מִיט גֶעלְד. רַב עַמְרָם אִיז גֶעוֶועזֶען רֵייךְ, פְלֶעגְט עֶר זֵיי לֵייזִין עֶס זָאל חָלִילָה נִיט זַיין אִידֶעשֶׁע טֶעכְטֶער הֶפְקֵר. אַיינְמָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקוֹיפְט פוּן דִי רוֹיבֶּער

טייכספערזאהען, אונ האט זיי ארויף געלאזען אויף א אויבער שטיבעל אונ צו גענומען די שטיגין פון אויבער שטיבעל.

עס האט איהם אבער אזוי געשיינט די שיינהייט פון א פרויענצימער, האט ער געוואלט ארויף גייהן צו זיי, האט ער צו געשטעלט די שטיגין, גייענדיג אויף די טרעפ האט ער זיך אויסגירעכינט וואו גייט ער דא, איז איהם געווארען אייננ ניט אהין ניט צוריק, האט ער אנגעפאנגען שרייען מיט קולות עס ברענט, עס ברענט, א שרפה ביי עמרם, זיינען די שכנים, אויך די חכמים צו נאמען געלאפען אונ האבען איהם אזוי געפונען אין דער לאגע. זאגען זייא רבי איהר האט אונז פארשעמט, ענטפערט ער בעסער וועל איך פארשעמט ווערין אויף דער וועלט, איידער איך זאלל חלילה פארשעמט ווערין אויף יענע וועלט.

ווי מיר האבען דא ארום גערעדט די הרחקיים פון זנות, ווי עס בריינגט צו כרת ר"ל, אונ מטמא די וועלט עס איז מרבה ממזרים בישראל, איז דאך געווים ניט כדאי איבער די תאוה פון דער ווייליע זיך אונגליקליך מאכען פון ביידע וועלטין, אונ מטמא זיין די וועלט.

ווען ער וויל זיך פערדארבען אבער ווי אזוי ערלויבט מען זיך דאס, די גאנצע וועלט צו פארטיאוסין, אויף עוויג, דער מענש וואס ערלויבט זיך אזעלכעס צו טאן; אדער די אנפירער פון דעם זיי ווערין געמשפט אויף עוויג, וואהל איז צו דעם וואס איז געהיט דער פון אונ דער וואס איז אפילו דורך געפאלין אין דעם נור אז ער טוהט תשובה, דאס ערשטע זאל ער אוועק ווארפין מעהר ניט טאהן אונ האבען חרטה אויף פריער וואס דאס איז דער עיקר תשובה, דאס גלייכין די אנפירער פון דעם, אז זיי טוהען תשובה, איז זייער זיך גאר ניט גערעכינט, אונ קאנען צו קומען זיין צדיקים.

## לו) לא תגנוב (כ—יג)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו גנב'ענען קיין מענשען.

ווענין גניבה פון געלד זאגען איז ערקלערט אין פ' קדושים.

אז מען גנב'ת א מענשען אונ מען פערקויפט איהם איז דער שטראף חנק 1) (בזה"ב).

דער מענשען האנדיל עקזעסטירט נאך היינט אויך 2).

די

1) והוא שיכניסו לרשותו וישתמש בו. 2) ביי די גרענעצין האט דער מענש אווירדע פון גאר נישט ווי עס איז ידוע, אונ קיין איינציגער פרעגט אויף דעם קיין שאלה נישט. אנדערע קומען אראפ פון וויט אונ גנב'ענען מיט ווייערע רייד די פרויענצימער אונ שטעלען זיי פאר די גרעסטע גליקין, לסוף גיבין זיי גאר זיי אריין אין די בתי זונות, אונ עס ווערט דאמיט גאנצע גישעפטין געמאכט.

## לז) לֹא תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר (כ—יג)

די מִצְוַת לא תַעֲשֶׂה איז, ניט צו זאגען קיין פאלשע עדות.

מען טאר ניט זאגען קיין עדות, וואו מען זעהט ניט זעלבסט מיט דיא אויגען, און מען הערט ניט מיט די אויערן, ווען אויך מען קאן הערין פון דיא גרעסטע אין דער וועלט, וועלכע עס איז בעשטימט דאס זיי וועלין געוויס קיין שקר ניט זאגען, דאך האט די תורה פארזאגט דאס דאן קאן מען זאגען עדות, נור ווען מען זעהט זעלבסט און מען הערט זעלבסט.

ווען מען זאגט ניט קיין ריכטיגע עדות, ברענגט דער מענש וואס זאגט פאלשע עדות אויף זיך א זינד.

עס טאר ניט זיין היין שום בַּמֵאות אין דעם עדות זאגען.

דער כלל איז, דער זאגען די עדות מוז צו זיין מיט דעם ריינעם אֱמֶת.

ווען איינער ווייס צו זאגען עדות און זאגט ניט, ווערט ער געשטראפט פון גאט.

אויך טאר מען ניט זאגען קיין פאלשע עדות אין א בעריכט פון פרעמדע נאציאנען, דהיינו, אין טריבונאל סור או״ג.

די גידערטערעכטיג און פערדארבען זיינען די מענשען וועלכע פערדינגען זיך צו זאגען פאלשע עדות אין סוד, אויסער דעם איסור לאו פון דעם איז נאך א חלול השם, דען געוועהנליך די וואס זעהען דאס צו, פארשטעהען דעם פאלש מיינען זיי אז די תורה ערלויבט דאס.

אויסער עדות, נור א איד דארף זיך היטין פון שקר, דען שקר איז פון די זאכען וואס מאכט חרוב די וועלט 1).

מען טאר קיין שקר ניט זאגען ווען אויך אפילו איך טוהע קיין שאדין ניט מיט מיין שקר, איז דאך געוויס ווען מען מאכט שאדין מיט שקר.

די גמרא זאגט סהדי שקרא אאגרייהו זילא דאס הייסט, די פאלשע עדות פארלירין דעם חן ביי זייערע איינענע דינגער, דען דער ליגנער אפילו דעם וואס ער טוהט א טובה מיט זיין שקר, ביי דעם זעלבען האט ער אויך קיין ווירדע.

אֱמֶת ברייגט צו אריכות ימים, ווי די גמרא דערציילט אין סנהדרין איינער א למדן מיט זיין נאמען רב טביומי, ווען מען זאל איהם די וועלט מיט געלד פילמאכען האט ער זיין ווארט ניט געביטין, איין מאהל איז ער געקומען אין דער שטאט מיט דעם נאמען קושטא, די שטאט לייט האבען ניט געוואוסט פון זאגען א ווארט שקר, דאפיר איז קיין איינציגער פון זיי ניט געשטארבען פאר דער צייט, איז דעם רב טביומי געפעלין געוואָרען צו באזעצין זיך אין דער

שטאט

1) על שלשה דברים העולם קי״ס.

שטאט און האט גענומען דא איין פרויא, די פרויא האט איהם געבארען צוויי קינדער, איינמאל האט די פרוי געהאלטען זיך אין ארום וואשען, איז געקומען איין שכנה און אנגעקלאפט אין טיהר מען זאל איהר אריינלאזען. האט זיך דר טביומי מתיר געוועזען און אויסגערעדט דאס די פרוי איז נישט דא באלד זיינען די צוויי קינדער געשטארבען.

אויף דעם געשריי זיינען צוזאמען געקומען די שטאט לייט בעוואונדערין וואס איז דאס אזוינס, קינדער זאלען שטארבען? דען ביי זיי איז גאר קיין איינציגער פאר דער צייט נישט געשטארבען, האט ער זיי דערציילט די זאך. דא האבען זיי איהם געבעטין ענטשולדיגין ער זאל פון דאן ארויסציהען, ער זאל דא דעם טויט נישט אריין ברייגגען.

א ליגנער איז ערגער פיר א גנב, פון א גנב קאן מען זיך היטין, א גנב גנב'ט נור געלד, אבער נישט דעם לעבען. ביי א גנב קאן מען נאך די גנבה אב־זוכען, א גנב ווען ער גייט גנב'ענען היט ער זיך. אבער דער ליגנער, דער שקרן ער גייט אפען. און קאן אריין פיהרין אין גרעסטען אונגליק, מען קאן איהם גאר נישט כאפען, ווייל עס איז גאר נישט אנצומערקין. דען אז מען כאפט איהם דרייט ער מיט זיין צונג גאר אנדערש.

דארום איז שקר אזוי פערהאסט ביז די תורה האט גאר פארזאגט מדבר שקר תרחק דאס הייסט זאלסט אין גאנצען ווייטען, זאלסט גאר נישט צו הערין קיין שקר.

חניפה און צביעות איז אויך אין כלל פון שקר.

חניפה הייסט, אויף הייכען א מענשען מעהר פאר זיין ווירדע.

צבועת הייסט. פארשטעלין זיך מען זאל אים האלטען העכער ווי ער איז.

דער חונף. איבער זיינע א פניה וואס ער וויל בעקומען פון איינעם א טובת הייבט ער איהם אויף ביז צום הימעל, און דער מיינט אז עס איז אזוי, ביז ער רעדט זיך איין. און גרייסט זיך איבער לייטען.

דער צבוע פאנגט אריין דעם מענשען ווי די פיש אין זיין געטץ.

צבועת איז טייך געפארבט, א געפארבענע זאך מוז אב גיין. דארום ווען אויך מעי ועהט פון איין מענשען פרומקייט זאל מען נישט נתפעל ווערין און האבען צו איהם צו טרוי, סיידין אז מען ערקונדיגט זיך זיין עהרליכקייט, ווי די גמרא זאגט, די צבועים זיי טוהען מעשה זמרי און פערלאנגען שכר ווי פינחס.

אין דעם הויז וואס מען ליבט שקר רוהט קללה, ווייל דער זיגעל פון בורא איז אמת רוהעט נור די גאטליכע ברכה ביי די וואס יאגען אמת, ציא גלייכען זיך צו, צו די מדות פון בורא.

שקר

שֶׁקֶר האָט קיין הַצְלָחָה, דער מִדְרָשׁ בְּרֵיינְגְט אַ פיינֶעם מָשָׁל ¹) הֵיינְט מִיט שֶׁקֶר הָאבְּן אַלֶע גֶעמַאכְט אַז וויפיל שֶׁקֶר וֶועט פאַרְדִינֶען וָאל הֵיינְק צוּ גֶעמְשְׁן.

## לח) לֹא תַחְמוֹד (כ—יג)

די מִצְוָה לא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט נָאךְ צוּ זוּכֶען מִיט מִיטְלֶען צוּ עֶרְפִילְן דעם גְלוּסְט צוּ בֶּעקוּמֶען וָואס עֶס גִיהֶער צוּם צְוֵוייטֶען, אוֹיבּ די זַאךְ שְׁטֵייט נִיט צוּם פֶערְקוֹיף; וָוען אֲפִילוּ אָבּ צוּ צָאהְלִין פאַר דער זַאךְ מֶעהר וִויא דִיא וָוערְדֶע אִיז.

מֶען טָאר גָאר אִין הַארְצֶען אוֹיךְ נִיט גְלוּסְטִין וָואס גִיהֶער צוּם צְוֵוייטְען וִוי עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין פ' וָאֶתְחַנַּן בַּיי דעם לָאו לא תִתְאַוֶּה.

אַלְזָא וָוען מֶען גְלוּסְט דעם צְוֵוייטֶענְס אַ זַאךְ אִין הַארְצֶען. אוּנ מֶען זוּכְט נָאךְ מִיט מִיטְלֶען צוּ בֶּעקוּמֶען דִיא זַאךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף צְוֵוייא לָאוִין. — אַיין לָאו פוּן לא תִתְאַוֶּה, דָאס הֵייסְט דעם גְלוּסְטִין אִין הַארְצִין דעם צְוֵוייטִינְס. דער צְוֵוייטֶער לָאו פוּן לא תַחְמוֹד. דָאס הֵייסְט. דער נָאךְ זוּכֶען צוּ בֶּעקוּמֶען דעם צְוֵוייטִינְס.

דער גְלוּסְטִין דעם צְוֵוייטִינְס אִיז זֶעהֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער גֶעדַאנְק, דָאס בְּרֵיינְגְט דעם מֶענְשֶׁען צוּ פִיל שְׁלֶעכְטֶעס, וִוי בַּאלְד נוּר אַז עֶר וִויל די זַאךְ וֶועט עֶר שְׁאהְן אוֹיף קֵיין זַאךְ נִיט קוּקֶען אוּנ וֶועט אָנְוֶוענְדִין אַלֶע קְרֶעפְטֶען די זַאךְ צוּ בֶּעקוּמֶען, וִוי עֶס אִיז יָדוּעַ דָאס אַחְאָב הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעגְלוּסְט דעם גָארְטִין פוּן נָבוֹת. הָאט מֶען נָבוֹת גֶעטוֹיְטְט דוּרְךְ פַאלְשֶׁע עֵדוּת. אוּנ אַחְאָב הָאט דעם גָארְטִין בֶּעקוּמֶען.

תַּאֲוָה קָאן דעם מֶענְשֶׁען בְּרֵיינְגֶען צוּ אַלֶעם בֵּייז, וִוי דִיא גְמָרָא בְּרֵיינְגְט אִין גִטִין אַ יָאמֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אַיין גֶעזֶעלֶען הָאט זַיין אוֹיג אוֹיף דעם וִוירְטְס פְרוֹיא גֶעגֶעבֶּען, הָאט עֶר פַאר דעם וִוירְטָה אוֹיף זַיין פְרוֹיא מַלְשִׁין גֶעוֶוען בַּיי דער וִוירְטָה הָאט אִיהר גִינֶט, עֶר הָאט אָבֶּער פאַר אִיהר די כְּתוּבָּה נִיט גֶעהַאט צוּ צָאהְלִין, הָאט אִיהם דער גֶעזֶעלִין די גֶעלְד אוֹיף דער כְּתוּבָּה גֶעלִיהֶען. נָאכְהֶער הָאט דער גֶעזֶעלִין מִיט אִיהר גֶעהֵייראַטֶעט, עֶר מָאנְט אִיהם די גֶעלְד וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעלִיהֶען, דער וִוירְטָה הָאט אָבֶּער נִיט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ בֶּעצָאלִין, הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי דעם גֶעזֶעלֶען דִינֶען פאַר זַיין חוֹב. עֶר בֶּעדִינְט אִיהם מִיט זַיין פְרוֹי, עֶר גִיט זֵיי וויין צוּם טִישׁ, אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען פְלִיסִין טְרֶערִין אִין כּוֹס אַרַיין, זָאגְט אוּנְז די גְמָרָא, צוּ דער צַייט אִיז אָנְגֶעחַתְמֶת גֶעוָוארֶען דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל חָרוּב וֶוערִין.

די

---

¹) מדרש שוח"ט על פסוק תרת קסל וילד שקר ע"ש.

## לט) לא תעשון אתי (כ—כ)

די מצות לא תעשה איז, נים צו מאכען קיין געשניצטען אדער אויסגעשטאַרצטען מענשען בילד, אפילו נור פון שיינקייט וועגען.

עס דאַרף דאס ביי אידען אין די הייזער צו א ציררונג נים זיין ווי דער דרך איז דאס אויף די אויוענס, מעביל, לאמפען, געשיר, אד"ג אין דיזע קארידאָרען איז מענשליכע פיגורען געשניצט.

מען דאַרף דאס קינדער נים געבען צו שפּילען. לכתחילה מאר מען דאס נים קויפען, נור אז מען האט זיך נאכהער ארום געזעהען, זאל מען עטוואס אב־ברעכען פון די אויגען אדער פון נאז.

עס איז ארויס א ביזעס מען מאכט צום ציהרונג, אנדערע פראגען דאס צו די זייגערס, מעטאלענע געשטארצטע בילדער פון מענשען. איז דאס א חוב מודיע צו זיין אז דאס איז א גרויסע עבירה, און א חילול השם, און אז מען מאכט נאך א צורה א געשטארצטע פון א ת"ח הייסט עס סכנה ת"ח. און אויב נאך זיין טויט הייסט עס בזיון המת.

פאטאגראפיעס גים קיין געשניצטע איז מותר.

מען טאר אויך נים מאכען קיין בילד פון דער זון פון דער לבנה און פלאנעטען. — אויך טאר מען נים מאכען קיין היכל און כלים אין דעם פארמאט פון בית המקדש און די כלים.

## מ) לא תבנה אתהן גזית (כ—כב)

די מצות לא תעשה איז, נים צו בויען דעם מזבח מיט אייזערנע װערקצייג. וואָנאר עס טאר נים אנגערירט זיין דער שטיין אן אייזען 1).

די שטיינער פון מזבח איז גענומען געוואָרען פון ים אדער פון ערד טעלבע גימאלס געגראבען גיטען.

ווייל דער אייזען קירצט דעם מענשינס לעבען און דער מזבח ברייננט דעם מענשען צו לאנג לעבען זעט נים פיין אוים דער אייזען זאל אין געבויי פון מזבח איין צו טרעט האבען.

---

1) וה"ה בכבש

## מא) וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלוֹת עַל מִזְבְּחִי (כ—כג)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, דָאס דֶער אַרויף גאַנג צום מִזְבֵּחַ זָאל מִיט קֵיין שְׁטאפְּלֶען נִיט זַיין, מֶען זָאל נִיט דַארְפֶען דִי פִּיס הויךְ אויפְהויבֶען. דִיא שַׁאנְדֶע זָאל גִיט גֶעזֶעהֶען וֶוערִין. עֶס אִיז נוּר גֶעמַאכְט מְשׁוּפָּע וִוי אַיין בְּרִיק אַרויפְצוּגֵיין.

דֶער פוּן אִיז צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען וִוי ווייט מֶען דַארְף פָארְזִיכְטִיג זַיין אִין בִּזָיוֹן פוּן צְוַוייטֶען, וֶוען דִי שְׁטֵיינֶער הָאבֶען דָאךְ קֵיין פֶערְשְׁטַאנְד מַקְפִּיד צוּ זַיין אויף זֵייעֶר בִּזָיוֹן, דָאךְ הָאט דִי תּוֹרָה פֶערְזָאגְט וִוי בַּאלְד נוּר זֵייא הָאבֶען אויף זִיךְ אַיין הֵיילִיגְקֵייט טָאר מֶען זִיךְ נִיט נוֹהֵג זַיין מִיט זֵיי בְּבִזָיוֹן. — דֶער מֶענְשׁ וַויין אַיינֶענֶער חַבֵר וֶועלְכֶער אִין גָאטְלִיכֶען עֶבֶּענְבִּילְד בֶּעשַׁאפֶען, אוּנ הָאט פֶערְדְרוּס פוּן אַ בִּזָיוֹן, אִיז דָאךְ גֶעוִויס אַז מֶען דַארְף אִין זַיין בִּזָיוֹן פָארְזִיכְטִיג זַיין.

---

# מִשְׁפָּטִים

---

## מב) כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי (כא—ב)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז. וֶוען בֵּית דִין פַארְקוֹיפְט אַ אִידִין [1] ווייל עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט צוּ בֶּעצָאהלִין פַאר דֶער גְנֵבָה וָואס עֶר הָאט גֶעגַנְבֶ'ה'ט, אָדֶער דֶער גוּיט הָאט אִיהם מִיט גֶעבְּרַאכְט צוּ פַארְקוֹיפֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט פַאר אַיין קְנֶעכְט, אָדֶער זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ דִינְסְט, זָאל דֶער וִוירְטְה אויפְפִירִין זִיךְ מִיט זֵייא אִין דֶער צֵייט פוּן אַרויסְגַאנְג. נָאךְ דִי דִינִים פוּן דֶער תּוֹרָה.

זִיךְ זֶעלְבְּסְט קָאן מֶען פֶערְקוֹיפֶען אויף וִוי פִיל יָאהר מֶען ווִיל, בֵּית דִין פַאר אַ גְנֵבָה, אָדֶער דֶער פָאטֶער זַיין טָאכְטֶער קָאנֶען נוּר פַארְקוֹיפְן אויף זֶעקְס יָאהר, עֶנְדֶע זֶעקְס יָאהר גֵייעֶן זֵיי פְרַיי.

וִוי עֶס קוּמְט עֶנְדֶע זֶעקְס יָאהר אוּנ דֶער עֶבֶד זָאגְט אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין וִוירְטְה, אִיךְ ווִיל פוּן אִיהם נִיט גֵיין פְרַיי, נֶעמְט דֶער וִוירְטְה צוּ זִיךְ אִין הוֹיז דְרַיי דַיָינִים, אוּנ דֶער עֶבֶד זָאגְט אָבּ פַאר זֵיי דִיא רֵייד, אוּנ דֶער וִוירְטְה פִיהְרְט אִיהם צוּ צוּ דֶער טִיהר אוּנ בָּאֶערְט אִיהם דוּרךְ דֶעם רֶעכְטִין אויעֶער

ב׳ז

---

1) בזמן הבית.

ביז עס גרייכט צום יאהר, דער מיט בלייבט ער זיין עוויגער דינער, ביז עס קומט אן יובל 1) אדער דער ווירטה שטארבט.

ווייל דער אויהער האט געהערט אויף דעם בארג סיני די ווערטער כי לי בני ישראל עבדים דאס הייסט, גאט האט געזאגט, צו מיר זייט איהר אידין קנעכט, אונ דער מענש קויפט זיך א האר אונ ווערט איין עבד לעבדים, דאפיר ווערט ער געבויערט.

## מג אשר לא יעדה לו קרי (כ—כג)

די מצות עשה איז, דער איד וועלכער קויפט א אידעשע דינסט זאל ער מיט איהר הייראטין זעלבסט, אדער פאר זיין זאהן פאר איין פרויא געבען. אויף דער מצוה גייט מען איהם ניט מקיים צו זיין ווי מען גייט אויף אללע מצות עשה'ס, דען דאס איז נור א זיטלעכע גענארע צו טאהן מיט די אָרעמע, זאנגדערין, אז ער נעמט איהר פאר זיך אדער פאר זיין זאהן איז ער מקיים א מצות עשה, אונ איז זוכה צו האבען פון איהר גוטע כשרה קינדער, אונ גאט איז איהם מצליח אין איהר מזל.

די מצוה לערינט אונז אז עס דארף זיך ניט גרויסין דער רייכער איבער דעם אָרעמען, דער ווירטה אויף זיין דינער, דען ביי גאט שטייען ביי גלייך, רייך איז קיין השלמה גיט.

אויב ער נעמט איהר פיר א פרוי האט זיא אללע דינים ווי אללע פרויען, פיי ווייטער איז ערקלערט.

## מד) והפדה (כא—ח)

די מצות עשה איז, ווען דער ווירטה וויל איהר ניט פאר קיין פרויא, ניט פאר זיך ניט פאר זיין זאהן, דארף דער ווירטה איהר בעהילפיג זיין אין אויסקויף פון זיך. צב"ש אויב זיא איז פארקויפט געווארען אויף זעקס יאהר צו צעהען רובל א יאהר. אונ דער ווירטה האט אב געצאלט די גאנצע געלד. אונ זיא וויל פון איהם לויז גיין, קאן זיא זיך מיט איהם אויסרעכענען אללע צייטען אונ אב געבען איהם די געלד וויפיל עס קומט איהם ארויס. אונ זיא ווערט לויז אונ ער קען ניט זאגען דאס די שפּעטערע יאהרין האט מעהר ווירדע דען דאס איז איין פערדארבענהייט, אונ אידין רחמנים בני רחמנים דארפען אימער טאהן חסד מיט דעם צווייטען, דארום מוז ער מיט העלפין אין אויסלייזונג.

די מצוה איז, אין דער צייט ווען יובל איז נוהג.

די

---

1) יובל הייסט אלע פונפציג יאהר דער 50 טער יאהר, דער אנפאנג פון חשבון שביעית אונ יובל איז פון דער צייט וואס מען האט איינגענומען ארץ ישראל.

## מה) לא יִמְשֹׁל לְמָכְרָהּ (כא—ח)

די מצות לא תעשה איז, דאס דער וויקטה האט קיין רעכט זיין אידעשע דינסט פארקויפען אנדערטוועגען.

די אללע מצות איז נוהג ווען יובל איז נוהג

## מו) שְׁאֵרָהּ כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע (כא—י)

די מצות לא תעשה איז, דער מאן זאל ניט שפארין פון זיין פרויא די ידייא זאכען. שפייז, קליידונג. נאך זיין פערטעג נאך, אונ דעם פפליכט פון דרך ארץ. עס איז דא נאך פיל פערשידענע דינים וועלכער דער מאן איז פאר-פפליכטעט צו די פרוי.

די פרוי איז פאר פפליכטעט צום מאן מיט איהר פארדיענסט, אונ אז זיא געפינט א מציאה גיהער דאס צום מאן. אונ זיין א ווירטין אין הויז.

דער מאן ירשט די פרויא.

די פפליכטין וואס די פרוי איז מחויב צום מאן טאר זיא ניט מיידען, דען זיא איז איבער געגעבין צום מאן אין גאנצען. ווען זיא היט ניט איהרע פפליכטין צום מאן, האט דער מאן איהר רעכט צו גטין, אונ מאנכע מאהל פארלירט זיא נאך די כתובה 1).

דאס גלייכען אז ער היט ניט זיינע פפליכטין נייט מען איהם ער זאל איהר געבען גט מיט כתובה אויב זי פערלאנגט. ווי עס איז ערקלערט נעהער פיל אין שולחן ערוך אהע"ז.

ווען אויך דער פפליכט פון דרך ארץ פון מאן צו דער פרוי איז דאך א חוב פון דער תורה אונ דער בעשטאנד פון דער וועלט, דאך טוו יעדער זאך איהר ציים האבען. אונזערע חכמים אין מסכת כתובות ערקלערין ריכטיג דיא צייטען.

דער רמב"ם וועלכער ער איז געוועזען אין זיין ציים דער גרעסטער אין חכמת הרפואה אויך, זאגט ער אזוי: די זאאמען קראפט, הייסט דער רעכטער קראפט פון קערפער אונ די ליכטיגקייט פון די אויגען. וואס עס גייט מעהר פון איהם אב די זאאמען קראפט, ענדיגט זיך דער קערפער מיט זיין קראפט, אונ דער לעבין זיינער גייט פערלארין. אויף דעם האט שלמה המלך געזאגט: זאלסט זיך ניט איבער געבין צו דער פרוי אין גאנצען מיט דיין קראפט 2). דער וואס לאזט זיך אריין צו פיל אין דעם, ווערט ער אלט אהן יאהרין,

ווינע

---

1) אז זיא פיהרט ניט די הויז בכשרות, אדער זיא פיהרט זיך ניט בצניעות, זיא גייט בעבלייזט אדער מיט די הוילע האר אין גאס, אדער זיא שילט ווינע עלטערין פאר איהם אין דיא אויגען. 2) אל תתן לנשים חילך.

ווייגע קרעפטין ווערין שוואך, א קלאפ שלאגט איהם פון טויל, דיא האר פון קאפף, פון די גבעסטען קריכין איהם אוים. ער ווערט בעוואקסין מיט האר איוף זיין קערפער, די ציינער פאלען איהם ארוים, אויסער דעם קומט איוף איהם פיל ווייטיגען, מיט איין ווארט, די דאקטארע זאגט, דאס איינער פון טויזענד שטארבט גיווייגליך, די איבעריגע שטארבען אללע פון צו פיל איבער־געבין זיך צו דער זאך. דארום דארף זיך דער מענש שטארק היטין. אין דעם אין שו"ע או"ח איז פיל גירעדט וועגין דעם.

## מה) מכה אביו ואמו מות יומת (כא—טו)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט שלאגען דעם פאטער אדער די מוטער.

אז מען שלאגט דעם צווייטען אפילו ביז בלוט. ווערט מען נור מיט געלד בעשטראפט 2), אבער ווען מען שלאגט דיא עלטערין ביז בלוט. איז דער שטראף חנק.

## מה) מות יומת 1) (כא)

די מצוה עשה איז, בית דין זאלין בן זיין מיט מיתה חנק ורערוועריגין ווער עס איז פערארשהיילט געווארין ובזמן הבית.

איוף זעקס ארטין פערברעכער קומט חנק. א) פאר זנות מיט איין אשה איש, ב) פאר גנב'נען א מענשען און פארקויפען, ג) פיר ביילין עלטערין, ד) א זקן ממרא, ה) א נביא השקר, ו) דער וואס זאגט נביאות אין נאמען פון געצענדינסט.

דער צו נאנג פון מיתת חנק איז אזוי, דער פארברעכער אדער די פאר־ברעכערין ווערט אריין געשטעלט אין מיסט. ביז איבער די קניע, און מיט איין טוך ארום האלדז געדרייט. די צוויי עדות וועלכע האבען איוף דעם פארברעכער עדות געזאגט, ציהט יעדער דיא טוך צו זיך ביז די נשמה גייט ארוים.

אללע וועלכע ווערין מיט מיתת בית דין בעשטראפט. דארפען זיך מתודה זיין פאר דעם טויט.

די מצוה איז נוהג ווען מען איז דן דיני נפשות ובזמן הבית.

## מט) וכי יריבן אנשים והכה איש את רעהו (כא—יח)

די מצוה עשה איז ב"ד זאלען דן זיין די דינים, ווען איינער האט גישלאגען דעם צווייטען.

ער דארף צאהלין פינף אבצאהלונגען א) "נזק" פאר דעם לייב שאדען.

צער

---

1) סתם מיתות חנק. 2) דער וואס קריגט איוף ב"ד הגדול. 3) וואס אין בה ש"מ לוקה.

ב) „צער" פאר שמערצין ליידונג, ג) „רפוי" אומקאסטין פאר היילען, ד) „שבת" וואס ער איז געשטערט אין צייט פון קראנקהייט פון פערדינסט, ה) „בושת" פאר שאנדע. דיא אלע צאהלונגען ווערט געשאצט. אויסער דיא שאנדע פון א תלמיד חכם צו מען איז איהם מבייש ווערט מען מיט א פונט גאלד געשטראפט.

אויסער די אלע אבצאהלונגען דארף מען נאך בעטין מוחל זיין.

מען טאר ניט גורם זיין קיין שאדען צום צווייטען אין קערפער. צב"ש, אז ביים שכן איז דא א חולה דארף מען זיך היטין ניט שטויסין, ניט קלאפען.

מען טאר קיין מענשען ניט שרעקין מיט א ווארט צב"ש אונטערבריכט אין דער פינסטער געבען א געשריי. ניט מיט קיין תנועה. צב"ש ביי נאכט אום געריכט אן קלאפען אדער אריין קוקין אין פענצטער.

## נ) נקם ינקם [1] (כא–כ)

די מצות עשה איז, ב"ד זאלען דן זיין די מיתה מיט שווערד (בזמן הבית). דער עם איז פערארטהיילט. דיא מיתה איז איינפאך, מען האקט אראב דיא קאפף מיט א שווערד.

דיזע זיינען וואס קומט מיתת סיף. א) פאר טוידטין א מענשען, ווען אויך דער הרוגה זיין איינציגעם שקלאף דעם געקויפטען. ב) ווען א גאנצע שטאט זיינען געווארען געצענדינגער.

## נא) וכי יגח שור וגו' וכי יגוף וגו' (כא–כח)

די מצות עשה איז, ב"ד זאלען דן זיין (בזמן הבית), ווען פירע דאס גלייבען חיות עופות זיינען מזיק א מענשען ביז טוידט, אדער אזוי מזיק, אדער זיי טוהען א געלד שאדין, אין לעבעדיגע, אדער ניט לעבעדיגע זאכען, זאל מען די שטראף נאך פערשידענע בעצאהלונגען צאהלען. וויא עס איז ערקלערט אין חושן משפט.

## נב) סקול יסקל השור ולא יאכל את בשרו (כא–כח)

די מצות לא תעשה איז קיין הנאה צו האבען פון די בהמה [2] וועלכע האט געטוידט א מענשען. אונ מען האט איהר פארארטהיילט צו פארשטיינגען (בזמן הבית). ווען אפילו מען שלאכט איהר, דאך טאר פון די פלייש ניט געגעסין ווערין, אונ צו קיין געברויך גענוצט ווערין פון דער גאנצער בהמה.

כפי

---

1) וזו מיתת חרב שנאמר חרב נוקמת. 2) וה"ה חיה או עוף.

פון דער מצוה איז צו שליסן, ווען דיא בהמה וועלכע איהרע מעשים איז דאך אהן פערשטאנד, דאך ווייל דורך איהר איז א מענש פארלארין געגאנגען, מוז זיא פארשטיינט ווערין, אונ אין גאנצען זיין פערהאסט. דאס מען טאר פון איהר קיין הנאה האבען. ווי דארף שאהן דער מענש פארזיכטיג זיין אין זיינע מעשים וועלכע זיינען דאך מיט פערשטאנד, עס זאל ניטאלס פון איהם קיין תקלה ארויסקומען אונ קיין פארברעך.

## נג) כי יפתח איש בור (כא—כח)

די מצות עשה איז, ב״ד זאלען דן זיין בזמן הבית, די דינים פון שאדין וואס קומט ארויס. ווען מען גראבט אויס, אדער מען עפינט א גרוב אונ נור וואס עס איז געהעליך צו א גרוב [1]. צב״ש, אז שיטין א בעהעניל מיסט, אדער מען לייגט אין וועג שטיינער, האלץ, גלאז, אד״ג. אדער מען גיסט אויס אין גאס אונ דער פון איז ארויס א שאדין, מוז דער וויר,טה בעצאהלין נאך דיא פערשידענע אבצאהלונגען, נאך די דינים נאך, עס איז אין דעם דא פיל חילוקים אויף וועלכע מען איז חייב אויב זיי האבען זיך געשעדיגט ביז טויט אויף וועלכע מען איז נור חייב אויף זייער שאדין, אבער ניט אויף זייער טויט.

מען טאר ניט טארפען קיין גלאז קיין שערבלעך וואו מענשען גייען. אדער ווייטער אויסגיסען וואסער, אונ עס ווערט דער פון א גליטש.

די גמרא זאגט, איינער האט ארויס געווארפין מיסט פון זיין הויז אין גאס אריין, דערביי איז געשטאנען איינער א חסיד האט ער פון איהם געלאכט אונ זאגט צו איהם שוטה ווארום ווארפסט דו פון ניט דיין ארט אין דיין ארט אריין, דען די הויז קאנסט דו נאך פארקויפען. אונ דעם טהייל אין גאס האט יעדער זיין טהייל אויף עוויג.

עס האט זיך אזוי אויסגעלאזט, ער האט דיא הויז פארקויפט אונ אויף די מיסט האט ער זיך אליין געשעדיגט.

די גמרא זאגט ווייטער. ווער עס וויל זיין איין אמת'ער פרומער זאל ער אב היטין אללע דינים וואס פארהיט פון ארויסקומען א שאדען. צב״ש מען זעהט אין גאס אין א ארט וואו מענשען גייען ליגט איין זאך וואס מען קאן גיזוק ווערין. דארף מען דאס אב ראמען.

ווען מען זעהט א בהמה אין צווייטענס א פעלד אדער אין א גארטין דארף מען אריין גיין אראב טרייבען.

---

[1] ט׳ לנזקין, י׳ למיתה.

## נד) כִּי יִגְנֹב אִישׁ שׁוֹר אוֹ שֶׂה (כא—לז)

דיא מִצְוַת עֲשֵׂה איז, בֵּית דין זָאלֶען דן זיין [בִּזְמַן הַבַּיִת], דיא דינים פון א גַנָב וָועלכֶער גַנְבֶ'ת פִיהֶע אָדֶער נור וָואס.

פאר אַלֶע זאכֶען וָואס מֶען גַנְבֶ'ה צָאהלְט מֶען כֶּפֶל (דאפּעל).

אַז מֶען גַנְבֶ'ת אַ רינד, אָדֶער אַ שָׁאף, אונ מֶען שֶׁעכְט אָדֶער מֶען פאר־קויפְט אִיהם, צָאהלְט מֶען פינְף רינְדֶער פאר דֶעם רינד אונ פִיעֶר שָׁאף פאר דֶעם שָׁאף.

דארום צָאלְט מֶען פינְף פאר אַ רינד אונ פִיעֶר פאר אַ שָׁאף, ווייל דֶעם שָׁאף טְרָאגְט עֶר אויף זיךְ, איז דאפיר אֵיינֶע גֶעשָׁאנְקֶען.

דארום הָאט די תּוֹרָה גֶעוָוארְפֶען אויף דֶעם גַנָב מֶעהר דיא שְׁטְרָאף וִויא אויף דֶעם גַזְלָן, דֶען דֶער גַזְלָן צָאהלְט נור אֵיינְמָאל פאר דֶער זַאךְ, אונ דֶער גַנָב צָאהלְט דאפּעל אונ נָאךְ מֶעהר, ווייל דֶער גַזְלָן מאכְט גְלייךְ דֶעם כָּבוֹד פון בּוֹרֵא צום כָּבוֹד פון מֶענְשֶׁען, עֶר הָאט נִיט קיין מוֹרָא פאר גָאט, אונ שֶׁעמְט זיךְ נִיט פאר לייטֶן. דֶער גַנָב אָבֶער, פאר מֶענְשֶׁען בֶּעהאלְט עֶר זיךְ, אונ פאר גָאט נִיט? מאכְט עֶר גְלייךְ נָאמֶען אויג צום מֶענְשִׁינְס אויג, עֶר צֵיינְט אַזוֹי וִוי נָאמְס אויג וֶועהט נִיט, זיין אויעֶער הֶערְט נִיט. דארום איז זיין שְׁטְרָאף גְרֶעסֶער.

## נה) וּבִעֵר בִּשְׂדֵה אַחֵר (כב—ד)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז, בֵּית דין זָאלֶען דן זיין [בִּזְמַן הַבַּיִת], די דינים וָוען אֵיינֶעמֶס אַ פִיהֶע מאכְט שָׁאדֶען מִיט די פִים אָדֶער מִיט די צֵיין אִין אֵיין פֶעלד אָדֶער אִין אַ גָארְטֶען, אִין אַ גֶעוֵוינְלִיכֶען אַרְט שָׁאדֶען, צבּ"ש זיא עֶסְט אָב מִיט די צֵיין. אָדֶער זִי פארְדארְבְּט מִיט די פִים די גֶעוָואוּקְס, אָדֶער זיא צוּ טְרֶעט מִיט די פִים די פְלאנְצוּנג, מוּז דֶער וֶוירְטָה פון דֶער בְּהֵמָה, דֶעם גאנְצֶען שָׁאדֶען אָבְּצָאהלֶען. אונ אויב נִיט אַ גֶעוֶועהנְלִיכֶען שָׁאדֶען צָאלְט מֶען פִיר אַ חֵם ד"ה דֶעם עֶרְשְׁטֶין אונ צְוֵוייטֶין מָאהל אַ האלְבֶען שָׁאדֶין.

## נו) כִּי תֵצֵא אֵשׁ (כב—ה)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז, ב"ד זָאלֶין רִיכְטֶין די דינים פון פַייֶער שָׁאדֶין.

דֶער מֶענְשׁ וָועלכֶער הָאט שוּלְד אִין דֶעם פַייֶער מוּז דֶעם גאנְצֶען שָׁאדֶען אָב צָאהלֶין, ווייל מֶען איז שוּלְדִיג אַכְטוּנְג צוּ גֶעבֶּען אויף פַייֶער וָועלְכֶע זיא קאן דאךְ אוּם בֶּעגְרֶענְצְטֶע שָׁאדֶען טָאהן.

פו,

פון דעם ועהט מען אַרוים, ווי דער מענש דאַרף פאַרזיכטיג זיין מיט פייער, אַז די תורה פאַרזאָגט דאָס.

ווען אַ פייער גייט אַרוים פון זיך זעלבסט פון זיין הויז איז וויא ווייט נור דער פייער גייט, אַפילו ביז די הונדערטסטע הויז, הייסט דאָס, ער האָט דעם פייער געשיקט. איז דאָך געוויס אַז מען טאָר חלילה זעלבסט ניט אונטער לייגען קיין פייער די אייגענע הויז צו פערברענען. אויסער די גזלה פון פייער-קאַסע, הייסט ער דאָך אַ מזיק אויף דעם צווייטענס הויז, די ספרים און מזוזות און ס״ת. וואָס ווערט דורך דיא פריצינגע פאַרברענט. איז גלייך וויא זעלבסט מיט האַנד פאַרברענט. בעהיטע גאָט ווען עס שאַדעט נאָך מענשען, איז גלייך ווי ער וואָלט זיי מיט זיינע הענד פאַרברענען, דאַרום דאַרף זיך יעדער איר צאַמען מיט אייזערנע גראַדעס, עס זאָל איהם חלילה ניט אַרויף אויף דעם געדאַנק אַזעלכעס צו טאָהן.

## נז) כִּי יִתֵּן אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ כֶּסֶף אוֹ כֵלִים לִשְׁמוֹר (כב—ו)

די מצות עשה איז, ב״ד זאָלען דן זיין (בזמן הבית) דיא דינים, ווען עס נעמט זיך ווער אונטער צו היטען דעם צווייטענס אַ זאַך אומזאָנסט, און עס האָט זיך געטראָפען אַ שאָדען פון גנבה, אָדער איין אַנדער אַרט שאָדען.

מען דאַרף היטען דעם צווייטענס פקדון מיט איין זיכערע שמירה. דאָס ווענד זיך נאָך דער זאַך נאָך, מען דאַרף היטען עס זאָל ניט ווערין פערדאָרבען. צב״ש אַ בגד דאַרף מען היטען איהם אויסצולופטערין, נור פאַר אומבעקאַנטע מענשען זאָלל מען ניט פאַרשפּרייטען צום לופטערין, זאָגט דיא גמרא איבער צוויי טעמים. איבער גנבה אָדער איבער עין הרע [1].

די גמרא דערציילט, שמואל׳ס פאָטער איז געשטאָרבען, ביי איהם איז געווען אַוועק געלייגט געלד פון יתומים. שמואל האָט ניט געוואוסט פון די געלד, האָט די וועלט אָנגערופען שמואל׳ן דער קינד פון דעם געלד עסער פון די יתומים. נאַטירליך האָט שמואל דער פון גרויס צער געהאַט, האָט ער אָנגעפרעגט ביים פאָטער וואו איז די געלד, האָט איהם דער פאָטער גיענטפערט. די געלד געפינט זיך בעהאַלטין אין איין מיל שטיין, אויבען און אונטען איז מיינע, און אין מיטין איז די געלד פון די יתומים. איך האָב אַזוי געלייגט בכדי פיליייכט וועט גנבה ווערין פון אויבען זאָל מען גנב׳נען מיינע. אויב עס וועט פוילען פון אונטין, זאָל פוילען מיינע. ווייל פרעמדע אַז מען נעמט זיך אונטער צו היטין, דאַרף געהיט ווערין בעסער ווי אייגענע.

מען טאָר ניט ניצין קיין פקדון אַפילו ניען מען היט אומזאָנסט.

---

1) אין פ׳ השא איז ערקלערט וועגן עין הרע.

## נח) אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה (כב—ח)

די מצות עשה איז, בית דין זאלען דן זיין (בזמן הבית) די דינים, ווען עס געפאלט איין ספסוך צווישען צוויא געגענפארטייען אין געלד אדער אין א נייכע פון געלד.

מען טאר ניט טענה'ן קיין פאלשע טענות.

ווען בית דין זיינען איינעם מחייב א שבועה, און דער צווייטער ווייס בייזיך דאס דער מענש שווערט פאלש, זאל ער בעסער מיט איהם דורך קומען, ווארום דער שטראף פון פאלשע שבועה איז חל אויף ביידע.

יעדער פון אידין וואס האט א ספסוך איז מחויב צו גיין צו בית דין און פאלגין דעם בד. דער וואס גייט אין די ריכט־הייזער פון די גוים־געריכטער, הייסט ער איין רשע און איז פסול לעדות.

## נט) כִּי יִתֵּן אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ חֲמוֹר אוֹ שׁוֹר (כב—ט)

די מצות עשה איז, בית דין זאלען דן זיין (בזמן הבית) די דינים (פון שומר שכר), דאס איז ווען עס נעמט זיך ווער אונטער צו היטען איין זאך פאר געצאלט. און עס טרעפט זיך א שאדין דאס די פיהע איז טויט, אדער דיא בלים זיינען צו בראכען, אדער עס טרעפט זיך א גנבה, אדער נאר א מין שאדין.

אויף א געדונגענע זאך אדער מען האט ביי זיך א משכון דעם צווייטיגס האט מען א דין פון א שומר

אללע בעלי מלאכות האבען א דין פון א שומר שכר.

עס איז דא נאך פיל וואס האבען א דין פון א שומר שכיר. ווי עס איז ערקלערט אין חושן משפט.

## ס) וְכִי יִשְׁאַל אִישׁ מֵעִם רֵעֵהוּ (כב—יג)

די מצות עשה איז, ב״ד זאלין דן זיין (בזמן הבית) דיא דינים, ווען עס לייט ווער ביים צווייטען וואס פיר איין זאך, און עס טרעפט זיך א שאדין אין גור וואס פאר איין אופן. ער איז חייב אויף א אונס אויך.

א געליגענע זאך טאר מען ניט פארלייען צו קיין צווייטען. אויסער א טלית און תפילין, ווייל געוועהנליך איז יענעם ניחא מען זאל מיט זיין זאך טאהן א מצוה. און מען דארף צו ריק לייגין ווי געווען.

ספרים טאר מען ניט פארלייען אהן יענעמ'ס רשות,

מיר האָבען דאָ ניט געשטעלט די חילוקים פון א שומר חנם ביז א שומר שכיר און א שואל, ווייל דאָס געהער צו בית דין, וואָרום עס איז דאָ אין דעם פיל פרטי דינים וועלכע איז ערקלערט אין חושן משפט.

## סא) וכי יפתה איש בתולה (כב—טו)

די מצות עשה איז, ב"ד זאָלין דן זיין (בזמן הבית) די דינים. ווען איינער צוביידענדיג, גוטווילינג, איז בועל א בתולה. ער דאַרף מיט איהר חתונה האָבען, און דאַרף אָב צאָהלין צום פאָטער "בושת" פאַר איהר שאַנדע, און "פגם" וואָס זיא איז באַוואָרט אַראָב פון ווערדע צו חתונה האָבען מיט איין אַנדערין. אויב דער פאָטער וויל איהר ניט געבען פאַר איהם, אָדער זי וויל איהם ניט, אָדער ער וויל איהר ניט נעמען, דאַרף ער צו די אָבצאָהלונג נאָך פופציג שקל כסף געבען

## סב) מכשפה לא תחיה (כב—יז)

די מצוה לא תעשה איז, אויף בית דין, ניט צו לאָזען לעבען (בזמן הבית) קיין צויבערער מענליכע אָדער ווייבליכע געשלעכט.

דער שטראָף פאַר כשוף איז סקילה (בזמן הבית).

דאָרום שטעלט די תורה מיט דעם לשון מכשפה, א פרויענצימער. ווייל די צויבערקונסט איז אונטער פרויען געוועהנליך מעהר אלס ווי ביי מאַנסלייט, ווי שאול המלך האָט אויפגעבראַכט דורך איין צויבערין שמואל הנביא.

די גמרא זאָגט אין מסכת חולין, איינע איין צויבערין האָט געוואָלט ר׳ חנינא מיט צויבעריי בעטריגען, האָט ער איהר געענטפערט, עס שטייט אין דער תורה אין עוד מלבדו, דאָס הייסט אויסער דעם ווילען פון בורא איז קיין קראַפט ניט דאָ, דאָרום האָב איך פאַר דיר קיין מורא.

די גמרא אין ירושלמי דערציילט, עס איז מיט איין צופאַל פאַרביטען געוואָרען די אָרונות פון איין תלמיד חכם מיט איין רשע, האָט מען דעם ת"ח בעגראָבען בבזיון, און דעם רשע בכבוד. איינער א תלמיד האָט פון דעם גרויס צער געהאַט, איז ער איהם געקומען צו חלום, ער זאָל קיין פאַרדרוס ניט נעמען. דאָ בין איך אין גן עדן, און דער רשע איז אין גיהנם. די זאַך איז אזוי, דער רשע האָט אין זיין לעבען איין גוטע זאַך געטאָהן, האָט ער אָבגענומען זיין שכר אויף דער וועלט. איך האָב כביכול געוועזען א תלמיד חכם, האָב איך געהאַט מיין בעצאָהלונג מדה כנגד מדה אויף דער וועלט. דער עונש פון רשע איז אין גיהנם זעהער גרויס.

פרעגט איהם דער תלמיד, ווי לאַנג וועט ער דאָס זיין אין דעם שווערין משפט. ענטפערט איהם דער רבי, ביז ר׳ שמעון בן שטח פון די סנהדרין וועט

שמארבען און קומען איף זיין ארט, פאר וואס ער קוקט זיך ניט ארום. דאס אין דער שטאט אשקלון זיצען אכציג צויבערינען וועלכע טרייבען זייער צויבער־קונסט.

דער תלמיד האט דאס באלד איבער־געגעבען צו ר' שמעון, און ר' שמעון האט די נאך געפארשט און האט זיי אויפגעהאנגען. די משפחה פון דיא צויבערינען האט דאס געוועהנליך פארדראסין, האבען זיי גענאנט פאלשע עדות פאר די סנהדרין אויף ר' שמעון בן שטח'ס זאהן, און מען האט איהם דן געוועזן מיט מיתה, פאר זיין טויט האט ער געזאגט, אויב איך האב געזינדיגט זאל מיין טויט זיין א כפרה אויף מיינע זינד, אויב ניט זאל פאלין אויף דיא פאלשע עדות מיין אונשולדיגע בלוט. די עדות האבען געוואלט ציהען זייערע רייד צוריק, עס האט אבער ניט געהאלפין מען האט איהם דאך געטויטעט.

ווען אז ר' שמעון בן שטח איז פאר איהם איין ארט אין גיהנם מיט דעם גרעסטין רשע וואורום ער פארשט ניט נאך אויף די פעסטקייט פון דת. וויפיל דארפין מיר שאהן מורא האבין פאר דעם גיהנם, פאר וואס מיר קוקין זיך ניט ארום יעדער אין זיין פאך. די עלטערע פון שטאט אויף דיא שטאט, עלטערין אויף זייערע קינדער, און ווער נור עס קאן עפעס אויף טאהן וועגין דת אין כלל און אין פרט און קוקט צו און שווייגט.

## סג, סד) וגר לא תונה ולא תלחצנו (כב – כ)

די מצות לא תעשה איז, א) מען טאר ניט מצער זיין מיט ווארטין דעם גר. ב) ניט צו בעטריגין דעם גר אין האנדיל.

ווען אויך מען טאר קיינעם ניט בעטריגין. אבער אויף איין גר האט די תורה נאך א מאהל בעזאנדער אנגעזאגט, ווען דער מענש איז נאך עלענד, אלזא ווען מען איז מצער אדער מען נארט דעם גר איז די עבירה דאפיל, יעדער מענש אין דער פרעמד גיט צו הויז, דארף מען איהם נאך מעהר מקרב זיין, טייל ער הייסט א גר.

## סה) כל אלמנה ויתום לא תענון (כב–כא)

די מצות לא תעשה איז. מען טאר ניט צורייקן א אלמנה אדער א יתום. אלעם איינם ארעמע צו רייכע.

די בעליידיגונג פון אלמנות און יתומים, איז דער שטראף זעהער גרויס. ויא עס איז מפורש אין דער תורה (כי אם צעק יצעק אלי שמע אשמע צעקתו וגו׳) דאס הייסט ווען זיי וועלין שרייען צו מיר וועל איך צו הערין, און וועל אב־צאהלין מדה כנגד מדה, דאס אייערע פרויען וועלין בלייבען אלמנות און דיא

קינדער

קינדער יתומים. נור סדריך זיין זיי צו תורה אדער צו מלאכה, סאג מען זייא זיא בעלעקטיגען.

אין דעם כלל איז, ניט צו דריקן א מענשען וואס איז גלייך צוא זייא אין עלענד 1).

דארום האט די תורה שטרייננ פערבאטען אויף דעם דריקן אלמנות און יתומים, און דער שטראף איז פאר דעם זעהער גרוים, ווייל זייער געשרייא איז דאפעל. איין מאהל וויא נור א מענש שרייט, ווען מען דריקט איהם. צווייטינס, דורך דעם דערמאנען זיי זיך ווי גרוים זייער אונגליק איז, זייער ביטערע לאגע, נאטירליך ווי די ערשטע שעה ווען דער אונגליק האט זייא געטראפען. די אלמנה קלאגט, זיא דערמאנט זיך אן איהר פאריגען לעבען, ווען זיא איז געוועזען מיט איהר מאן דעם בעשיטצער צו זאמען. זיא זאגט, מיין מאן וואלט געלעבט, וועער וואלט זיך ערלויבט מיר צוא ענטקעגען, דען ער איז דאך געוועזען מיין פארשטעהער. דער יתום קלאגט אויף זיין ברוך. ווען מיין פאטער וואלט לעבען ווער וואלט זיך ערלויבען אויף מיר אזעה צו זאגען. איז דאך אויסער די עולה וואס מען וויל זיי טאהן, דערמאנט מען זיי נאך די שלעכטע לאגע זייערע, און דאס איז דער גרעסטער פערברעך, צוא דערוועקן א מענשען זיינע פערגאנגענע אונגליקען אדער זיין שאנדע.

אלזא ווייל זייער געשרייא איז דאפול, איז דער שטראף אויך דאפול, מדה כנגד מדה. לעבענס פארשפילט, און די ווייבער בלייבען אלמנות, דיא קינדער יתומים. און ווען א אשה איז די פערברעכערין געגען א אלמנה אדער א יתום, איז איהר שטראף דאס זיא שטארבט און איהר מאן נעמט אנדער פרויא, און איהרע קינדער ווערין פון דער פרויא געפייניגט.

דארום נור ביי דעם שטייט דייטליך אין דער תורה דאס גאט זאגט איך וועל הערין דעם געשרייא, ווייל די לעצטע מינוט פאר זיין טויט האט ער געטראכט און געזעגען. רבש"ע, מיין פרויא, מיינע קינדער בלייבען עלענד, איך האב זיי גאר ניט ביי וועמען צו לאזען, איך גיב דיר גאט איבער אין דיין האנד מאך ווי דוא פערשטעהסט. דארום איז קיין אונטערשיער אין דין פון איין ארעמע אלמנה אדער א רייכע, ווייל אין עלענד זיינען זייא פיל גלייך, וואורום וואס טויג איהר דיא גוטעס ווען עס איז אויסגעווייקט אין טרערין.

א יתום הייסט ביז ער ווערט א זעלבסט־פערשטענדיגער מענש.

עס איז ניט דא אין דין קיין אונטערשיער פון א יתום צו א יתומה.

די

1) רש"י בחומש ,

## סו) אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי (כב—כד)

דיא מצות עשה איז, צו לייען דעם געדריקטען, איהם צו פערגרינגערן זיין שווערין לאסט.

די מצוה איז אין כלל פון צדקה געריכענט, און נאך שטארקער פאר צדקה 1). מען מוז אויף דער מצוה נאך מעהר אויפמערקזאם זיין וויא אויף צדקה. דען דער ארעמאן וועלכער עס איז שאהן בעוואוסט זיין ארעמקייט, ער האט שאהן ענגדעקט זיין בושה צו בעטין הילף. איז זיין איינגעשאפט און אינצטערקייט ניט גלייך צו דעם מענשען וועלכער פיהלט מעהר זיין בושה, און נויבט נאר פון הילף, ער זאל ניט אריין אין דעם ברויט. ווען א זויא מענש זאל האבען הילף. שטיצע מען זאל איהם לייען, וואלט ער געווים פערדינען זיין לעבענס־מיטיל, און וואלט נאך קאנען אויסצאלען זיין חוב.

די גמרא זאגט, דער וואס לייט צום ארעמאן ווען איהם איז זעלבסט איינג 2), אויף דעם זאגט דער פסוק אָז תִּקְרָא וַה׳ יַעֲנֶה תְּשַׁוַּע וְיֹאמַר הִנֵּנִי דאס הייסט ווען דו וועסט דיך צו גאט רופען וועט ער דיר העלפין. אין געגענטהייל, דער וואס האט איבער־פליסיגע פערמאגען, און וויל ניט שטיצין דעם געדריקטען, וויא גרויס איז זיין פערברעך. דיא חכמים פערגלייכען איהם צו איין געצענדינער, דען ער גלויבט ניט דאס זיין פערמאג האט איהם גאט געגעבען, ער מיינט אז ער האט דאס פערדינט מיט זיין פערשטאנד און קראפט.

ווען איינער שטיצט דעם צווייטען, איז ניט נור מען רעכענט איהם דאס וואס ער גיט איהם בעת מעשה, נור מען רעכענט איהם אויך אלע נוטצין וואס די הילף האט איהם געבראכט, גלייך ווי דער וואס האט איהם געהאלפין האט דאס אלעס געטאהן, קומט אויס אז מיט א שטיצע ראטירט מען יענעם און מען קויפט זיך א מליץ יושר אויף עוויג צייט ער לעבט, און אפילו נאך זיין לעבען, דען מען רעכענט עוויג דאס דער מענש האלט אויף א געוויזער אין פרנסה און קליידער, קינדער אין חדר געגעבען, קינדער חתונה געמאכט. ווי דער מדרש בריינגט, ר׳ פינחס הכהן זאגט, איך וואלט וועלין מיינען ווען איינער גיט זיין שטיצע בעצאהלט מען איהם פאר זיין שטיצע און מעהר ניט. אלא גאט זאגט, דער מאן האט זיך זיין נשמה געצאפילט ער האט געהאלטען ביים אויסגיין פון הונגער און דוא האסט איהם געגעבען פרנסה, און האסט איהם לעבעדיג געמאכט. איך שווער דיר צו. דאס איך וועל דיר אבצאהלין נפש תחת נפש, עס וועט זיך מאכען חלילה, עטוואס איין אומגליק בייא דיר אין הויז, עס וועט ווער פון דיין גזינד קראנק זיין געפערליך זייא וועלין גאר

1) שבת סג. 2) בשעת רוחקו של בעה״ב.

האלטין

האַלטין כּיים שטאַרבּען, וועל איך דערמאָנען אַלע מצות וואָס דו האָסט מיט דעם אָרעמען געטאָהן און וועל דיר מציל זיין פון אַלעם בּייזען.

## סז) לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנֹשֶׁה (כב—כד)

די מצות לא תעשה איז, ווען דער שולדיגער איז ניט אימשטאַנד צו צאָהלין זיין שולד, זאָל איהם דער מלוה ניט מאָנען זיין חוב. ער דאַרף איהם גאָר מיידען פערבּייא צו גיין בּכדי ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערין.

דער שולדיגער טאָר ניט אָבּשטופען די צייט פון היינט אויף מאָרגען, אויב ער האָט דאָס געלד בּייא זיך, ווייא דער דרך פון דיא שלעכטע צאָהלער איז.

אויך טאָר דער שולדיגער ניט פאַרשטעקען קיין געלד, דעם רופט דוד המלך ע"ה לוה רשע ולא ישלם דאָס הייסט, דער רשע בּאָרגט און פאַרשטעקט דיא געלד און וועט ניט האָבּען מיט וואָס צו בּעצאָהלין זיין שולד.

מען טאָר ניט האַנדלען מיט פרעמדע געלד קיין ריזיקאַלישע געשעפטין.

מען טאָר ניט האַלטען בּייא זיך קיין אָבּגעצאָהלטע וועקסלען אָדער פאַפּיערען.

## סח) לֹא תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ (כב—כד)

די מצות לא תעשה איז, דאָס אין דעם געשעפט פון ציגזין וועלכע ניט געמאַכט נאָך דעם דין נאָך (וע"פ דינא דמלכותא). דאָס הייסט אָהן אַ היתר עיסקא, זאָל מען קיין איינטרעט ניט האָבּען. ניט זיין קיין סרסור, קיין ערב, קיין עדות, קיין פאַפּיר שרייבּער.

ציגזין איז אַזוי אַ מין מזיק, די תורה רופט דאָס בּייסונג, ווען דער לוה פילט גאָר ניט. ווייא מיט דער צייט קלייבּט זיך זיין נוטץ אַריין בּייא דעם מלוה.

אַזוי ווי דער גאַנצער אָנפירער פון ציגזין געשעפט זיינען דיא סרסורים, דאַרף דער סרסור זעהען ניט צו מאַכען קיין הלואה אָהן אַ היתר עיסקא, ווען ניט ציהט ער אויף זיך אַרויף דעם איסור ווי דער מלוה מיט דעם לוה.

און בּאמת איז דאָס מעהר ניט ווי אַ נאָכלאָסיגע זאַך, ווייל בּעוונותינו הרבּים זיינען די מצות ווי הפקר, דען דער לוה איז דאָך געוועהנליך געדריקט צו לייען, אויב מען וועט איהם ניט לייען אָהן איין היתר עיסקא, וועט ער דאָך געווים געבּען אַ היתר עיסקא. דער מלוה ווידער איז געצוואונגען צו פאַרלייען, אויב מען וועט בּיי איהם אַנדערש ניט לייען מיידין מיט אַ היתר עיסקא

וועט

וָועט עֶר נֶעוִוים מוזְען מאכֶען אַ הֶיתֵּר עִיסְקָא. אַלְזָא וָוענְד זִיךְ דָאס נור אִין סִרְסוּר.

וַויא אַזוי דיא הֶיתֵּר עִסְקָא וָוערְט גֶעמאכְט אִיז בַּייא אוּנְז עֶרְקְלֶערְט אִין פָּרָשַׁת בְּהַר.

## סט), ע) אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל (כב—כז) גם בפסוק זה אזהרת שלא לגדף השם.

די מִצְוָות לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט צוּ פְלוּכֶען קֵיין דַיָּין, (ד״ה אַ רַב אָדער אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה) אוּיב מֶען שֶׁילְט אַ רַב אָדער אַ דַיָּין וֶוערְט מֶען מִיט דָאפּעלְטֶע מַלְקוֹת בֶּעשְׁטְרָאפְט. אֵיינְמָאל ווייל מֶען טָאר קֵיינֶעם נִיט שֶׁילְטֶען, צְווייטֶענְס ווייל עֶר אִיז דָאךְ אַ דַיָּין.

אִין דֶעם פָּסוּק אִיז אוֹיךְ אַ לֹא תַעֲשֶׂה, נִיט צוּ זַיין קֵיין מְגַדֵּף הַשֵּׁם. ד״ה נִיט צוּ לֶעסְטֶערְן גָאטְס נָאמֶען, דֶער שְׁטְרָאף פַאר דֶעם אִיז סְקִילָה (בִּזְמַן הַבַּיִת).

## עא) וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא תָאֹר (כב—כז)

די מִצְוָות לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, דָאס דֶעם מֶלֶךְ אָדער דֶעם רֹאשׁ פוּן סַנְהֶדְרִין נִיט צוּ פְלוּכֶען.

וָוען אוֹיךְ מֶען טָאר קֵיין מֶענְשֶׁען נִיט פְלוּכֶען, אֲפִילוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיךְ נִיט, ווי עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין פ׳ קְדוֹשִׁים, אָבֶּער וָוען מֶען פְלוּכְט דִיזֶע אִיז מֶען עוֹבֵר דְרַיי לָאוִין, אוּנ מֶען וֶוערְט דְרַיי מָאהל מַלְקוֹת גֶעשְׁלָאגֶען (בִּזְמַן הַבַּיִת). פַאר שֶׁילְטֶען אַ אִידִין. אוּנ אַ דַיָּין. אוּנ אַ מַלְכוּת.

דַארוּם הָאט די תּוֹרָה פֶערְזָאגְט בֶּעזָאנְדֶער נִיט צוּ שֶׁילְטֶען קֵיין בֵּית דִין קֵיין נָשִׂיא קֵיין מֶלֶךְ. ווייל נאטירליך גִיבְּט עֶס נַארִישֶׁע מֶענְשֶׁען וֶועלְכֶע טְרָאגֶען אוֹיף זַיי אַ הַאַרְץ, עֶס דוּכְט זִיךְ זַיי אוֹיס דָאס זַיי טוּהֶען זַיי שְׁלֶעכְטֶעס ווי דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם אִיז, אַז מֶען פֶערְשְׁפִּילְט אַ דִין הוֹרָה וֶוערְט מֶען דֶעם רַב דֶעם דַיָּין אַ שׂוֹנֵא, אָדער דֶער נָשִׂיא וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף צוּ הַאלְטֶען דֶעם דָת, אָדער דֶער מַלְכוּת וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף צוּ הַאלְטֶען דֶעם כְּלָל, פֶערְשְׁטֶעהט מֶען נִיט אַז דָאס אַלְס וָואס זַיי טוּהֶען אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם. דֶען זַייא טוּהֶען פוּן זִיךְ קֵיין זַאךְ נִיט. זַייא טְרֶעטֶען דָאךְ נִיט אָב פוּן דִין דָאס פִינְדֶעסְטֶע, אִיז דֶער רֶעכְט מֶען זָאל אִין זַייעֶר כָּבוֹד נִזְהָר זַיין, נִיט שֶׁילְטֶען זַיי, אֲפִילוּ אוּנְטֶער די אוֹיגֶען, ווייל דֶער מֶענְשׁ אִין וָואס פַאר אֵיין סוֹדָה עֶר גִיפִינְט זִיךְ אֵיין בְּלֵייבְּט דָאס בַּיי אִיהם נאטירליך, קָאן עֶס קוּמֶען דוּרְךְ דֶעם צוּ אָפֶענֶע מַחֲלוֹקוֹת, אוֹיף דֶעם רַב פוּן שְׁטָאט, אוֹיף דֶעם נָשִׂיא, אָדער צוּ זַיין מוֹרְדִים בְּמַלְכוּת ח״ו.

די גמרא דערציילט אין מסכת בבא בתרא. הורדוס איז געווען א עבד ביי די בית חשמונאים, און איז געווארן מלכות ביי אידן, ער האט אויסגעטויטעט פון די בית חשמונאים. אויך די חכמים. איינעם פון די חכמים בבא בן בוטא האט ער איבער געלאזען ער זאל האבען נאכעטן שואל עצה צו זיין, ער האט איהם אויך די אויגען אויסגעשטאכען. איין מאהל איז הורדוס געקומען צו איהם. און האט זיך פארגעשטעלט פאר זייגעם א גוטען פריינד, און זאגט צו איהם, זעה וואס דער שלעכטער קנעכט האט דיר געטאהן. ענטפערט בבא וואס זאל איך איהם טאהן. זאגט ער, שילט איהם. ענטפערט בבא, מען טאר א מלך נישט שילטען. זאגט ער. הורדוס איז דאך נישט קיין אמת'ר מלך. ענטפערט בבא זאל זיין ער איז א נשיא אדער א גביר טאר מען אויך נישט שילטען. זאגט הורדוס דאס איז אלעם געערעדט אויף דעם וואס גייט אין די ריכטיגע וועג אבער נישט אזוי א מין רשע ווי דער הורדוס איז. ענטפערט בבא, איך האב מורא פאר איהם. זאגט הורדוס עס איז דאך נישטא ווער עס זאל אויסזאגען, עס איז דאך נישטא מעהר נור איך און דו. ענטפערט בבא. שלמה המלך זאגט די פאגיל אונטער דעם הימעל טראגט די שטימע און דאס ווארט. ווי הורדוס זעהט דאס ער קאן פון איהם קיין ווארט נישט ארויס ציהען, האט ער זיך אויסגעגעבען און זאגט, אז איך וואלט געוואוסט די חכמים זייגען אזוי געהיט וואלט איך זיי נישט געטויטעט. פרעגט הורדוס, וואס זאל יעצט זיין מיט מיר. ענטפערט איהם בבא בן בוטא, מיט דער זאך וואס א מענש פערברענט מיט דער זאך באדארף ער פאריכטען. די חכמים רופען זיך „עיני העדה", דער בית המקדש רופט זיך „מחמד עיניכם". דו האסט ארויסגענומען די אויגען, דו האסט די חכמים געטויטעט. יעצט איז דיין תקנה צו בויען דעם בית המקדש וואס הייסט די אויג פון דער וועלט. האט ער אזוי געטאהן און האט איבערגעבויט דעם בית המקדש.

די גמרא זאגט דער וואס האט נישט געזעהען דעם בית המקדש פון הורדוס דער האט אין זיין לעבען קיין פיינעם בנין נישט געזעהען. עס האט אויסגעזעהען די וועגד ווי די שטראלען פון ים.

## עב) מלאתך ודמעך לא תאחר (כב—כח)

די מצות לא תעשה איז, דאס אללע אב־גאבע, בכורים, תרומה און מעשר אין ארדענונג צו געבען. נישט געבען די שפעטערע פריער.

בעפאר פאר אללעם מוז אבגעשיידעט ווערין בכורים, נאכהער זאל צום ערשט געגעבען ווערען תרומה איין טהייל פון פופציג צום כהן. נאכהער מעשר ראשון, דאס ערשטע צעהנטיל פון די געבליבענע צום לוי

אבגעבין, נאכהער מעשר שני, דעם צווייטען מאהל א צעהנטיל פון דיא געבליבענע. דאס עסען די איינגענטהימער זעלבסט אין ירושלים.

אנשטאט מעשר שני ווערט געגעבען דעם דריטען יאהר אונ דעם זעקסטען יאהר פון שמטה מעשר עני.

אויך קאן מען אויסלייזען די מעשר שני מיט געלד, ווי עס איז מפורש אין פסוק.

די מצוה איז נוהג נור אין ארץ ישראל. יעצטיגע צייט ווייל מיר רעכענען זיך אללע פאר טמאים, דען מיר האבען דאך גיט קיין אפר פרה 1), אונ א טמא טאר דאך ניט עסען קיין תרומה. אויך האבען מיר ניט קיין בית המקדש צו פיהרען מעשר שני אין ירושלים, אונ אין די מצוה פון אב שיידען איז מען דאך מחויב, ווארום אויב ניט איז די תבואה טבל, אונ אז מען עסט טבל איז מען דאך מחויב מיתה בידי שמים ר״ל. דארום איז היינט אין ארץ ישראל דער צו־גאנג אזוי. בכורים איז היינט גאר ניט נוהג, נור מיט תרומה איז אזוי. מען נעמט אראב א ביסיל תבואה פון די וואס ליגט אין איין ארט, אונ מען זאגט דאס איז תרומה אויף די גאנצע תבואה וואס ליגט אויף איין ארט. פאר דעם אראב נעמען מאכט מען א ברכה בא״י אמ״ה אקב״ו להפריש תרומה. אונ מען פערברענט דאס.

תרומה פון בוימאייל מאג דער כהן ניטצין צום בעליכטען. נאכהער מעסט מער אוים וויפיל ער האט אונ שיידעט אב אצעהנטע טהייל אונ רופט דאס מעשר ראשון. פאר דעם אבשיידען מאכט מען א ברכה בא״י אמ״ה אקב״ו להפריש מעשר. דעם צעהנטיל מעשר גיט מען אוועק צו איין לוי אדער צו א כהן. מעהר מצוה איז צו געבען צו די לוים אדער די כהנים וואס בעשעפטיגען זיך אין תורת ה׳.

דער לוי ווידער דארף פון די מעשר וואס ער נעמט, אבשיידען א צעהנטיל אונ זאגען דאס איז תרומת מעשר אונ דאס געהער צום כהן, אונ דער כהן פארברענט דאס. בוימאיל פון תרומת מעשר מאג דער כהן דער מיט בעלייכטען די הויז.

נאכדעם אז מען האט שוין אבגעשיידעט תרומה אונ מעשר ראשון דארף מען אבשיידען פון די געבליבענע תבואה א צעהנטיל אונ זאגען דאס זאל זיין מעשר שני. ביי׳ם אבשיידען מאכט ער דיא ברכה, בא״י אמ״ה אקב״ו להפריש מעשר.

נאכדעם נעמט מען א זילבערנע מטבע ניט קיין גלאטע, אונ מען בייט אוים די מעשר אויף דער מטבע, אונ מען מאכט א ברכה בא״י אמ״ה אקב״ו על פדיון מעשר, אונ זאגען דער גאנצער מעשר זאל זיין אויסגעביטען אויף דער

מטבע

1) מיט דיא אש פונ פרה אדומה האט מען גערייניגט דיא וואס זיינען טמא געווארען פון א מת.

שטבע, די מטבע צוברייכט מען אונ מען ווארפט אריין אין טייך, אזוי טוהט מען אין ערשטען יאהר אונ אין פירטען אונ פינפטען יאהר פון שמיטה, אבער אין דריטען אונ זעקסטען יאהר פון שמיטה, איז אין דעם ארט פון מעשר שני שיידעט מען אב מעשר עני, דאס הייסט מען נעמט אראב איין צעהנטיל אונ מען גיבט צו ארעמע. אויך קאן מען דאס אויסלייזען פון דיא ארעמע וויפיל די ווירדע איז פון די תבואה.

## ע"ג) ובשר בשדה טרפה לא תאכלו[1] (כב—ל)

די מצות לא תעשה איז, דאס אלע מינים וועלכע בדריבען שחיטה. איז דא וועלכע ווערין טרייף פון א איינענעם פעהלער. אנדערע ווערין טרייף ווייל זיי זיינען געשעדיגט געוואררין דורך א מזיק, טאר מען זיי ניט עסען.

וועלכער הייסט א מזיק אונ דורך וואס פאר איין פעהלער עס ווערט טרייף איז אויף דעם נאהר פיל ערקלערט אין יורה דעה.

די גמרא ירושלמי ברייננט, איינער א קצב האט מאכיל טרפות געווען. ערב יום כפור איז ער אראב געפאלין אונ טויט געבליבען, האבען די כלבים געגעסען זיין פלייש, איז מען געקומען בייא ר' חנינא פרעגין אויב מען זאלל גיין יום כפור אבטרייבען די כלבים. האט גיענטפערט ר' חנינא לאזט זייא עסען. זיי עסען זייערע, ווען די תורה האט זיי אב געגעבען נבלות אונ טרפות אונ דער מענש האט פון זיי געגזלת אונ מאכיל געווען אידין, זאלין זיי יעצט עסען זייערע.

די תורה האט אבגעגעבען א אידין נאמנות, די נאמנות רופט זיך חזקה, דאס הייסט דער איד שטעהט אין זיין בעשטאנד אז ער איז ערהליך. דארום וואס מען נעמט פון איין אידינס האנד איז כשר, ווייל ניט כשר ווערט א איד ניט געבען. דאס איז אלעס גירעדט אז איך האב ניט אויף דעם אידין וואס חושד צו זיין פון דער שלעכטער זייט. אבער ביי יעצטיגע צייט, אז עס געפינט זיך ביי אידין, מענשען וואס לאזען אב דעם דת, פיהרין זיך אויף מיט פרייהייט אונ פערדארבענהייט דער מאן אדער די פרוי. דארף מען גאר נאך קלערין וועגען זייער נאמנות ווען אזעלכע מענשען בעשעפטיגען זיך מיט קצבות.

די

[1] בכלל זה עובר שהוציא ידו מרחם הבהמה, ובשר שיצא חוץ למחיצתו כגון קדשי קדשים שיצא חוץ לעזרה וקדשים קלים חוץ לחומת ירושלים, ובשר פסח שיצא חוץ לחבורה,

## עד) לא תשא שמע שוא (כג—א)

די מצוה לא תעשה איז. דער דין זאל ניט הערין די טענות פון איין בעל דין אהן דעם צווייטען.

אויך איז דער זעלבער לאו אויף דעם בעל דין ער זאל ניט דערציילען זיינע טענות פאר בית דין אהן צווייטען געגענפארט.

## עה) אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס (כג—א)

די מצות לא תעשה איז. בית דין זאלין ניט אננעמען קיין בעל עבירה פאר א עדות.

די זיינען פסול לעדות, א גנב, א גזלן. די װעלכע בעשעפטיגען זיך מיט קארטען שפילין, די װעלכע פיהרען זיך אהן דרך ארץ, צב"ש ער עסט אין גאס אונ נאך אין דעם ארט. אונ נאך פיעל װעלכע זיינען פסול, נאך דיא ערקלערונג פון חושן משפט.

## עו) לא תהיה אחרי רבים לרעות (כג—ב)

די מצות לא תעשה איז. דאס אין דיני נפשות װעלכע עס װערט געפסקנט דורך דריי אונ צוואנציג סנהדרין (בזמן הבית). װען אין דיא בית דין געפינט זיך מיט איין שטימע מעהר צו בעשולדיגען דעם פערברעכער, צב"ש װען עלף דיינים בעפרייען דעם שולדיגער, אונ צװעלף בעשולדיגען איהם, טויג ניט, נור עס מוז װייניגסטענס מיט צוויי שטימען מעהר זיין. דאן קאן מען איהם בעשולדיגען. אבער צום בעפרייען איז גענוג מיט איין שטימע מעהר.

## עז) לא תענה על ריב לנטות (כג—ב)

די מצות לא תעשה איז, דאס ביי דיני נפשות (בזמן הבית) דער דין, װעלכער האט איינגעשטימט צו בעפרייען דעם פערברעכער זאל ער איהם מעהר ניט ערקלערין פארשולדיג.

## עח) אחרי רבים להטות (כג—ב)

די מצות עשה איז, װען בית דין צווישין זיך זיינען ניט פעראייניגט װי צו משפטן דעם דין, זאל מען די מעהרערע מהייל פאלגען, דאס איז אלעס געװענדט ביי א זיטצונג פון חכמים מוז מען פאלגען די מעהרערע, אבער אין

דער

דער כְּלָל וועלט, האבען די סעהרערע ניט קיין קראפט געגען די ווייניגערע אין געגענטהייל מיר זעהען דאך אז דיא קלינערע זיינען ווייניגער אויף דער וועלט.

## עט) וְדָל לֹא תֶהְדַּר בְּרִיבוֹ (כג—ג)

די מִצְוַת לא תַעֲשֶׂה איז, דער דַיָן זאל ניט פַסְקְנֶן (ובוזה הכתוב) דורך מיטלייד אויף דעם אָרֶעמען געגען דעם דין.

## פ) עָזוֹב תַּעֲזוֹב עִמּוֹ (כג—ה)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז, ווען מען זעהט א בְּהֵמָה אונטער דעם לאסט פון דער משא, צב"ש עס קערט זיך איבער א וואגין, אדער ארויף בארג, ווען די בְּהֵמָה געהער אַפִילוּ צו זיין שׂוֹנֵא מוז מען אויך העלפען אבפאקין דיא משא. אויך מוז מען העלפען ארויף לייגען צוריק די משא, ווי עס איז ערקלערט אין מִצְוָה תק"ם.

אַפִילוּ ביז הונדערט מאהל איז מען אלעם מְחוּיָב צו העלפין.

ווען דער ווירט איז דער ביי ניט דא, מוז מען אליין טאן וויא מעגליך איז. ווען אָבער דער ווירט איז דא אונ וויל אין דעם גאר ניט טאן, איז קיין צווייטער ניט מְחוּיָב צו טאהן, דען דער חִיוּב איז נור מיט צו העלפין.

דער העלפין אבפאקין דארף זיין אומזאנסט. פאר ארויף לאדין משא מאג מען בעטין געצאהלט.

מען דארף מיט איהם מיט גיין ביז פינף פערטיל שָׁעָה גאנג, פיליכט טרעפט זיך ווידער דער אומשטאנד.

אויב דער ווירטה בעפרייט פון דעם איז מען פָּטוּר.

דער פפליכט פון צו גיין העלפין. ביז א עך ביינציג קלאפטער

א זָקֵן אדער א נִכְבָּד איז מְחוּיָב צו העלפין אויב ער טוהט אזעלכע ארבייט ביי זיך אליין.

מען טאר ניט לייגען קיין צו פיל משא וועלכע די בְּהֵמָה קאן דאס ניט דער טראגען.

מען טאר ניט מצער זיין קיין לעבעדיגע זאך.

מען טאר ניט זעטצין קיין עוף אויף אייער וועלכע ניט פון איהר מין.

מען טאר ניט מאטערין קיין בַּעֲלֵי חַיִים.

מען דארף אכטונג געבין קינדער זאלען ניט מאטערין אַפִילוּ די קלענסטע בְּרִיָה, דען זיי וועלען זיך איינגעוואהנען מיט דעם, וועלען זיא בעקומען א שטיינערנע הארץ אונ ניט וויסין פון רַחֲמָנוּת.

װען אויף איין בְּהֵמָה האט די תּוֹרָה חס גֶעהאט איבער צער בַּעֲלֵי חַיִּים, איז דאך געװיס אז מען מוז העלפין דעם מענשען װעלכעס װען ער ליגט אונטער־געװארפען אונטער זיין משׂא, אונ העלפען אין נור װאס ער טוהט אונ קאנן ניט בעהויבען צו טאהן.

## פא) לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט אֶבְיֹנְךָ בְּרִיבוֹ [פי' אביון במצוה] (כג—ו)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, װען עס קומט צום דַּיָּן (בִּזְמַן הַבַּיִת) א בַּעַל עֲבֵירָה מיט דעם פרומסטין מענשען, זאל ער ניט דיינקען דעם בַּעַל עֲבֵירָה פאר אומגערעכט. דען אין דין זיינען אללע גלייך.

## פב) וְנָקִי וְצַדִּיק אַל תַּהֲרֹג (כג—ז)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, ניט דן צו זיין קיין דִּינֵי נְפָשׁוֹת (בִּזְמַן הַבַּיִת) נאך דעם פערשטאנד נאך, נור פסקנען נאך די איבערצייגונג פון די עֵדוּת.

די גְּמָרָא בריינגט א געשיכטע, ר' שִׁמְעוֹן בֶּן שֶׁטַח איז געגאנגען װען ער דאס איינער מיט א שװערד אין האנד יאגט דעם צװייטען, האט איהם ר' שמעון נאך געיאגט אונ געפונען דעם רוֹצֵחַ אין א חוּרְבָה, אונ דער צװייטער איז געשאכטין, אונ בייא דעם רוֹצֵחַ איז דיא שװערד מיט בלוט. דא זאגט ר' שמעון איך פערשװער באנץ געװי דאס דוא ביסט דער מערדער פון דעם מארד, אבער װאס קאן איך מאכען, דען די תּוֹרָה זאגט דאך, מען מוז מיט די אויגען די זאך זעהען, נור נאט װייס דעם אֱמֶת, ער דארף קיין עֵדוּת, ער װעט פון דיר די בלוט אויפמאנען, איך װעל פון דעם ארט ניט אב טרעטין ביז איך װעל דיין שטראף זעהען, איז געקומען א שלאנג אונ דעם רוֹצֵחַ איין געביסין ביז טויט.

## פג) וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח (כג—ח)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, דער דַּיָּן זאל ניט נעמען קיין בעשטעכונג.

## פד) וְהַשְּׁבִיעִת תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ (כג—ט)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז, דאס דער זיבעטער יאהר װעלכער הייסט שְׁמִיטָּה זאל דיא געװאוקס װאס אויף דיא פעלדער אונ בוימער אונ װיינגערטנער הֶפְקֵר זיין.

די מִצְוָה איז נוֹהֵג נור אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

די צייט איז דער בעשטאנד פון דער װעלט. שַׁבָּת אונ שְׁמִיטָּה מאכט בעקאנט

בעקאנט אין דער צייט, דאס דער בורא האט באשאפן דיא וועלט און נור ער איז דער בעל הבית איבעראלל. אלזא ווען די גאנצע זעקס יאהר ארבייט ער אין דיא ערד, און האט פרוכט, און צום זיבעטין יאהר מוז דיא גאנצע תבואה און פרוכט הפקר זיין. וועט ער דורך דעם פערשטעהען דאס די גאנצע זעקס יאהר וואס דיא ערד האט ארויס געגעבען איז דאס נור דיא געטליכע ברכה און ניט דורך זיין פערשטאנד בעגליקט איהם, נור גאט איז א האר אויף אללעס. דען ווען ער וויל הייסט ער גאר עס זאל הפקר זיין, און דורך דער מצוה קויפט ער זיך נאך די מדה פון בטחון, דאס גאט וועט איהם ניט פאר־לאזין ווי עס שטייט אין דער תורה. דאס אין זעקסטען יאהר וועט גאט צו־שיקען די ברכה דאס עס וועט גענוג זיין אויף דריי יאהר.

## פה) וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּות (כג—יב)

די מצות עשה איז, צו רוהען דעם שבת פון טאהן א מלאכה. ווי עס איז ערקלערט אין פ׳ יתרו.

## פו) וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ (כג—יג)

די מצות לא מעשה איז, מען טאר ניט שווערין אין דעם נאמען פון געצענבילד און ניט צו באשווערין אפילו א געצענדינער אין נאמען פון געצענ־בילד.

בכלל טאר מען ניט דערמאנען דעם נאמען פון ע״ז.

מען טאר ניט זאגען איינער צום צווייטען ערווארט מיר נעבען יענעם געצענבילד.

## פז) לֹא יִשָּׁמַע עַל פִּיךָ (כג—יג)

די מצות לא תעשה איז, עס זאל קיין מענש ניט פארפירין איין געמיינדע, ווען אפילו דער אנפירער זעלבסט

רינט ניט, קומט אויך דעם אנפירער סקילה ובזמן הבית. ווי עס איז ערקלערט אין פ׳ ראה.

אין דעם כלל זיינען די מענשען וועלכע פיהרין אראב אידין פון דער אמונה מיט בייד אדער דורך זייערע פערגיפטיגטע ווערק. אין שו״ע או״ח ווערין זיי גירעכינט פאר מסיתים און מדיחים.

## פח) שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה (כג—יד)

דיא מצות עשה איז, דאס דיא דרייא פייער טאג, פסח, שבועות, סוכות, אין דער צייט ווען מיר האבין א בית המקדש זאל יעדער איד ווען ער קומט

צום

צום ערשטען טאג יום טוב, אין בית המקדש מקריב זיין א קרבן שלמים. דער קרבן רופט זיך שלמי חגיגה.

## פט) לא תזבח על חמץ דם זבחי (כג—יח)

די מצות לא תעשה איז, נים צו שלאכטען דעם קרבן פסח בעת אז עס איז נאך דא חמץ ביי די וואס זיינען פון דער קומפאניע וואס האבען צוזאמען גענומען דעם קרבן פסח, אדער דיא וואס גייען ארום דיא ארבייט פון קרבן פסח. [ר"ה שוחט זורק מקטיר].

## צ) ולא ילין חלב חגי עד בוקר (כג—יח)

די מצות לא תעשה איז. דאס וואס עס פאדערט מקריב צו זיין פון קרבן פסח אויף דעם מזבח, זאל מען נים לאזען ליגען ביז מארגען. אז דעם נעלבען טאג מקריב זיין.

## צא) ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה' אלהיך (כג—יט)

די מצות עשה איז, דאס מען זאלל דיא ערשטע פון די זיבען מינים פרוכטען וועלכע ארץ ישראל איז מיט דעם גיבענשט, אונ דאס זיינען ווייא, וויין, גערשטען, פייגען, ווייניטרויבען, מילגרויסען, איילבערטין, טייטלען, ברייגען נאך ירושלים נאך דעם דין נאך.

דער אב שייר פון בכורים איז אזוי, ווי דער ווירט גייט אריין אין פעלד אדער אין גארטען אונ דער זעהט די ערשטע פרוכטען וואס ווערט צייטיג בינט ער איהר ארום מיט א רימיל פיר איין סימן אז דאס איז בכורים.

די בכורים ווערין געבראכט אין איין כלי.

פון קיין סחורה ווערט נים געבראכט קיין בכורים אויסער וויין אונ בוימאייל.

דער צו גאנג פון בכורים וועלכע מיר האפען צו ברייגגען איז אזוי. עס פלעגען זיך צו זאמען קלייבען א גאנצער מעמד [געמיינדע] מענשען פון זייערע ערטער אין דער שטאט וואו דארט האט געוואהנט דער ראש המעמד. די פלעגין נאכטיגען אויף דער גאס. ווי עס איז אויפגעגאנגען דער מארגינ־שטערין פלעגט דער ממונה [בעאמטער] אויסרופין. שטייט אויף, לאמיר גיין אין ציון אין אונזער געטליכע הויז.

מיט זיך האבען זייא געפירט איין אקס פיר א קרבן שלמים, זיינע הערנער געדעקט מיט גאלד אונ אויף דעם קאפ אויסגעפלאכטען א קרוין פון

איילבערט

איילבערט האלין. דער אקס גייט פאראוים, אונ מוזיק כיט פלייטין שפילין ביז ירושלים. גייענדיג זאגען זיי שמחתי באומרים לי בית ה' נלך.

קומענדיג נאהענט צו ירושלים האבען זיי געשיקט מודיע זיין אין שטאט דאס זיי קומען אן.

די עלטערע פון די כהנים אונ לוים אויך די גבאים פון די אוצרות פון בית המקדש גייען זיי אנטקעגין. ווי זיי קומען צום הר הבית פון בית המקדש איז אפילו דער מלכות זעלבסט נעמט די קערביל בכורים אויף דעם אקסיל אונ טראגט ביז דער עזרה פון בית המקדש. ווי מען איז אנגעקומען אין דער עזרה האבען די לוים געשפילט אונ געזונגען ארוממך ה' כי דליתני.

הינטער די קערב זיינען געהאנגען טויבין אויף מקריב צו זיין עולות, אונ די כבורים האבען זיי אב־גענעבען צו די כהנים 1).

וויא דער צו־גאנג פון דער צייט פון האלטען אויף דעם אקסיל ביז ענדע איז ערקלערט אין פ' כי תבוא.

## צב) לא תבשל וגו' (כג—יט)

די מצות לא תעשה איז, נים צו קאכען קיין פליישיגע מיט מילכיגע בעזאמען, ווען אפילו נים צום עסען, דען דער קאכין איז אויך א איסור גלייך ווי עסען.

ווען אויך עס גיט נור א שפריץ פון איינע אויף דיא אנדערע, אדער עס טרעפט א פערמישונג אין די כלים, דארף מען פרעגין א שאלה אויף דעם עסען אונ אויף די כלים.

עס איז דא אסך חילוקים אין דעם, א מאל ווערט טרייף אז עס איז גאר אסור בהנאה אונ מען טאר דאס גאר אפילו א הונד נים געבין, מען דארף דאס אביין גיסין אין טייך אדער אין איין אונבייגעם ארט, אפט מאהל ווערען טרייף די כלים אויך.

מיר געפינען נים פארנייטיג צו ערקלערין די פערבבייטערונג וועגין דעם, ווייל מיר אידין זיינען ב"ה נזהר צו פרעגין א שאלה אויף דאס טינדעסטע.

די פרטי דינים פון דער מצוה איז ערקלערט אין יורה דעה זעהער פיל. וועגען עסען בשר בחלב איז ערקלערט אין פ' כי תשא.

## צג) לא תכרות להם ולאלהיהם ברית (כג—לב)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר נים קיין שליסין קיין שלום מיט דיא זיבען פעלקער, כנעני, חתי, אמורי. פריזי, חוי, יבוסי, גרגשי, וואס זיינען

גיזעסין

1) ע"ש בתפארת ישר.ל.

געזעסען אין ארץ ישראל 1) אין דער צייט ווען אידען איז פריי געוועזען מלחמה צו האלטען זיינען זיי מצווה געוועזען די זיבען פעלקער אדער אויס ראטען זיי פון דער וועלט אדער זיי זאלען פערלאזען די געגענדינגסט.

## צד) לא ישבו בארצך פן יחטיאו אותך לי (כג—לג)

די מצות לא תעשה איז, דאס די געגענדיגער טאר מען ניט לאזען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל, ווייל זיי קאנען אונז פערדערבען.

מען טאר זיי ניט פארקויפען אין ארץ ישראל קיין הייזער און ניט פאר־קויפען אדער פארדינגען קיין פעלדער.

# תרומה

## צה) ועשו לי מקדש (כה—ח)

די מצות עשה איז, צו בויען א בית המקדש און צו־בערייטען דיא כלים וועלכע געהער צום בית המקדש.

דער הויפט פון בית המקדש איז, דער היכל, וואס איננווייניג איז דער קדשי קדשים, און דער הויף וואס ארום דעם היכל מיט דעם נאמען עזרה.

אין בית המקדש איז געמאכט געווארען כלים. א מזבח מקריב צו זיין קרבנות. א האנד־פאס וואו די כהנים זאלין די הענד און פיס וואשען. א מנורה. א שולחן, וועלכע אויף איהם ליגט דער לחם הפנים. א גאלדענער מזבח צו רייכערן קטורת און נאך פיעל אנדערע כלים.

דער היכל און די עזרה זיינען פון הויכע טייערע שטיינער געבוים. וואס מען קאן מאכען העכער און שענער איז מעהר מצוה. אפילו אין גאנצען מיט גאלד בעפוצין אויב מען איז פערמעגליך.

אלע מוזען בעהילפיג זיין אין געבייא פון ביהמ"ק, אין ארבייט און מיט געלד, יעדער נאך זיין כח. פרויענצימער אויך. אויסער וקינדער פון לערנען טאר מען ניט מבטל זיין צום געברויך פון בית המקדש.

מיר ווייסען בקבלה דאס דער מזבח איז אימטער אין געלעגין ארט, אויף דעם

---

1) עיין בחינוך שם בהגה.

דעם אָרְט האָט גֶעבּוֹיט דָוִד אוּנ שְׁלֹמֹה אַ מִזְבֵּחַ. אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז גֶעוֶועזֶען עֲקֵידַת יִצְחָק, נֹחַ, קַיִן וְהֶבֶל אוּנ אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאבֶּען מַקְרִיב גִּיוֶועזֶען קָרְבָּנוֹת אוֹיף דֶעם אָרְט.

פוּן דֶעם אָרְט אִיז אָדָם הָרִאשׁוֹן בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען [1], אוּנ אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען אָרְט וֶועט זַיין דֶער קִינְפְטִיגֶער מִזְבֵּחַ וֶועלְכֶע מִיר הָאפֶּען עֶס זָאלל גֶעבּוֹיט וֶוערִין בבי״א.

דָא וֶועלִין מִיר אַרוֹיס שְׁרַייבֶּען דִי הוֹיפְּט גֶעבֵּייְדֶע פוּן צְוֵייטִין בִּיהמ״ק.

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז נִיט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַ גְלַייכֶען פְּלַאץ, זָאנְדֶערִין דֶער גַאנְצֶער בִּיהמ״ק אִיז בַּארְג אַרוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען דָאס פוּן עֶרְשְׁטֶען טוֹיהֶער אִין הַר הַבַּיִת [2] בִּיז דֶעם הֵיכָל אִיז גֶעוֶועזֶען צְוַויי אוּנ צְוַואנְצִיג אֵיילֶען דִי הוֹיךְ. דֶער בַּארְג וָואר אַרוּם גֶעצָאמְט מִיט הוֹיכֶע מוֹיֶערִין, דֶער פְּלַאץ פוּן אִינֶעוֵוייֶנִיג וָואר פִינְף הוּנְדֶערְט אֵיילֶען לַאנְג אוֹיף פִינְף הוּנְדֶערְט אֵיילִין דִי בְּרֵייט.

דֶער הַר הַבַּיִת הָאט פִינְף טוֹיהֶערִין גֶעהַאט. צְוַויי טוֹיהֶערִין אִין דָרוֹם זַייט מִיט דֶעם נָאמֶען חוּלְדָה [3], דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער אַלְגֶעמֵיינֶער אַיינְגַאנְג אוּנ אוֹיסְגַאנְג. אַיין טוֹיהֶער אִין מַעֲרִיב זַייט מִיט דֶעם נָאמֶען קוֹפּוֹנֹס [4], דֶער אוֹיסְגַאנְג צוּם רָאזִין גָארְטִין. אַיין טוֹיהֶער אִין צָפוֹן מִיט דֶעם נָאמֶען טָדִי [5]. אַיין טוֹיהֶער אִין מִזְרָח זַייט מִיט דֶעם נָאמֶען שׁוּשָׁן, ווייל אִיבֶּער דֶעם טוֹיהֶער אִיז גֶעוֶועזֶען דִי שְׁטָאט שׁוּשַׁן הַבִּירָה אוֹיסְגֶעמָאלְט, צוּם צֵייכֶען דָאס אִידִין צוּ יֶענֶער צַייט הָאבֶּען גֶעהֶערְט אוּנְטֶער דִי רֶעגִירוּנְג פוּן מֶלֶךְ פָּרַס. דוּרְךְ דֶעם טוֹיהֶער אִיז דֶער כֹּהֵן מִיט זַיינֶע גִיהֶעלְפֶען גֶעגַאנְגֶען דִי פָּרָה אֲדוּמָּה פַארְבְּרֶענֶען צוּ דֶעם הַר הַמִּשְׁחָה (אֵיילְבֶּערְג).

דֶער גֶעבֵּיין שַׁעַר הַשּׁוּשָׁן פוּן אִינֶעוֵוייֶנִיג וַואר אַיין צִימֶער פוּן דְרַייא אוּנ צְוַואנְצִיג פֶערְזָאהְן סַנְהֶדְרִין, וֶועלְכֶע הַייסִין סַנְהֶדְרֵי קְטַנָּה, פַאר זַיי אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף דֶער עֶרְד דְרַייא שׁוּרוֹת צוּ 23 פַלְמִידִים.

דִי הוֹיךְ פוּן דִי וֶוענְד פוּן הַר הַבַּיִת דֶער אַרוּמְצָאם פוּן בִּיהמ״ק אִיז אוּנְבֶּעוואוּסְט, נוּר אִין דֶער בֶּעשְׁרַייבּוּנְג וֶועלְכֶע אֲרִיסְטוֹ צוּ זַיין בְּרוּדֶער פִילִיקַארְט שְׁרַייבְּט:

עֶר וַואר אַ שָׁלִיחַ פוּן מֶלֶךְ פִילִידֶעלְפִי צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, בֶּעשְׁרַייבְּט עֶר דִי שֵׁיינְהַייט פוּן בִּיהמ״ק, אוּנ וִויא אַזוֹי עֶר אִיז אַרוּמְגֶעצָאמְט מִיט דְרַייא הוֹיכֶע וֶוענְד, יֶעדֶער וָואנְד אִיז הֶעכֶער וִוי זִיבְּצִיג אֵיילִין דִי הוֹיךְ.

דֶער פִירְטֶער צָאם פוּן מִזְרָח עֶרְקְלֶערִין דִי חֲכָמִים אַז עֶר הָאט נוּר גֶעהַאלְטִין צְוַואנְצִיג אֵיילִין דִי הוֹיךְ.

דֶער אַריינְגַאנְג פוּן הַר הַבַּיִת אִיז גֶעוֶועזֶען תָּמִיד רֶעכְטְס, אוּנ מֶען הָאט

1) פרקי דר״א. 2) דארום הייסט זיך דער גאנצער שטח הר הבית, ד״ה, דער בארג וואס אויף דעם שטייט דער בית המקדש. 3) אויף דעם ארט האט חולדה הנביאה נביאות געזאגט. 4) אויף לשון יון א לוסט גארטין. 5) כהן משטר שנטמא יוצא דרך שם.

זִיךְ אַרוּמְגֶערִינְגֶלְט אַרוּם דֶער עֲזָרָה אוּנ מֶען אִיז אַרוֹיס לִינְקְס, אוֹיסֶער אַיין אָבֵל אוּנ אַיין מְנֻדֶּה אִיז אַרַיין לִינְקְס אוּנ אַרוֹיס רֶעכְטְס, בִּכְדֵי אַז מֶען וֶועט אִיהם עֶנְטְקֶעגֶנְגֶען זָאל מֶען אִיהם פְרֶעגִין וָוארוּם גֵייסְט דוּא אַנְדֶערְשׁ וִוי אַללֶע. אוֹיבּ עֶר אִיז אַ אָבֵל עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהם, דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט רוּהֶען זַיין נָאמֶען אִין דֶער הוֹיז זָאל דִיךְ טְרַייסְטִין. אוֹיבּ עֶר אִיז אַיין מְנֻדֶּה זָאגְט מֶען אִיהם, דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט רוּהֶען זַיין נָאמֶען אִין דֶער הוֹיז, זָאל דִיר אַרַיין גֶעבֶּען אַ דֵעָה אִין הַארְצִין זָאלְסְט פָאלְגֶען דַיינֶע חֲבֵרִים, בִּכְדֵי זֵיי זָאלֶען וֶועלִין דִיר מְקָרֵב זַיין.

פוּן אִינְוַויינִיג פוּן מוֹיֶער פוּן דֶעם הַר הַבַּיִת וַואר אַיין צָאם גֶעפְלָאכְטֶען אִין שְׁטַאקֶעטִין אַרוּם אוּנ אַרוּם מוֹיֶער פוּן דֶער עֲזָרָה, הוֹיךְ צֶעהֶען טְפָחִים. דֶער צָאם וַואר אָבְּגֶערוּקְט פוּן וָואנְד פוּן דֶער עֲזָרָה צֶעהֶען אַיילֶען. דִיא צֶעהְן אַיילִין רוּפְט זִיךְ חֵיל.

אִין דֶעם צָאם אִיז גֶעוֶועזֶען דְרַייצֶען אָפֶענֶע עֶרְטֶער צוּם אַנְדַיינְקוּנְג גֶעגֶען דִי דְרַייצֶען פְּרָצוֹת וָואס דִי יְוָנִים הָאבֶּען אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען וֶוען זֵיי הָאבֶּען מְטַמֵּא גֶעוֶועזֶען דֶעם בֵּיהמ"ק. דַארוּם פְּלֶעגְט מֶען זִיךְ גֶעגֶען דִי דְרַייצֶען אָפֶענֶע עֶרְטֶער דְרַייצֶען מָאהל בּוֹקִין, צוּ דַאנְקֶען פַאר דֶעם נֵס.

דֶער פְּלַאץ פוּן דֶער עֲזָרָה אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען הֶעכֶער פַאר דֶעם הַר הַבַּיִת זֶעקְס אַיילִין, דַארוּם אִיז גֶעוֶוען אַרוּם אוּנ אַרוּם דִיא עֲזָרָה אִין דֶעם שֶׁטַח פוּן חֵיל צְוֶועלְף טְרֶעפּ (שְׁטִיגִין), יֶעדֶער טְרֶעפּ אַ הַאלבּ אַייל דִי הוֹיךְ, דָארְט הָאט גֶעהַאט דֶער עוֹלָם אַיין אָרְט צוּם זִיצֶען.

אִין דֶער מִזְרָח זַייט פוּן דֶער עֲזָרָה אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין אָרְט וָואס הָאט זִיךְ גֶערוּפִין „עֶזְרַת נָשִׁים". עֶר הָאט גֶעהַאלְטִין הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ דְרַייסִיג אַיילִין דִי לַיינְג פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב, דָאס זֶעלְבֶּע דִי בְּרַייט פוּן צָפוֹן בִּיז דָרוֹם. אִין עֶזְרַת נָשִׁים אִיז גֶעוֶוען אַרוּם אוּנ אַרוּם דִיא וֶוענְד אַ גַאלֶערַיי פַאר פְרוֹיֶען, אַרָאבּ צוּ קוּקִין דֶעם פַארַאד פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה בִּכְדֵי עֶס זָאלֶען זִיךְ נִיט מִישִׁין מַאנְסְלַייט אוּנ פְרוֹיֶענְצִימֶער בְּעוָאמֶען.

אִין עֶזְרַת נָשִׁים אִיז גֶעוֶוען אִין דִיא פִיער ווינְקְלֶען גֶעצַאמְטֶע עֶרְטֶער אָהן דֶעכֶער, יֶעדֶער אָרְט הָאט גֶעהַאלְטֶען צוּ פֶערְצִיג אַיילֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען א) „לִשְׁכַּת הַנְּזִירִים". דָארְט פְלֶעגִין דִי נְזִירִים קָאכִין זֵייעֶרֶע שְׁלָמִים, אוּנ אָבְּגָאלִין דִי הָאר. דִי הָאר פְלֶעגְט מֶען וַוארְפִין אוּנְטֶער דֶעם קֶעסִיל. ג) „לִשְׁכַּת הָעֵצִים", דָארְט פְלֶעגִין דִיא כֹּהֲנִים בַּעֲלֵי מוּמִים אוֹיסְקְלַייבֶּען דִיא וָוערֶעמְדִיגֶע הָאלְץ. ד) „לִשְׁכַּת מְצוֹרָעִים". דָארְט פְלֶעגְט זִיךְ דֶער מְצוֹרָע טוּבְלִ'ן פַאר זַיין קָרְבָּן מַקְרִיב זַיין. ה) „לִשְׁכַּת בֵּית שְׁמָנִים" דֶער לָאגֶער פוּן בּוֹימְאַייל אוּנ וויין.

בַּיי דֶער רֶעכְטֶער זַייט דֶעם מוֹיֶער פוּן עֶזְרַת נָשִׁים וַואר אַיין צִימֶער וואו דִי דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג סַנְהֶדְרִין זַיינֶען גֶעזֶעסִין, גְרֶעסֶערֶע פַאר דִי וֶועלְכֶע אִין צִימֶער דֶער זֶעבִּין שַׁעַר הַשּׁוּשָׁן זַיינֶען גֶעזֶעסִין.

די עזרה איז געוועז אויף דעם בארג וואס ווייטער העכער, איז אויסגעקומען די עזרה העכער פאר דעם עזרת נשים מיט זיבען א האלב איל איז דארט גיוועזן פופצעהן טרעפ פון עזרת נשים ביז דעם טויער פון דער עזרה. געגין דיא פופצען שיר המעלות'ן וואס אין תהלים, דארט האבען דיא לוים געשפילט שמחת בית השואבה.

אין די הויך זיבען א האלב איל איז געוועזן אויסגעגראבען צימערין אונטער דער עזרה פאר דיא לוים צו האלטין דיא כלי שיר אונ צו לערנען זיך חכמת מוזיק (1).

אין דער וואנד פון דער עזרה ביי צפון זייט נאהענט צו מזרח, איז גיוועזן איין הויז מיט דעם נאמען „בית המוקד" דארט האט מען געהייצט פאר דיא כהנים צו וואַרעמען זיך, ווייל זיי זיינען געגאנגען בארפוס אויף דער רצפה (די דילין) איין העלפט איז זיא געשטאנען אויף דעם פלאץ פון הר הבית דאס האט קיין קדושה געהאט דאס הייסט חול. די צווייטע העלפט אויף דעם פלאץ פון דער עזרה וואס הייסט קודש.

די הויז האט געהאט א טיר צו דער עזרה אונ א טיר צום הר הבית. אין די ווענד פון דער הויז איז געוועזן געמויערט לאווען ביז סופים אונטען בבייטער אויבין שמעלער. דארט אין דער זייט פון חול זענען דיא עלטערע כהנים געשלאפען. אונ די יונגע כהנים זענען דארט געשלאפען אויף דער רצפה. ווייל אין דעם פלאץ פון קודש טאר מען נים שלאפען. אין דעם ארט פון חול איז אין רצפה געוועזן אויסגעגראבען פיער קאנטיג ווי א קאסטין צו נידעקט מיט איין מארמארנעם דעק, דארט איז געהאנגען די שליסלען פון די טויהעריג פון דער עזרה. פון אויבען איז א כהן געשלאפען.

אין די פיער ווינקלען פון בית המוקד איז געוועזן פיער צימערין, אין איינעם איז געשטאנען אנגעגרייט די שאף פון קרבן תמיד, וואס מען האט געברויכט אלע טאג. אין צווייטין צימער האט מען געמאכט דעם לחם הפנים. אין דריטין צימער איז געוועזן א קאנטאר, דארט האט מען פערקויפט אנווייזונגען אויף מעהל בוימאייל אונ ווין צו מנחות אונ נסכים.

פון פירטין צימער איז געוועזן איין אראב־גאנג אין דיא היילין וואס אונטער דעם הר הבית צום בית הטבילה. אונ אנדערע נויטווענדיגקייט צום מענשליכען געברויך. אין ביידע זייטין גאנג האבען פלאקין פייער געברענט.

אין דער עזרה איז געוועזן זעקס צימערין, דריי אין צפון זייט. א) „לשכת המלח" דער לאגער פון זאלץ. ב) „לשכת הפרוה", דארט פלעגט מען אויסזאלצען דיא פעל פון דיא קדשים. ג) „לשכת המדיחין", דארט פלעגט מען שווייגקען די איגגעווייד פון דיא קדשים. דרייא אין דרום. א) „לשכת פרהדרין".

---

1) תפארת ישראל.

דארט האט דער כהן גדול געהאט די דירה זיבען טאג פאר יום כפור. ג) „לשכת הטולח". דארט איז געוועזן דער ברונען וואס די בני הגולה האבען געמאכט צום געברויך פון ביהמ"ק. ג) „לשכת הגזית", דארט זיינען געזעסען דיא בית דין הגדול. דאס איז דיא איין און זיבעציג סנהדרין. זיי האבען אויך אונטערזוכט וועלכער כהן איז פסול וועלכער איז כשר. דער וואס איז געוועזן פסול פלעגט זיך אן טאן אין שווארצען און אוועק מיט טרויער. וועלכער עס איז געבליבען כשר האט זיך אנגעקליידעט די בגדי כהונה און געטאהן דיא עבודה און געמאכט א יום טוב.

די עזרה האט געהאט דרייצעהן טויערין, פיר אין דרום זייט, א) „שער העליון". ב) „שער הדלק" דורך דעם טויער האט מען געפיהרט דיא האלץ פון דער מערכה. ג) „שער הבכורות". דורך דעם טויער פלעגט מען אריין פיהרין די בכורות און די קרבנות וועלכע וועהרין געשאכטין אין דרום זייט. ד) „שער המים" איבער דעם טויער איז געווען צוויי צימערין. אין איינעם איז געוועזן א מקוה פאר דעם כהן גדול אויף יום כפור, געצויגען מיט א וואסער־צאנג קינסטליך וועלכע עס איז ניט קאנטיג געוועזן פון וואנען דאס גייט.

איין צימער בית אבטינס, דארט האט מען צו רעכט געמאכט די קטורת.

פיער אין צפון זייט. א) „שער יכניה" דורך דעם טויער איז ארויס יכניה מען ער האט געגומען אבשייד פון בית המקדש קעת נבוכדנאצר האט איהם פערטריבען. איבער דעם טויער איז געוועזן איין גאלעריי אויבען זיינען געשטאנען כהנים מיט ביקסין א וואך, אונטען זיינען געשטאנען לוים. ב) „שער הקרבן", דורך דעם טויער פלעגט מען אריין פירין דיא קרבנות וואס וועהרין געשאכטין אין צפון. ג) „שער הנשים" דורך דעם טויער פלעגין אריין נשים סומך זיין אויף זייער קרבן. ד) „שער השיר", דארט פלעגט מען דורך טראגין די כלי שיר פאר די לוים. דער טויער איז אויפגעקומען געגען דעם דוכן. דאס איז דער ארט וואו די לוים האבען געשפילט דעם שיר של יום.

דריי אין מזרח, דער שער הניקנור מיט צוויי זייטיגע טויערין. איבער איין גם איז ער אויף דעם נאמען פון איין מאן ניקנור פערבליבען.

דער נעבין שער הניקנור איז געוועזן צוויי ציטערין, איינער „לשכת פנחס המלביש", אין דער לשכה איז געוועזן זעקס און נייגציג אלמערם אין די וואנד. יעדער מיטער פון די פיער און צוואנציג משמורים האט געהאט פיער שראנקען אויף די פיער קליידער וואס יעדער כהן דארף, „מכנסים" „כתונת" „אבנט" „מגבעות". אויף יעדער שראנק איז געוועזן אויפגעשריבען וואס דארט געפינט זיך. די צווייטע „לשכת עושה חביתין", דארט האט מען צו רעכט געמאכט די מנחה פון כהן גדול וואס מען האט טעגליך מקריב געוועזן. האלב אין דער פריה, האלב פארנאכט.

צוויי טויערין אין מערב זייט, די טויערין פון דער עזרה זיינען געוועזן

זוואנציג

צְוַואנְצִיג אֵיילִין דִי הוֹיךְ, צֶעהֶען אֵיילִין דִי בְּרֵייט. דִי טִירִין פוּן דֶער עֲזָרָה זַיינֶען גֶעוֶועזֶען גֶעדֶעקְט מִיט גָאלְד, אוֹיסֶער דֶער שַׁעַר הַנִיקָנוֹר עֶר וַואר בְּלוֹיז קוּפֶּער. דֶער אִיז נִיט גֶעגָלְדֶערְט גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסֶען נֵס וֶועלְכֶער דֶער בַּיי אִיז גֶעשֶׁעהֶען.

וֶוען מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט מֶען אַיין גֶעוִויסֶען מַאן מִיט דֶעם נָאמֶען נִיקָנוֹר נָאךְ אַלֶכְּסַנְדְרִיָא גֶעשִׁיקְט פוּן דָארְט דִיא טִירֶען אָב צוּ הָאלֶען. צוּרִיק פָארֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען וִוינְטִין צוּ שְׁטוּרְמֶען. דֶער שִׁיפְסְקַאפִּיטַאן פֶערְזָאגְט, אוּם דִי שִׁיף גְרִינְגֶער צוּ מַאכֶען מוּז מֶען פוּן דִיא לָאדוּנְג אִין יַם אַרַיין וַוארְפֶען. זָא הָאט מֶען אַיין פְלִיגִיל פוּן דִיא טִירֶען אִין יַם אַרַיין גֶעוָוארְפֶען. דִי שְׁטוּרֶעמְווִינְטִין זַיינֶען אָבֶּער אַלְלֶעם נִיט גֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען הָאט מֶען גֶעוָואלְט דִיא צְוַוייטֶע פְלִיגִיל אוֹיךְ אַרַיין וַוארְפֶען. נִיקָנוֹר אָבֶּער הָאט אַרוּם גֶענוּמֶען דִי פְלִיגִיל אוּנ גֶעזָאגְט צוּם שִׁיפְסְקַאפִּיטַאן וַוארְף מִיר אוֹיךְ מִיט. דַארוֹיף הָאט זִיךְ נָאט עֶרְבַּארֶעמְט, אוּנ דִיא שְׁטוּרֶעמְווִינְדִין זַיינֶען גֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען. אִיז אוֹיסֶער וָואס מֶען הָאט דִי צְוַוייטֶע פַארְשְׁפַּארְט אִין יַם צוּ וַוארְפִין, אִיז נָאךְ גֶעשֶׁעהֶען אַ נֵס קוּמֶענְדִיג צוּא דֶער שְׁטָאט עַכּוֹ, דָאס דִיא קוּפֶּערְנֶע פְלִיגִיל וֶועלְכֶע מֶען הָאט אִין יַם גֶעוָוארְפֶען. אִיז זֶעלְבְּסְט צוּ גֶעשְׁווָאוּמֶען צוּם בְּרֶעג. דַארוּם וֶוען אַלֶע טִירֶען זַיינֶען אִיבֶּער גֶעאַרְבַּייט גֶעוָוארֶען אִיז דֶער טוֹיעֶר בַּיי זַיין עֶרְשְׁטֶען בֶּעשְׁטַאנְד גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף זַיין נָאמֶען שַׁעַר הַנִיקָנוֹר.

דִי עֲזָרָה הָאט גֶעהַאלְטֶען 187 אֵיילִין דִי לַיינְג פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרִיב אוּנ 135 אֵיילִין דִי בְּרֵייט פוּן צָפוֹן בִּיז דָרוֹם. אִין אָנְפַאנְגְס אַרַיין גַאנְג אִין דֶער עֲזָרָה וָואס אִיז פוּן שַׁעַר הַנִיקָנוֹר אוּנ ווייטֶער עֶלְף אֵיילִין דִי לַיינְג פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרִיב, אוֹיף דִי גַאנְצֶע 135 דִיא בְּרֵייט הָאט זִיךְ גֶערוּפִין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל. דָארְט הָאבֶּען גֶעטָארְט אַרַיין גֵיין יִשְׂרְאֵלִים. אָהְן אַיין שׁוּם גֶעבְּרוֹיךְ, אִין דִי וֶועלְכֶע מָאס עֶלְף אוֹיף 135 הָאט זִיךְ גֶערוּפֶען עֶזְרַת כֹּהֲנִים, דָארְט הָאבֶּען גֶעטָארְט אַרַיין גֵיין כֹּהֲנִים אָהְן אַ שׁוּם גֶעבְּרוֹיךְ.

דֶער עֶזְרַת כֹּהֲנִים אִיז גֶעוֶועזֶען הֶעכֶער פַאר דֶעם עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל מִיט צְווייא אוּנ אַ הַאלְבּ אֵייל אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ בְּרִיקִיל פוּן דְרַיי טְרֶעפּ. דָאס הָאט זִיךְ גֶערוּפֶען דוּכָן דָארְט זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי לְוִיִם בְּעֵת זַיי הָאבֶּען גֶעזָאנְט דֶעם שִׁיר בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת.

נָאךְ דֶעם עֶזְרַת כֹּהֲנִים אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער עֲזָרָה, דֶער מִזְבֵּחַ, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען גֶעגָאסִין אַיין שְׁטִיק פוּן בְּלַייא מִיט פֶּעךְ, טַאפְּנֶע מִיט גְלַאטֶע שְׁטַיינְדְלִיךְ, עֶר הָאט פֶערְנוּמֶען צְוַויי אוּנ דְרַייסִיג אֵיילִין דִי לַיינְג אוֹיף צְוַויי אוּנ דְרַייסִיג אֵיילִין דִי בְּרֵייט. צֶעהְן אֵיילִין דִי הוֹיךְ. דֶער מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶועזֶען גֶעמַאכְט אִין פָארְמַאט פוּן דְרַיי עֶטַאזֶ. אוּנְטֶען בְּרֵייטֶער אוֹיבֶען שְׁמֶעלֶער. דֶער צְווייטֶער עֶטַאזֶ הָאט גֶעהַאלְטֶען פִינְף אֵיילִין, דִיא הוֹיךְ דְרַייסִיג אוֹיף דְרַייסִיג. נִמְצָא אִיז דָאךְ

געזוען

געווען דער ערשטער בכייטער פאר דעם צווייטען מיט איין איל. דער איל האט זיך גערופען יסוד (פונדאמענט). עס איז אויסגעקומען דאס מזרחית דרומית האט ניט געהאט קיין יסוד.

דער דריטער עטאז איז געווען דריי איילען די הויך אכט אונ צוואנציג אויף אכט אונ צוואנציג. נמצא איז געווען דער צווייטער בכייטער פאר דעם דריטען מיט איין איל אין אללע פיער זייטען. דער איל האט זיך גערופען סובב, דאס הייסט אויף דעם איל האט מען געקאנט ארום גיין ארום אונ ארום מזבח. אויף דעם דריטען עטאז איז געשטאנען אין אלע פיער ווינקלען פון די זעלבע מאטריאל א איל אויף א איל אונ די הויך איין איל דאס רופט זיך „קרן" ווינקעל.

אין דער העלפט פון די הויך פון מזבח איז געווען א רויטער שנור ארום אונ ארום אזוי ווי א גארטיל, דין ווי א פאדעם, דאס הייסט חוט הסיקרא. בכדי די בלוט וועלכע מען דארף שפריצן אויבען זאל מען שפריצן אין דיא אויבערשטע העלפט, אונ וועלכע אונטען, אין די אונטערשטע העלפט.

אין דרום זייט פון מזרח איז געשטאנען דער בייא איין בריק 1), ער האט פערנומען די ברייט זעכצין איילין פון מזרח צו מערב. דיא לייגג צוויי אונ דרייסיג איילין פון צפון ביז דרום. געגאסין איין שטיק פון די זעלבע מאטריאל ווי א בארג, פון דער ערד ביז אויבען אויף דעם מזבח ארויף צו גיין דאס רופט זיך כבש, פון ביידע זייטען כבש איז ארויסגעקומען צוויי קליינע בריקלעך איין בריקיל צו מערב זייט א ארויף גאנג צום סובב. איין בריקיל אין מזרח א צוגאנג צום יסוד.

ביי דעם כבש אין מערב זייט איז געשטאנען צוויי טישין, איינער פון זילבער אונ איינער פון מארמארשטיין. אויף דעם זילבערנעם פלעגט מען אויס־שטעלין די דריי אונ ניינציג גאלדענע אונ זילבערנע כלים, וואס מען האט געברויכט אלע טאג צו דער עבודה. אויף דעם מארמארנעם האט מען דיא איינגעווייד געלייגט.

דער מזבח מיט דעם כבש האט פארנומען פיער אונ זעכציג איילין אין דער ברייט, דיא איבעריגע פלאץ איז געבליבען א ארט אויף צו שלאכטין דיא קרבנות.

עס איז געווען פיער אונ צוואנציג רינגען צום צו האלטין דעם קרבן בעת שלאכטען, אונ אכט זיילען אויף צו היינגען צום אבשינדין. צווישין דיא זיילען איז געשטאנען מארמארנע טישין צום געברויך פון שינדין.

נאך דעם מזבח איז געווען דער „אולם" א פארהויז פאר דעם היכל. צווישין מזבח מיט דעם אולם האט פערנומען צוויי אונ צוואנציג איילין די לייגג

---

1) ולא נגע בכבש.

אויף די גאנצע הונדערט פינף און דרייסיג איילן די ברייט. דארט איז געשטאנען דער כיור פאר די כהנים די הענד און פיס צו וואשן פאר דער עבודה.

דער פלאץ פון אולם איז געווען העכער מיט צוועלף איילן. איז אויסגעקומען דער ארויפגאנג צום אולם צוועלף טרעפ. אויף די טרעפ זיינען געשטאנען די כהנים צו ברכת כהנים.

נאך דעם האט פארנומען אין דער לענג פון דער עזרה דער אולם מיט דעם היכל הונדערט איילן די לענג אויף הונדערט די ברייט.

ביי דעם אריינגאנג אין אולם איז געשטאנען צוויי טישן. איינער אין רעכטן זייט. איינער אין לינקן זייט. איינער א גאלדענער איינער א מארמאר־נער. אויף דעם מארמארנעם האט מען געלייגט דעם לחם הפנים אלע פרייטאג נאך דעם באקן, און איז געלעגן ביז שבת די צייט וואס מען דארף לייגן אויף דעם שולחן וואס אין היכל.

אויף דעם גאלדענעם טיש האט מען געלייגט דעם אלטען לחם הפנים ביז מען האט מקטיר געווען די בזיכין ולעפילו מיט טייהרויך.

דארט אין אולם נעבן טיר פון היכל איז געשטאנען איין גאלדענער ווייגשטאק מיט צווייגען דאס איז געווען אנצוהייבען קרבות פון גאלד וואס מען האט געבראכט אין בית המקדש. ווען איינער האט זיך מתנדב געווען צו ברייגגען גאלד אין בית המקדש האט ער נים געבראכט בלויז גאלד נאר האט געלאזט מאכען פון די גאלד ווי א בלאט פון א ווייגשטאק, אדער ווי איין ווייגטרויב, אדער ווי א גאנצען הייגגיל וויינטרויבין און אויף דעם ווייג־שטאק אנגעהאנגען. פלעגט מען די אראב נעמען און אנדערע ארויפהייגגען. האט דאס באשיינט דעם בית המקדש, עס האט אויסגיזעהען ווי איין נאטיר־ליכער בוים מיט בלעטער און פרוכט.

פון דאך פון אולם ביז אראב איז געווען אנגעצויגען גאלדענע קייטין פאר די יונגע כהנים ארויף צו ציהען זיך בעקוקען די פראכטפאהלינע גאלדענע קרוינען וואס איז געווען אין די פענצטער פון היכל װעלכע נאט האט געשיקט זאגען דורך זכריה הנביא מען זאל דאס מאכען.

דער פלאץ פון וואנד פון אולם ביז די וואנד פון היכל האט עס פאר־נומען עלף איילן אין דער לענג אויף זיבעציג די ברייט.

פון די ביידע זייטן פון אולם איז געווען צו געבויט צימערין צו פופצעהן איילן א צימער, דארט איז געווען פיער און צוואנציג אלמערן מיט חלפים צו שלאכטין פאר די פיער און צוואנציג משמורים.

דער היכל איז געווען הויך הונדערט איילן, די גרעב פון וואנד פון היכל איז געווען זעקס איילן, אין וואנד איז געווען א טויער צוואנציג איילן די הויך, צעהען איילן די ברייט. מיט דאפעלע טויערן. איין פאר

טויערן:

טוּיעֶרִין אִין אַנְפַאנְג גְרָעב פוּן וַואנְד וָואס צוּם אוּלָם. דִי צְוֵייטֶע פָּאר טוּיעֶרִין אִין אַנְדֶערִין זַייט גְרָעב פוּן וַואנְד. וָואס צוּם חָלָל פוּן הֵיכָל.

דֶער טוּיעֶר פוּן הֵיכָל רוּפְט זִיךְ שַׁעַר הַגָּדוֹל, עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויא טִירְלֶעךְ, אֵיינֶע אִין צָפוֹן אֵיינֶע אִין דָרוֹם. דִיא טִירִיל פוּן דָרוֹם אִיז גֶעוֶועזְן אִימֶער פֶערְשְׁלָאסֶען, וִוי דֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל זָאגְט, גָאט הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט דֶער טוּיעֶר זָאל זַיין פֶערְשְׁלָאסִין, קֵיין מֶענְשׁ זָאל דוּרְךְ אִיהם נִיט אַרַיין גֵיין ווייל דֶער כָּבוֹד פוּן גָאט קוּמְט דָארְט.

דֶער אִינְוֵוייניג פוּן הֵיכָל הָאט גֶעהַאלְטֶען פֶערְצִיג אֵיילִין דִיא לַיינְג פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרִיב, צְוַואנְצִיג אֵיילִין דִי בְּרֵייט פוּן צָפוֹן בִּיז דָרוֹם.

אִין אַרַיינְגַאנְג פוּן הֵיכָל אִיז גֶעוֶועזְן אַיין דֶעק צוּ עֶפֶענֶען. פוּן דָארְט פְלֶעגְט מֶען נֶעמֶען עֶרְד אַרַיין צוּ גֶעבֶען אִין דִי מַיִם הַמְאָרְרִים 1).

אִין הֵיכָל אַרוֹיף צוּ מַעֲרִיב זַייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין צָפוֹן זַייט דֶער שׁוּלְחָן וָואס אוֹיף אִיהם הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים אַלֶע שַׁבָּת.

גֶעגֶען דֶעם שׁוּלְחָן אִין דָרוֹם זַייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִי מְנוֹרָה. גֶעגִין דֶער מִיטִין פוּן זֵיי בֵּיידֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער מִזְבַּח הַזָּהָב אוֹיף צוּ רַאמְפֶּען קְטוֹרֶת, עֶר הָאט גֶעהַאלְטִין אַיין אֵייל אוֹיף אַ אֵייל, צְוֵויי אֵיילִין דִי הוֹיךְ. אוֹיבֶען אִיז גֶעוֶועזְן פִיעֶר ווִינְקֶלֶען אִין גַאנְצֶען גֶעדֶעקְט מִיט גָאלְד.

נָאךְ דֶעם אִיז גֶעוֶועזְן אִין הֵיכָל אַ וַואנְד אַ אֵייל דִי גְרָעב אַ צְוִוישֶׁן הֵיכָל אוּנ צְוִוישֶׁן ק"ק אִין וַואנְד אִיז גֶעוֶועזְן אָפֶען וִוי אַ טוּיעֶר אָן טִירִין נוּר פֶערְהַאנְגֶען מִיט אַ פָּרוֹכֶת.

אִין בַּיִת שֵׁנִי אִיז דִי וַואנְד נִיט גֶעוֶועזְן נוּר אָנְגֶעצוֹיגִין צְוֵויי פָּרוֹכֶת'ן אוּנ אִין מִיטִין אַ אֵייל פְּלַאץ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען בְּרֵייט פוּן הֵיכָל.

אִין הֵיכָל גֶעגֶען דֶעם פָּרוֹכֶת אִין מַעֲרִיב אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צְוֵויא גָאלְדֶענֶע קֶלֶעצְלֶעךְ, אוֹיף זֵיי פְלֶעגְט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל יוֹם כִּפּוּר אָב שְׁטֶעלִין פוּן הַאנְד דִי בְּלוּט פוּן פַּר אוּנ פוּן שָׂעִיר.

נָאךְ דֶעם אִיז גֶעוֶועזְן דֶער קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, עֶר הָאט גֶעהַאלְטִין צְוַואנְצִיג אֵיילִין דִי לַיינְג, אוֹיף צְוַואנְצִיג אֵיילִין דִי בְּרֵייט. פֶערְצִיג אֵיילִין דִי הוֹיךְ.

אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים הָאט קֵיין מֶענְשׁ נִיט גֶעטָארְט אַרַיין קוּמֶען, נוּר דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אוּם יוֹם כִּפּוּר פִיעֶר מָאהל צוּ בֶּעשְׁטִימְטֶע עֲבוֹדוֹת.

וֶוען מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט אִינְוֵוייניג וָואס פֶערְרִיכְטִין הָאט מֶען אַרָאבּ גֶעלָאזֶען דֶעם בַּעַל מְלָאכָה דוּרְךְ דֶעם דַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶועזְן צוּ גֶערִיכְט בַּיי דִי בְּרֶעטֶער פוּן דַאךְ צוּ עֶפֶענֶען וִוי טִירְלֶעךְ פוּן אַ סוּכָּה. אִין אַ קַאסְטִין וָואס הָאט גֶעהַאט דְרַיי וֶוענְד. אַיין וַואנְד אָפִין צוּ דֶער זַייט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אַרְבֵּייט טָאהן.

אין

---

1) דאס מען פלעגט אנטרינקען א סוטה, ע' פ' נשא.

אין מיטין קָדשי קָדָשים איז געשטאנען דער ארון. אין איהם איז געלעגען דיא לוחות מיט דיא ספר תורה וואס משה האט געשריבען, דער בייא איז דער קרינגיל מן אונ דער בליהענדער מאנדילשטעקין פון אהרן הכהן, אונ דיא סתנה די קעסטיל וואס די פלשתים האבען אב געשיקט מיט דעם ארון געלעגין.

דער ארון איז געווען פון אינוויינינג אונ פון דרויסין געדעקט מיט גאלד. אויבען האט ער געהאט א דעק גראב א טפח דורכאוים פון גאלד. אויף איהם איז געווען אוים געארבייט צוויי כרובים מיט זייער פנים איינע געגען דיא אנדערע. ווען אידין זיינען געווען זינדיג פלעגען זיך די כרובים דורך איין נס אבקערין איינע פון די אנדערע.

די כרובים איז געווען א צורה פון א קינד מיט צוויי פליגלען אויפגעהויבען גלייך מיט די קאפ די הויך צעהען טפחים.

אין די זייטען פון ארון איז געווען אריין געשטעקט שטאנגען אין דיא רינגען פון ארון.

אין צווייטען בית המקדש איז דער ארון מיט די אלע זאכען אויך דיא היילינגע נאלב־איל נים געווען, ווייל פאר דעם חורבן זיינען זייא בעהאלטען געווארען דורך יאשיהו המלך. אויף דעם ארט אין צווייטען בית המקדש איז געווען נור דער אבן שתיה, דאס איז דער שטיין וואס פון איהם האט זיך אנגעפאנגען די וועלט בעשעפעניש.

דיא ווענד פון היכל פון אינעווייניג איז געווען געשאלעוועט מיט האלץ. אויף דיא האלץ איז געווען שיינע שניטצינג, אויף די שניטצונג דורכאוים אויף אלע ווענד, אויך דער סופים איז געווען געדעקט מיט גאלד אונ אין פיל ערטער געזעצט מיט דימאנטען.

אונטען די ערד איז געווען געלייגט מארמארשטיין

מיר האבען דא נור ארום גירעדט די הויפט געביידע פון ביהמ״ק עס איז געווען נאך פיעל פערשיעדענע געביידען, היילען, וועלכע צום געברויך פון ביהמ״ק, געבוים ווי איין פעסטונג, כלים אונ נאך אנדערע פערשידענע קונסטשטיק. ווי עס איז ידוע.

אשרי־עין ראתה כל אלה. כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לראותו אמן.

## צו) לא יסרו ממנו (כח—מו)

די מצות לא תעשה איז, די שטאנגען וועלכע זיינען געווען אין דיא רינגען פון ארון האבען נים געטארט ארויסגענומען ווערין פון דארט, דען פילייכט איז פארגעקומען געהיילט צו גיין מיט דעם ארון. אונ היילענדיג קאן

מען

מֶען דאַרְף אַ מאָהל נִיט פֶּעסְט אַריין וֶועטְצִין די שְׁטאַנְגֶען, קאָן דאַרְף ח"ו פוּן דֶעם אַרוֹיס קוּמֶען אַ מַקָלָה. אָבֶּער וֶוען דִיא שְׁטאַנְגֶען זַיינֶען אִימֶער פֶּעסְט גֶעזֶעצְט אִיז מֶען שׁאָהן זִיכֶער.

דֶער פוּן אִיז צוּ שְׁלִיסֶען ווערְ'עס שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ דָאס אִיהם אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין הַגְבָּהָה, אִיז פִיעל גְלייכֶער'עֶר זָאל נִיט גֵיין.

אוֹיךְ זָאל דֶער הַגְבָּהָה נִיט אוֹיף הֵייבֶּען דִי תּוֹרָה וואוּ'עֶס זָאל נִיט זַיין בַּיי דֶער זַייט אָנְגֶעגְרֵייט דֶער גְלִילָה.

אֵיךְ זָאל מֶען נִיט גֶעבֶּען צוּ הַאלְטֶען דִי תּוֹרָה צוּ קִינְדֶער וֶועלְכֶע זַיינֶען נִיט מִיט דֶעם גַאנְצֶען פֶערְשְׁטַאנְד, 'עֶס זָאל חָלִילָה נִיט טְרֶעפֶען קֵיין מַקָלָה. אַזוֹי וִוי 'עֶס אִיז אַיינְגֶעפִיהרְט דֶער שְׁלֶעכְטֶער מִנְהָג דָאס כְּאלְד נוּר וִוי מֶען אִיז מְגַלֵל דִי תּוֹרָה אִיז שׁאָהן דֶעם הַגְבָּהָה שְׁוֶוער דִי צַייט צוּ הַאלְטֶען דִיא תּוֹרָה בַּיז אִיבֶּער גֶעבֶּען צוּם שְׁלִיחַ צִבּוּר.

## צז) וְנָתַתָּ עַל הַשֻּׁלְחָן לֶחֶם פָּנִים לְפָנַי תָּמִיד (כח—ל)

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, דָאס דִי כֹּהֲנִים זָאלֶען אַלֶע שַׁבָּת דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים אַרוֹיף לֵייגֶען אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען טִישׁ וָואס שְׁטֶעהט אִין הֵיכָל.

דֶער לֶחֶם הַפָּנִים וֶוערְט גֶעבַאקֶען אַלֶע עֶרֶב שַׁבָּת. מֶען בַּאקְט אִיהם אִין אַ אַיינְזֶערְנֶעם פוֹרֶעם, נָאכְהֶער לֵייגְט מֶען אִיהם אִין גָאלְדֶענֶעם פוֹרֶעם אַריין אוּנ מֶען לֵייגְט אִיהם אוֹיף אַ טִישׁ אִין אוּלָם, דָארְט לִיגְט'עֶר פוּן עֶרֶב שַׁבָּת בִּיז שַׁבָּת.

אַלֶע שַׁבָּת וֶוערְט דֶער לֶחֶם הַפָּנִים גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם שׁוּלְחָן וָואס אִין הֵיכָל.

עֶס אִיז נִיט אַרָאבּ גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען דֶער אַלְטֶער בְּרוֹיט וואוּ מֶען הָאט נָאךְ דֶעם נַייעֶם נִיט גֶעלֵייגְט, ווייל 'עֶס טָאר נִיט בְּלֵייבֶּען דֶער טִישׁ אֵיין רֶגַע אָהן לֶחֶם הַפָּנִים, דֶען 'עֶר מוּז אִימֶער דָארְט אוֹיף דֶעם טִישׁ לִיגֶען.

דִיא אַרְבֵּייט אִיז גֶעגַאנְגֶען זָא שְׁנֶעל דָאס דִיא כֹּהֲנִים הָאבֶּען אָבְּגֶעצוֹיגֶען דֶעם אַלְטֶין לֶחֶם הַפָּנִים פוּן טִישׁ. אוּנ אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּען אַרוֹיפְגֶעצוֹיגֶען דֶעם נַייעֶם לֶחֶם הַפָּנִים.

דֶער אַלְט גֶעבַאקֶענֶער לֶחֶם הַפָּנִים גֵיהֶער צוּ דִי כֹּהֲנִים צוּם עֶסֶען. אוּנ עֶר וֶוערְט גֶיגֶעסֶין אִין דֶער עֲזָרָה.

דִי אַרְבֵּייט פוּן לֶחֶם הַפָּנִים מִיט דֶעם צוּ גַאנְג, אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין רמב"ם.

דֶער לֶחֶם הַפָּנִים הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אֵיין בְּרָכָה, דָאס דֶער כֹּהֵן וֶועלְכֶער הָאט בֶּעקוּמֶען נוּר וִוי אַ בָּאב דִי גְרוֹים, אִיז שׁאָהן זַאט גֶעוֶוען.

פוּן דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי הַשְׁפָּעָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, גֶיבֶּענְשְׁט צוּ זַיין מִיט בְּרוֹיט, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, בְּרֵיינְגְט דֶעם קָרְבָּן עוֹמֶר 'עֶס זָאל

דורך

דורך דעם גיבענשט ווערין די פעלדער. ניסט פאר נאסער אויף דעם מזבח אום סוכות, עס זאל אייך גיבענשט ווערין די רעגין פון יאהר.

דאריס קאן מען זאגען מאר ניט בלייבען דער טיש איין רגע אהן לחם הפנים, צו ווייזען דעם מענשען דאס גאט לאזט ניט א אידין איין רגע אהן ברויט. ער נעמט ניט צו די אלטע ברויט וואו ער גיט איהם ניט קיין נייע.

# תצוה

## צח) וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ (כז—ח)

די מצות עשה איז. דאס די כהנים זאלען צו ריכטין די רערין פון דער מנורה. אונ אנצינדין אללע טאג.

אללע טאג ווערט יעדער ראר מיט א האלבען לוג בוימאייל אנגעפילט. דער קנויט פון געסמערין ווערט ארויסגינומען אונ עס ווערט אוים געווישט דער ראר, אונ זויבער אבגעפוצט אונ עס ווערט איין אנדער קנויט צו רעכט געמאכט אונ מען צינדט אן.

די פרטים איז ערקלערט אין רמב"ם.

## צט) וְעָשׂוּ בִגְדֵי קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן וגו' (כח—ד)

די מצות עשה איז, די כהנים זאלען אין דער צייט פון דער עבודה זיין אנגעקליידעט אין אויסגעוואנדערטע קליידער.

א כהן הדיוט האט פיער קליידער. „מכנסים"[1], „כתונת"[2], „מצנפת"[3], „אבנט"[4].

דער כהן גדול האט אכט קליידער, פיער קליידער ווי דער כהן הדיוט. אונ נאך פיער קליידער, „מעיל"[5], „חושן"[6], „אפוד"[7], „ציץ"[8].

דער כתונת איז געוועזען א העמד פון פלאקס, לאנג ביז די פיס אויס־געשטריקט קיילעכדיג אין איין שטיק אהן א נאט, ואנדערין דיא ארבעל זיינען געוועזען בעזאנדער געשטריקט אונ צו גענייט. די ארביל איז געוועזען גענוג צו

די

1) ביינקליידער. 2) לייבראק. 3) א מיץ. 4) א גארטיל. 5) אונטער ראק. 6) ברוסט־שילד. 7) מאנטיל. 8) שטערין בלעך פון גאלד.

די הָענְד. קַיין קָאלְנֶער אִיז נִיט גֶעוֶוען נוּר פוּן אוֹיבְּן אָפִין די קָאפּף דוּרְךְ צוּ־גֶעמֶען.

די מִכְנָסַיִם הָאט עֶר גֶעטְרָאגֶען אוּנְטֶער דֶעם כְּתוֹנֶת.

די מִכְנָסַיִם אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטְרִיקְט קַיילֶעכְדִיג וִוי אַ זֶעקִיל. די לַיינְג פוּן הַארְץ בִּיז די קְנִיא. פוּן אוּנְטִין צְוַויי לֶעבֶער די פִּיס דוּרְךְ צוּ שְׁטֶעקִין.

דֶער מִצְנֶפֶת אִיז גֶעוֶוען אַיין פַּאס דִינֶע צַייג פוּן לַיינֶען, די לַיינְג זֶעכְצִין אֵיילִין, גֶעוִויקִילְט אַיינֶע אוֹיף די אַנְדֶערֶע. בַּיי דֶעם כֹּהֵן הֶדְיוֹט הֵייסְט עֶס מִגְבָּעוֹת, וַוייל עֶס אִיז גֶעוִויקִילְט גֶעוָוארֶען אַיינֶע אִיבֶּער די אַנְדֶערֶע אִיז אוֹיס גֶעקוּמֶען אוּנְטִין בְּרֵייטֶער אַיבֶּען שְׁמֶעלֶער אִין פָארְמַאט וִוי אַ הוּט צוּקֶער.

דֶער אַבְנֵט אִיז גֶעוֶוען פוּן לַיינֶען אוּנ וָואל, עֶר הָאט גֶעהַאלְטִין צְוַויי אוּנ דְרַייסִיג אֵיילִין די לַיינְג, גֶעוִויקִילְט אַיינֶע אוֹיף די אַנְדֶערֶע בִּיז אוּנְטֶער די עֶלִינְבּוֹיגִינְס.

דֶער מְעִיל אִיז גֶעוֶוען אִין אַיין שְׁטִיק גֶעמַאכְט אִין דֶעם פָארְמַאט פוּן אַ אַרְבַּע כַּנְפוֹת, אַיין אָרְט אָפִין אַרַיין צוּ צִיהֶען די קָאפּף, פוּן בַּיידֶע זַייטֶען בְּרֶעגֶעס אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען גְלֶעקְלֶעךְ. צְוִוישֶׁען צְוַוייא גְלֶעקְלֶעךְ הָאט גֶעהַאנְגֶען וִוי אַ מִילְגְרוֹים

אַז עֶר הָאט אָנְגֶעטָאהְן דֶעם מְעִיל אוֹיף דֶעם כְּתוֹנֶת הָאט זִיךְ דֶער כְּתוֹנֶת גֶעזֶעהֶען.

אוֹיף דֶעם מְעִיל הָאט עֶר גֶעטְרָאגֶען דֶעם חוֹשֶׁן וְאֵפוֹד.

דֶער חוֹשֶׁן (דֶער בְּרוּסְט־שִׁילְד) אִיז גֶעוֶוען אַיין אֵייל דִיא לַיינְג אוֹיף אַ הַאלְבּ אֵייל די בְּרֵייט, אַז מֶען הָאט אִיהם צוּ זַאמֶען גֶעלַייגְט אוּנ צוּנוֹיף גֶענֵייט הָאט עֶס גֶעהַאלְטִין אַ הַאלְבּ אֵייל אוֹיף אַ הַאלְבּ אֵייל. אִין מִיטִין צְוִוישִׁין דֶעם צוּזַאמֶען לֵייג הָאט מֶען אַרַיין גִילֵייגְט דֶעם אוּרִים וְתוּמִים, דָאס אִיז דֶעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ וָואס דָאס הָאט גֶעוִוירְקְט מִיט דִיא גֶעטְלִיכֶע קְרַאפְט דָאס דִיא אוֹתִיוֹת פוּן די שְׁטֵיינֶער פוּן חוֹשֶׁן אִיז אַרוֹיסגֶעקוּמֶען בּוֹלֵט (אוֹיסגֶעשְׁטַארְצְט) אֵיין רִיכְטִיגֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף וֶועלְכֶע פְרַאגֶע מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט.

דֶעם חוֹשֶׁן הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל גֶעטְרָאגֶען אוֹיפ'ן הַארְצֶען פוּן פָארְהַאנְד, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אִיהם גֶעפַּאסְט אִין נַאלְד צְוֶועלְף שְׁטֵיינֶער מִיט די נֶעמֶען פִי עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה, פרש פקודי כו׳, אַנְדֶערֶע שְׁטֵיינֶר הָאבִּין בַּטְרַאפִין מִילְיָאנֶען.

אִין די שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט די נֶעמֶען פוּן די צְוֶועלְף שְׁבָטִים נָאךְ זַייעֶר גֶעבָּארִין נָאךְ, אוֹיךְ אוֹיסגֶעקְרִיצְט די וֶוערְטֶער „שִׁבְטֵי יְשֻׁרוּן" אִיז אוֹיס גֶעקוּמֶען אַלֶע אוֹתִיוֹת פוּן אָלֶף בֵּית, עֶס זָאל אוֹיסְקוּמֶען צוּ עֶנְטְפֶערִין אוֹיף אַלֶעס וָואס נוּר דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וֶועט פְרֶעגִין.

דֶער חוֹשֶׁן הָאט גֶעהַאט אִין די פִיער בְּרֶעגֶעס פִיער גָאלְדֶענֶע רִינְגֶען. אִין דִיא אוֹיבֶּערְשְׁטֶע צְוַויי רִינְגֶען אִיז גֶעוֶוען אַרַיין גֶעצוֹיגֶען צְוַייא גָאלְדֶענֶע

נ׳עדרייטע

געדרייטע קייטלעך. אין די אונטערשטע צוויי רינגען איז געווען אריין געצויגען צוויי שנירלעך פון תכלת, דער מיט צו בעהעפטין צום אפוד.

דער אפוד איז געווען געמאכט א שירץ צוא טראגען פון הינטין פון די לענדין ביז אראפ. פון אויבען איז ארויסגעקומען צוויי בּרעגעס צו פארנארטלען זיך פון פארהאנד.

איבער דעם אפוד איז געווען צוויי אקסיל בענדער. זיי זיינען געווען צו געניים צום נארטיל פון אפוד, דאס האט זיך אריבער גענומען איבער דיא אקסלען פון כהן גדול.

אויף די אקסלען איז געווען אין זיי געפאסט אין גאלד צווייא שטיינער שהם, וואס אויף זייא איז געשטאנען דיא נעמען פון דיא שבטים, זעקס אויף איין שטיין, אונ זעקס אויף דעם צווייטען שטיין. עס איז אויסגעקומען פונקט אויף די אקסלען ווי פאלעטין.

ביי דעם ברעג פון די אקסיל בענדער פון פארהאנד איז געווען גאלדענע רינגען, האט מען אין דיא רינגען אריין געצויגען דיא קייטלעך פון חושן פון אויבען אונ מען האט זיי פערבונדען.

עס איז ווידער געווען צוויי רינגען אונטען ביי די אקסיל בענדער דארט וואו זיי זיינען בעהעפט צום אפוד אונ אין די רינגען איז אריין געצויגען בענדליך, דארט האט מען דאס פערבונדען מיט דיא צווייא שנירלעך תכלת וועלכע זענען געווען אריין געצויגען אין די רינגען פון חושן, וויא עס איז ערקלערט.

דער ציץ איז געווען א גאלדענער בלעך. די ברייט צוויי פינגער. פערטעמען פון איין אויהער צום אנדערין. איבער דעם שטערין פון אויבען איז געווען איינגעקריצט די ווערטער „קדש לה'".

דער מצנפת איז געלעגען ארויף געדוקט אויף דעם קאפף העכער. בּכדי עס זאל זיין ליידיג דער ארט וואו די תפלין ליגין.

דער כהן גדול דארף זיין אנגעקליידעט צו דער עבודה די גאנצע אכט קליידער, נור ווען ער האט געדארפט טאן די עבודה אין קדשי קדשים, דארף ער נור זיין אנגעטאן די פיער פלאקסענע קליידער ווי דער כהן הדיוט.

ווען די כהנים טוהען די עבודה מיט מעהר אדער ווייניגער קליידער, זיינען זיי מחויב מיתה בידי שמים (לעבענספארשפילט).

די היילינגע קליידער טאר דער כהן גיט אנטאן אויסער אין בית המקדש נור אויסנאמינג אין איין גרויסין נויט. ווי די גמרא דערציילט אין מסכת יומא, אין דער צייט ווען אלכסנדר מוקדון האט מלחמה געהאלטען אין דער וועלט, פינף אונ צוואנציג טעג אין טבת, האבען דיא כותים פארגעשלאגען אלכסנדר מוקדון ער זאל איינשטימען דעם ביהמ"ק חרוב צו מאכען. אלכסנדר האט זיי איינגעשטימט אונ געגאנגען מיט זיין קווישע בעלעגערין ירושלים. צו דער צייט

איז געוועען שמעון הצדיק איין כהן גדול. ווי שמעון הצדיק האט זיך דערוואוסט האט ער זיך אנגעקליידעט אין די כהונה קליידער און מיט גענומען די פאר־געהמסטע מענשען פון ירושלים און געגעבען די פלאקען פייער אין די הענד.

די גאנצע נאכט איז געגאנגען שמעון הצדיק מיט זיין קומפאניע און אלכסנדר מוקדון מיט זיין סוויטע. ביים פריה מארגען זייגען זיי צו נאמען געקומען ביי דער שטאט אנטיפרוס. ווי אלכסנדר מוקדון האט דער זעהען שמעון הצדיק איז ער אראב פון קארעטע און האט זיך צו איהם געבוקט. די סוויטע וועלכע שטעהען דערביי זייגען פערשטיינט געבליבען און זאגין, אזוי איין גרויסער קעניג ווי דו ביסט זאלסט דו זיך בוקין צו דעם אידין. האט זיי אלכסנדר מוקדון געענטפערט דאס דער שטאטור פון דעם מענשען שטעלט זיך מיר אימער פאר אין דער צייט ווען איך האלט מלחמה, און בין דאן מנצח די מלחמה.

אלכסנדר האט געפרעגט שמעון הצדיק צו וואס פאר איין צוועק קומט איהר צו מיר, דא זאגט ר׳ שמעון הצדיק איז דאס מעגליך אין דאס הויז וועלכע מען איז אויף דיר און אויף דיין מלוכה מתפלל עס זאלל ניט בטל ווערען, זאלל מען פערלאנגען יחרוב צוא מאכען? אלכסנדר פרעגט ווער זייגען זיי דאס? ענטפערין איהם דיא אידין מיט געוויין, אט די כותים וועלכע שטעהען געבען דיר. דא זאגט אלכסנדר זיי זייגען איבער געענטפערט אין אייערע הענד, טוהט מיט זיי ווי זיי האבען געוואלט טאן מיט אייך. גענומט באבע פון אייערע פיינד. דיא אידין האבען נקמה גענומען און האבען זיי אפ געטאהן וויא זייא האבען געדיינקט צו טאהן.

אלכסנדר מוקדון האט פערלאנגט מען זאל זיין בילד איינשטעלין אין בית המקדש. אבער דער כהן גדול האט איהם ערקלעהרט דאס נאך די אידעשע געזעצע טאר קיין בילד אין בית המקדש ניט קומען נור די אידין וועלין איין אנדער אנדענקונג מאכען. דיא אללע זכרים וועלכע וועלין אין דעם יאהר געבארען ווערען וועלען זיך רופען מיט דעם נאמען אלכסנדר.

## ק) ולא יזח החשן מעל האפוד (כח—כח)

דיא מצות לא תעשה איז, דאס דער חשן און דער אפור זאלען אימער זיין געשנורט צו זאמען און נימאלס אייגע פון דיא אנדערע גיטרענט ווערען.

## קא) לא יקרע (כח—לב)

די מצוה לא תעשה איז, דאס דער מעיל, ר"ג אלע בגדי כהונה זאלל נים געריסן ווערען.

## קב) ואכלו אתם אשר כפר בהם (כט לג)

דיא מצות עשה איז, דאס דיא וועלכע ברייגגען חטאות ואשמות, זאלען די כהנים עסען די פלייש.

די ציים פון עסען איז א גאנצען טאג ביז האלבע נאכט וועגען די מצוה איז ערקלערט אין די ערקלערונג דעם פשט פון ויקרא.

## קג) וזר לא יאכל כי קדש הם (כט לג)

די מצות לא תעשה איז, דאס ווער עס איז נים קיין כהן זאל אין דיא פלייש פון קדשי קדשים נים געניסען.

## קד) והקטיר עליו אהרן קטרת סמים (ל—ז)

דיא מצות עשה איז, דאס דער כהן אין בית המקדש זאל צווייא מאהל טעגליך ראסקעסען קטורת אוף דעם גאלדענעם מזבח. איינמאהל דאס מארגענס ביי דעם קרבן תמיד של שחר, און איינמאהל אבענדס נאך דעם קרבן תמיד של בין הערבים ביים אנצינדען די מנורה.

די קטורת איז איין צו זאמען מישונג פון עלף סארטי געווירצען וועלכע רופען זיך מים דיא נעמען. הצרי 1). והצפורן 2). החלבנה 3). והלבונה 4), דאס געוויכט פון יעדער סארט צו זיבעציג מנה. מור 5). וקציעה 6). שבולת נרד 7). וכרכם 8). דאס געוויכט פון דיא פיער סארטין צו זעכצען מנה. הקושט 9). צוועלף מנה. קילופה 10). דריי מנה. קנמון 11). ניין מנה. בס"ה קומט אויס דריי הונדערט אכט און זעכציג מנה 1). צו דעם לייגט מען נאך צו איין פערטיל מאס מלח סדומית 2), און עטוואס מעלה עשן 3). און עטוואס כפת הירדן 4).

---

1) פון באלזאם ואנפט וואס פריסט פון א מין בוים וואס וואקסט אין ערביא, רופט זיך באלזאם שרוידא. 2) וועגנאגעל א שאלעכץ פון א מין ווארעם איבער גיברענט, און דאס א שמעק פון ביבערגאל. 3) גאלבאן גיברענטע האלץ פון מדינת יון. 4) ווייראך. 5) מירע איין שרט גומע וועלכע פליסט פון א מין בוים. 6) אינגווער [לדעת רש"י]. 7) שפיקנארדא. 8) זאפראן. 9) קאסטום וואחל שמעקענדע בראז. 10) געווירץ ראר. 11) צימט ראר. 1) א מנה איז 25 לויט. 2) זאלץ פון סדום. 3) דאס איז ירוע צו אויסגאמיגע מענשען וועלכע די זאכען דאס בקבלת. 4) איין שרט פעך.

ווען מען פארפעלט פון די עלף געווירצען איז זיין לעבען פערשפילט.

עס ווערט געזאָגט אזוי, מען נעמט בורית כרשינה גייען טאם, אונ אויף דעם ווערט אב געשלייפט די צפורן עס זאל אויס זעהען שיין, נאכהער גייסט מען די צפורן אין איין אונ צוואנציג טעפ יין קפריסין 1) אָדער אין אלטע שטארקע ווין, נאכהער שטויסט מען יעדער סין געווירץ בעזונדער גאנץ דין, נאכדעם ווערט עס אללע בעזאמטען צו נויף געמישט.

בעת מען רייבט יעדער סין בעזונדער אונ מען צומישט אלע בעזאמען זאגט מען די ווערטער „הדק היטב" „היטב הדק" דאס מיינט מען עס זאל צו שטויסען ווערין דין. נוט דין, ווייל דער גאמור איז דאס דיא שטימע בריינגט נוצען צו די געווירצין.

דער ריח פון די קטורת האט זיך געהערט ווייט ביז אין דער שטאט ירידו צעהען מייל.

## קה) לא תעלו עליו קטרת זרה.
## ועולה ומנחה ונסך לא תסכו עליו (ל—ט)

די מצות לא תעשה איז. דאס אויף דעם גאלדענעם מזבח זאל קיין אנדער זאך ניט קומען אויסער די טעגליכע קטורת.

---

# תשא

---

## קו) זה יתנו וגו׳ מחצית השקל (ל—יג)

די מצות עשה איז. דאס יעדער מאנספערזאן וועלכער איז אלט צוואנציג יאהר אונ מעהר, זאל איטמער אלע יאהר דעם ערשטין טאג אין ערשטין חודש אדר, איין האלבען שקל געבען 2). דער רייכער טאר ניט געבען מעהר אונ דער אָרעמער טאר ניט געבען ווייניגער.

דער ארעמאן וועלכער איז ניט פערמעגליך מוז ער אפילו די קלייד פון זיך פערקויפין אונ די צאהלונג אב געבין.

די געלד פון מחצית השקל איז אין בית המקדש אויף די ביימינע זאכען

---

1) וויין פון א אינזיל אין דער מדינת קפרא נאהענד צו דער מדינת בעאמפאל.
2) עיין בספר מצה"ש. 3) דער שקל אין משה'ס ציי- -טען האלטען 320 גערשטין.

געטומען געווארען. דהיינו טעגליכע קרבנות, האלץ, די פרה אדומה, און נאך אנדערע זאכען.

דער בורא האט געוואלט דאס אין די קרבנות צבור זאלען אללע האבען איין גלייכען טהייל, דער ארעמער און דער רייכער, כדי דער רייכער זאלל זיך ניט גרויסען געגען דעם ארעמען.

יעצטיגע צייט גיט מען פורים מחצית השקל אויף צדקה צום אנדיינקונג.

פון דער מצוה איז געדרונגען מען זאל זיך היטען ניט צו געבין קיין עין הרע דעם צווייטען. ניט אין זיין קערפער און ניט אין זיין פערמאג. ווי עס שטייט מפורש אין דער תורה ולא יהיה בהם נגף דאס הייסט אזוי ווי מען דארף דא ציילען די מענשען, קאן חלילה שאדין א עין הרע אין די מענשען, זאלל מען ציילען די מטבעות פון יעדען מענשען, וועט ניט זיין קיין מגפה, ווארום אין ציילין מענשען מיטין צאל קאן שאדין א עין הרע. ווי מיר געפינען, דוד המלך האט איינמאהל געציילט דעם עולם דורך יואב בן צרויה איז באלד געווען איין גרויסע מגפה, האט ער שאהן דעם צווייטען מאהל געציילט דורך שאף, וואס יעדער איינציגער האט גינעבין א שאף. דארום קערנאנען שטארק אונזערע חכמים, מען זאל ניט בעשאוגדערין דעם צווייטענס זאך, אינער א עין הרע.

די גמרא זאגט דרייסטע טהייל מענשען פון דער וועלט שטארבען דורך עין הרע. דען די עין הרע האט א כח ארויף צו פירין קראנקהייט אויף דעם מענשען. די נאטור פארשער ערקלערין עין הרע פאר א נאטירליכע זאך.

## קז) ורחצו אהרן ובניו ממנו את ידיהם ואת רגליהם (ל—יט)

די מצות עשה איז, ווען די כהנים גייען צו נאכטעם דיענסט, אויך ווען דער כהן גייט ארוים פון דער עזרה און גייט אריין צוריק, זאללען זייא זייערע הענד און פים וואשען.

אויף דעם איז געווען אין בית המקדש צו געריכט דער כיור (האנדפאס) דער כהן וועלכער טוהט די עבודה אום געוואשין איז חיב מיתה (לעבענספאר־שפילט).

דער וואשין קומט שטייענדיג, צוזאמען געלייגט די רעכטע האנד אויף די רעכטע פוס. און די לינקע האנד אויף די לינקע פוס.

## קח) ועשית אותו שמן משחת קדש (ל—כה)

די מצות עשה איז, צו רעכט מאכען דעם היילינגען זאלב־אייל פון פער־שידענע געווירצען ווי עס שטייט אין דער תורה.

פון די זאלב־אייל ווערט געזאלבט דער כהן גדול, און דער וכהן משוח מלחמה

מִלְחָמָה, דָאס איז דער אויס־עָרְוויילְטָער אין דער צייט פון דער מִלְחָמָה.
אויך האט מען פון דעם אייל געזאלבט די מְלָכִים פון מִשְׁפַּחַת בֵּית דָוִד.

דעם מַלְכוּת האט מען פון דיא זאלב אייל אויף זיין קאפף געגאסן ענליך ווי איין קְרוֹין.

דעם כֹּהֵן איז נור אויף זיין הא"ר זאלב אייל געגאסן געווארען, אונ צווישן דיא אויגען מיט זאלב אייל געשטריכן ווי דער בוכשטאב כ אין לשון יְוָנִית.

אויך איז דער מִשְׁכָּן אונ די הייליגע גיפֿעס פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מיט דיא זאלב אייל געזאלבט געווארען.

א מַלְכוּת ווערט געזאלבט ביי א קְוָאל וואסער 1), דאס איז איין בעדייטונג עס זאל זיך ציהען די מְלוּכָה ווי עס ציהט זיך די וואסער.

מיר האבען בְּקַבָּלָה דאס די הייליגע זאלב־אייל וועלכע משה האט געמאכט איז אין זיי געווען איין גס דאס עס איז געגוג געווען אויף עוויג.

צו דער צייט ווען יֹאשִׁיָּהוּ איז געווען מַלְכוּת האט ער די הייליגע זאלב־אייל אויך דעם אָרוֹן אונ דעם צִנְצֶנֶת מָן פון דער מִדְבָּר, אונ דעם בְּלִיהֶענְדֶען מאנדיל־שְׁטֶעקֶן פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן בעהאלטין. ווייל ער האט געזעהען בִּנְבוּאָה דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וועט חָרוּב ווערען, עס זאל חָלִילָה ניט פֿערלארען גיין דיא הייליגע אַנְטִיקֶען.

די גְמָרָא ברייננט עס איז געווען א געשיכטע מיט א כֹּהֵן וועלכער ער איז געזעסען אונ אויסגעקליבען די ווערעמדיגע האלץ, האט ער אנגעמערקט אין איין אָרְט אין רִצְפָּה 2) עטוואס אנדערש, איז ער ארויס געלאפען מיט גרויס הִתְפַּעֲלוּת בעקאנט מאכען די זאך, האט מען פֿערשטאנען אז דארט איז בעהאלטען די אללע זאכען. דער כֹּהֵן האט נאך ניט געענדיגט זיינע רייד איז ער טוידט געבליבען.

אויך דערציילט דיא גְמָרָא ביי א כֹּהֵן איז אראב געפאלין דיא האק האט ער זיך געלאזט אויף דעם אָרְט זוכען דיא האק איז ארויס א פייער אונ האט איהם פֿארברענט.

## קט) עַל בְּשַׂר אָדָם לֹא יִיסָךְ (ל—לב)

דיא מִצְוָה לֹא תַעֲשֶׂה איז, דאס דיא הייליגע זאלב־אייל טאר מען ניט בעניצען צו קיין אנדער ווען מען בעניצט צו אנדערע איז מען חַיָּיב כָּרֵת.

---

1) כדכתיב והורדתם אותו אל גיחון. מ"א א. 2) דילין פון דער טירי

## קי) ובמתכנתו לא תעשו כמהו (ל—לב)

די מצות לא תעשה איז, ניט נאך צו מאכען קיין נאלב־אייל, דער שטראף פון דעם איז כרת.

## קיא) והקטרת אשר תעשו במתכנתה לא תעשו לכם (ל—לז)

די מצות לא תעשה איז. ניט נאך צו מאכען קיין קטורת, דער שטראף פון דעם איז כרת 1).

עס איז נור געוועזן איין פאמיליע אין ירושלים וועלכע האבען געקאנט מאכען קטורת, די פאמיליע האט זיך גערופען בית אבטינס.

## קיב) וקרא לך ואכלת מזבחו (לד—טו)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו געניסען פון דיא וועלכע צו דער עבודה זרה האט מען מקריב געווען. אויך זייערע וויין ניט צו טרינקען.

די גמרא שרייבט אין סנהדרין, בלעם הרשע וועלכער האט געוואלט אידין צו דער ע"ז בעל פעור צו ציהען, האט ער צווישען די מדינים איין האנדיל פון לייגוואנד איין געארדענט אונ האט אין יעדער האנדיל איין זונה אריין געזעצט. די זונה האט אויך ביי זיך גוטע וויין געהאט. דיא זונות פלעגען זייא פריינדליך אויפנעמען מיט וויין טראקטירין, ביז זייא האבען מיט זייא זנות געטריבען, צום ענדע האבען אן גענוטען פיל פון אידין די ע"ז בעל פעור. דורכדעם איז געקומען א חרון אף פון בורא אויף אידין.

פון דעם זעט מען ווי גיפעהרליך עס איז דער וויין טרינקען מיט דיא היידענישע פעלקער.

דארום האבען די חכמים שטארק פערבאטין דעם וויין טרינקען אפילו ווען עס האט נור אנגעריהרט א געצעגדינער איז אסור, ווי עס איז ערקלערט אין יורה דעה.

## קיג) בחריש ובקציר תשבות (לד—כא)

די מצות עשה איז, דאס דער זיבעטער יאהר וועלכער הייסט שנת־שמטה זאל מען קיין פעלדער אונ בוימפרוכט ניט בעארבייטען.

ווייטער

---

1) להתלמד או למוסרו לצבור פטור, וה"ה לשמן המשחה.

דרייסיג טעג פאר דעם שחיטה יאהר טאר מען שאהן מעהר איז זיי ניט
ארבייטען.

די מצוה איז נוהג נור אין ארץ ישראל.

## קיד) לא תבשל וגו' ות"א לא תאכל 1) (לד—כו)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט צו עסען קיין פליישיגס מיט מילכיגס
בעזאמען.

מען דארף אפילו ווארטין פון פליישיגע ביז מילכיגע זעקס שעה.
נאך מילכיגס אז מען וויל עסען פליישיגס דארף מען אויסשווייגקען דיא
מויל. נאך אלטע קעז אז מען וויל עסען פליישיגס דארף מען ווארטין זעקס
שעה. נאך ווייכע קעז דארף מען אויסמאכען דיא ציין אונ אויסשווייגקען דיא
מויל, אונ אבשארען דיא בריקלעך פון טיש, אונ לייגען א אנדער טישטוך צו
די פליישיגע.

ביים עסען טאר ניט קומען אויף איין טיש קיין פליישיגע אונ מילכיגע,
ווען אויך אפילו צוויא פרעמדע מענשען וועלכע זיי מישין זיך ניט אין דער
צייט פון עסען, טאר מען אויך ניט. ואנדערין אז זיי עסען אויף בעזאנדערע
טישטיכער, אדער מען שטעלט ארויף אויף דעם טיש אזוי איין זאך וואס דער
דרך איז ניט עס זאל שטעהען אויף דעם טיש. צב"ש בייא טאג א לייכטער
הייסט עס א סימן אז איינע מיט די אנדערע זאלין זיך ניט מישין.

עס דארף געהיט ווערען דאס דיא זעלבע זאלץ, דיא ברויט, אונ דער
מעסער, זאלין ניט גענוצט זיין צו די פליישיגע אונ מילכיגע.

די מילכיגע כלים דארף מען איין קארבין פון א סימן וועגען, מען זאל
זיך ניט פערבייטין, דער רעכט איז צו מאכען איין קאנט אויף דעם מילכיגען
טישטוך, מען זאל זיך ניט פארבייטין אויף א פליישיגען טישטוך.

אז מען האט גענוצט מיט א פליישיגען מעסער ציבעלע, רעטעך, אדער
איין אנדער שארפע זאך אין א מילכיגין מאכל. אדער מיט א מילכיגען מעסער
אין א פליישיגען מאכל, דארף מען פרעגין א שאלה.

מיר האבען ניט נייטיג אין די דינים מאריך צו זיין, ווייל מיר אידין
זיינען ב"ה נזהר אויף נור עטוואס צו פרעגען א שאלה.

מילכיגע גיבעקס דארף מען באקין אין איין אנדער פארמאט ווי געוועהנליכע
גיבעקס. אויב מען באקט דיא מילכיגע גיבעקס אין זעלבען פארמאט וויא
געוועהנליכע טאר מען די גיבעקס ניט עסען.

זוען

---

1) התורה כתבה בלשון אכילה לומר שחייב אפילו לא נהנה כגון שהיה חם ביותר עד שׂשרף גרונו או שנתן בתוכו דבר מר בענין שלא נהגה כלל.

ניען מען כאקט חלה מיט מילכיגע גיבעקס, זאל מען ניט אריין זעצין די חלה כל זמן מען נעמט ניט ארויס די מילכיגע גיבעקס. אדער פארקערט ניט אריין זעצין די מילכיגע גיבעקס וואו מען נעמט ניט ארויס די חלה.

---

# ויקהל

---

## קטו) לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת (לה—ג)

די מצות לא תעשה איז, דער וואס איז פארארטיילט שרפה (בזמן הבית) אדער אנדערע מיתות ב"ד (בזמן הבית), זאלל מען איהם אום שבת ניט טאהן זיין שטראף.

אויך שלאגט מען ניט קיין מלקות (בזמן הבית). אונ מען פסק'ת ניט קיין דין תורה צווישין צוויי בעלי דינים אום שבת.

דער מדרש זאגט פאר וואס שטעהט נור ביי דער פרשה, מיט דעם לשון ויקהל, זאלסט איינזאמלען. גאט זאגט צו משה, גייא קלייב צו זאמען קומפאניעס אויף שבת צו לערנען, בכדי דיא שפעטערע דורות זאלען זיך פון דיר אב לערנען זייא זאלען אויך צוזאמען קומען קומפאניעס אללע שבת צו לערנען תורה ברבים.

אויך האבען די חכמים געזאגט עס איז נור געגעבען געווארען שבתים אונ ימים טובים, מען זאל צו לערנען, ווי פיל אידין זיינען טרודים די גאנצע וואך אין פרנסה. האבען זיי קיין צייט צו לערנען בקביעות, דארום דיא וואס לערנען דיא גאנצע וואך ווייניג זיינען זיי מחויב שבת אונ יום טוב מעהר צו לערנען.

די גמרא זאגט אין גטין, איבער דעם שטראף וואס מענשען גייען ניט הערין ווי מען לערנט אדער מען זאגט שבת אין בית המדרש. אונ זיי קלייבען זיך אוים פונקט צו דער צייט גיין עסען, ווערין בעלי בתים יורדים פון זייערע גיטער. דען זיי דארפען עסען פריער אדער שפעטער.

ווען אז עסען שבת איז דאך א מצוה, נור אז מען פערברייגט איבער דעם דאס לערנען אדער הערין ווי מען זאגט, ווערט מען געשטראפט. איז דאך געוויס אז דער שטראף פאר דעם איז זעהער גרויס, וואס מען וויל גאר ניט אביינקומען דעם טאג פון שבת אין א מקום קדוש אריין קוקין אין א ספר אדער הערין א דברי תורה. אונ מען גייט גאר נור שפאצירין, וועור רעדט נאך בעהיטע גאט וואס מען קומט צו חילול שבת אדער אנדערע עבירות ר"ל, ווען מען גייט אוועק אויסער דער תחום אין די וועלדער אדער אין די גערטנער אר"ג.

די

די וואס פלאנצען איין חברות ביי אידין, איבערהויפט ביי יונגע מענשין צי זאלען זיך צו זאמען בינדין אללע טאג איין בעשטימטע צייט, אויך שבת און יום טוב צו לערנען דינים און דרך ארץ, זייער שכר איז זעהער גרויס, דען אויסער וואס זיי ברענגען אידין תחת כנפי השכינה, דען דער יונגער מענש ליידיג גייענדיג קאן ער איבטאן כל העבירות שבעולם, ער לאזט זיך אריין אין די תאות ביז ער פארגעסט גאר אז ער איז א איד. און מיט דעם זעלבען גאנג ערציהט ער נאכהער זיינע קינדער און זא ווייטער. א דור נאך א דור אויף עוויג. אבער ווען מען איז מיסד חברות און מען פיהרט זיי אריין אין דער גוטער וועג, לאזט זיך דאך אויס, דאס די ערשטע מיסדים פון דיא חברות זיינען דער גורם אין דעם ביז עוויג, וואס דער חשבון טראגט גאר אהן א צאהל, וויפיל אידין מען ברענגט תחת כנפי השכינה.

ב"ה וואס די לעצטע צייט געפינען זיך אין אנדערע שטעט חברות מיט דעם נאמען „פועלי צדק", דיא חברה בעשטייט צו שטיצין ארעמע קינדער האנד ווערקער, זיי זאלען אלע טאג אב רייסין עטוואס צייט, אויך שבת און יום טוב נאכמעהר, צו לערנען דינים מוסר און דרך ארץ, איז איין חוב קדוש מיט וואס פאר איין אופן מען קאן דיא חברה שטיצין זאל מען שטיצין, דיא עלטערין דארפען זעהען די קינדער צו טרייבען צו דעם, דען דאס איז דאך זייער גליק אויך, ווארום די עלטערין ווערין בעשטראפט פאר די שלעכטע וועג פון די קינדער אויף עוויג, ווייל געוועהנליך האבען זיי אין דעם אויך א שולד, ווארום מיר זעהען דאך אין דער וועלט ווי עלטערין ערציהען זא קינדער אין גוטין וועג.

השי"ת זאל בעגליקין דיא מתעסקים, און עס זאל רוהען ברכה ושלום אין זייערע הייזער.

מי יתן והיה די וועלט זאל זיך אב לערנען איינע פון די אנדערע, עס זאל זאלכע חברות איינגעפלאנצט ווערין ביי אידין איבעראלל אומעטום.

דער מאכען חברות צום לערנען איז מקרב די גאולה, ווי דער תנא דבי אליהו זאגט, עס וועט ניט העלפין אידין אויס געלייזט צו ווערין, ניט זייער גרויס צער ניט זייער שעבוד, ניט זייער טלטול, ניט זייער דוחק פון פרנסה, נאר וואס עס קלייבען זיך צוזאמען צעהען אידין לערנען איינער מיט דעם צווייטען דאס ברענגט דיא גאולה.